STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08454

MASNKAMF

David Manevich

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד מאניעוויטש

מאסנקאמף

א מתנה דער אינדוסטריעלער
נאָדל־טרייד יוניאָן
פון דוד מאניעוויטש

א זאַמלונג באשרייבונגען פון די קאמפן אין דער נאָדל־אינדוסטריע

אין די יאָרן 1925—1930

פאָרוואָרט פון מ. אָלגין

צייכנונגען פון וויליאם גראָפּער

אויסגאַבע פון דער
אינדוסטריעלער נאָדל־טרייד יוניאָן
ניו יאָרק

Copyright, 1930,
By
David Manevich

אינהאַלט

צו די לעזער, פון דוד מאַניעוויטש — — — — — — — 5
פאָרוואָרט פון מ. אָלגין — — — — — — — — — 6

ערשטע טייל

אַ באַגעגעניש (אנשטאט ארויספיר) — — — — — — 13
דאָס קאָכיג לעבן ארום — — — — — — — — 16
מיין שכן דער סטרייקער — — — — — — — — 24
אַ שוואַרצע כמאַרע פון איסט בראָדוויי — — — — — 29
דער אויפברויז אין יענקי סטאַדיום — — — — — — 36
מיט די רעוואָלטירנדיגע מאַסן — — — — — — — 40
אַ רויטער דאַטום — — — — — — — — — — — — 43
א מעדיסאָן סקווער גארדן מיטינג — — — — — — 52
אין אַ וואָלפן־גרוב — — — — — — — — — — — 58
„געַ־ר־ר־ראררי!“ — — — — — — — — — — 62
קאַמף אויף לעבן און טויט — — — — — — — — 66
אַ פּאַטש אין פּנים די „לייבאָר־פייקערס“ — — — — 70
זיגמאַנס „רעדזשיסטריישאָן“ — — — — — — — — 77
די קרבנות רופן צום שטים־קאַסטן — — — — — — — 82
קאַמף געגן פאַרפאָלגונגען — — — — — — — — 85
די הונדערטער־קאָמיטע — — — — — — — — — 95
עס מוז נעמען א סוף! — — — — — — — — — — 103
א יוניאָן־סקווער אויפברויז — — — — — — — 107
אויף דער פּיקעט־ליין — — — — — — — — — 114
נאָך אַ היסטאָרישער טאָג — — — — — — — — — 117
אין געריכט־הויז — — — — — — — — — — — 126
פון דער טורמע אויף דער פּיקעט־ליין — — — — — 130
זיגמאַנס פּאָגראָם — — — — — — — — — — — 135
דער ענטפער צו די פּאָגראָמשטשיקעס — — — — — — 138
נאָך אַ מעדיסאָן סקווער גארדן מיטינג — — — — — 142
וואָרט און טאַט — — — — — — — — — — — — 146
זיגמאַנס „קוני־איילענד“ — — — — — — — — — 150
קרבנות פון פאַרראַט — — — — — — — — — — 154
„זיגמאַן מאַסט גאָו“! — — — — — — — — — — 161

די פרייד פון קאַמף — 166
די שטימע פון אַרבעטער־פאָלק — 170
דער חורבן — 177
אין א גוס־רעגן — 181
די „טאָלעראַנטניקעס" — 184

צווייטע טייל

ביי די פאָריער — 189
„קאַרנעגי האָל" — 192
די אַנטשלאָסנקייט וואַקסט — 197
אייניגקייט — 200
דער תּאַם און צאָרן פון די אַרבעטער־מאַסן — 204
די שונאים שפּילן מיט פייער — 208
דער פייער צופלאַקערט זיך — 211
דער אַוואַנגאַרד פון ארבעטער־פרויען — 215
מינעאָלאַ — 220
מאָביליזאַציע פון די פאָריער־ארבעטער — 224
דורך קאַמף צום זיג — 230
אויף די גאַסן און אין די האָלס — 234
אויפן שלאַכט־פעלד — 237
א פלוך אויפן „פאָרווערטס" — 242
אויסערגעוויינלעכס — 246
בראָנקס־סטאַדיום — 250
די פאָריער אין די פוס־טריט פון די קלאָוקמאַכער — 253
זיגמאַנס מפּלה — 257
דורך דערנער צו בלומען־קראַנצן — 261
א פאַראייניגטע ארבעטער־פעסטונג — 267
„לינקאָלן־ארענא" — 270
„נידל־טרייד וואָרקערס אינדאָסטריעל יוניאָן" — 277
סיגנאַל צו באַנייטן קאַמף — 283
„מאנטאג" אין צייט פון סטרייק — 287
אן אומשולדיגער קרבן — 290
די מערדער און זייערע באַשיצער — 294
אויפן קרייץ פון צוויי וועגן — 298
„מאָביליזאַציע!" — 302
מיט נייעם מוט אויף נייע וועגן — 308
די אינדוסטריעלע נאָדל־טרייד יוניאָן, א
רויטער אוואַנגאַרד — 312
ווערטערבוך — 316

צו די לעזער.

די גלענצנדע קאמפן, די גראנדיעזע ארויסטרעטונגען פון די נאדל־ארבעטער אין אמעריקע, איבערהויפט אין ניו־יארק (אין די יארן 1925—1930) — וועלן פארנעמען אן אנגעזעענעם פלאץ אין דער געשיכטע פון קלאסנקאמף.

דער צוקונפטיגער מארקסיסטישער היסטאריקער, וואס וועט זיין בארופן צו באלייכטן די הויפט־עטאפן פון דעם אמעריקאנעם ארבעטער־קלאס אויף זיין דארנדיגן וועג צו ענדגילטיגער באַ־פרייאונג פון די קאפיטאליסטישע קייטן, וועט מוזן זיך אפשטעלן אויף די פאסירונגען, וואס זיינען פארגעקומען אין די פינף יאר צייט בא די נאדל־ארבעטער, הויפטזעכלעך בא די קלאוק־ און דרעסמאכער און פאריער.

אויף מיין גורל איז אויסגעפאלן נאכצופאלגן טריט בא טריט די אלע קאמפן און אויפ׳ן הייסן סליאד פארנאטירן זיי.

איינשליסן אלע מיינע באשרייבונגען, וואס האבן זיך אנ־געזאמלט פאר די דערמאנטע יארן, אין איין זאמל־בוך — איז אוממעגליך און ס׳איז ניט נוטיג. איך האב אפגעקליבן די מער־שטורמדיגע מאמענטן, די מער־פלאמיגע אויפברויזן, צו געבן דעם לעזער אן אויספירלאכע בילד וועגן דער מאסנאקטיווויטעט אויף דער אידישער ארבעטער־גאס אין אמעריקע.

הגם א סך מאמענטן פון קאמף האב איך געמוזט אויסלאזן, דאך האב איך געשטרעבט, אז צווישן די קאפיטלען זאל אנגע־האלטן ווערן א געוויסן כראנאלאגישע פארבינדונג.

עס מוז אויך באמערקט ווערן, אז מיר איז אויסגעקומען ראדיקאל איבערארבעטן דעם טעקסט פון א גרעסטער טייל פון די ארטיקלען, וואס זיינען אין יענער צייט געווען געדרוקט אין דער „פרייהייט״, כדי זיי זאלן זיין מער צוגעפאסט פאר א בוך־פארם.

חוץ דעם זיינען אריין אין בוך א ריי נייע קאַפּיטלען, וואָס זיינען דאַמאָלסט געווען געדרוקט אין אונזער רוסישן ברודער־אָרגאַן „נאָווי מיר“. דאָס זיינען די קאַפּיטלען: „יענקי סטאַד־יום־אויפברויז“, „מיט די רעוואָלטירענ־דיגע מאַסן“, „קאַרנעגי האָל“ און אַנדערע.

* * *

ס'איז געווען דער וואונש פון אַ סך אַרבעטער, אַז די אַלע באַשרייבונגען זאָלן ניט פאַרבלייבן צוזייט אין די צייטונג־בלע־טער און געזאַמלט ווערן אין אַ בוך־פאָרם. איך טו דאָס איצט מיט דער האָפענונג, אַז די אידישע אַרבעטער, סיי פון אַמעריקע און סיי פון אַנדערע לענדער, וועלן שענקען אויפמערקזאַמקייט דער דאָזיגער זאַמלונג און איינזען אין דעם ניט בלויז אַן אָנדענק וועגן געוועזענע קאַמפן, נאָר הויפטזעכלעך אַ לעבעדיגן ביישפיל פאַר דעם ווייטערדיגן מאַסנקאַמף אונטער דער פירערשאַפט פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי — צו דערגרייכן דעם ענד־ציל: די פולשטענדיגע באַפרייאונג פון דעם אַמעריקאַנעם פראָלעטאַריאַט אונטער דער רויטער פאָן פון סאָוועטן אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

דוד מאַניעוויטש.

ניו־יאָרק, 1930.

באַמערקונג פונ'ם אויטאָר:

צום סוף בוך ווערט געגעבן אַ פאַרקירצטע אויסטייטשונג פון ענגלישע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס געפינען זיך אין דעם זאַמל־בוך.

פאָרוואָרט

די קאַמפּן פון די נאָדל־אַרבעטער אין ניו יאָרק אין די יאָרן 1925—1928 צייכענען זיך אויס מיט מאַסן־ענטוזיאַזם פון איין זייט, מיט גרויסע, פאַטאַלע טעותן — פון דער צווייטער. דער ענטוזיאַזם איז געקומען פון די „רענק ענד פאַילערס“, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן מוסטערן פון מוט און אַגרעסיווקייט. די טעותן זיינען געקומען פון דער פירערשאַפט, וואָס האָט ניט געהאַט קיין קלאָרע קלאַסן־פּראָגראַם און דעריבער ניט געוואוסט, וואוהין זי פירט. דער רעזולטאַט איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלער צוזאַמענברוך פון דער באַוועגונג אין 1927 און אַ לאַנגזאַמער פיינליכער פּראָצעס פון ווידעראויפבוי אויף אַ נייעם באַזיס אין די פאָלגנדע יאָרן, — אַ פּראָצעס, וואָס האָט נאָך איצט, אין אויגוסט 1930, ניט דערגרייכט די געהעריגע הויך.

די טעותן פון דער פירערשאַפט זיינען געווען טיילווייז אַזוינע, וואָס זי האָט געטיילט מיט דער גאַנצער לינקער באַוועגונג אין די יוניאָנס; טיילווייז אַזוינע, וואָס האָבן געטראָגן אַ מער לאָקאַלן כאַראַקטער. צו די ערשטע מוז מען צורעכענען דאָס קוקן אויף די קלאַסן־באַוואוסטזיניגע רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן ווי אויף אַ „לינקן פליגל“, ד. ה. ווי אויף איין טייל פון עפּעס אַזוינעם, וואָס איז בעצם גאַנץ און איינהייטלעך — די אַזוי גערופענע „אַרבעטער־באַוועגונג“. צו אָט די טעותן מוז מען אויך צורעכענען דאָס קוקן אויף די יוניאָן־פאַררעטער ווי אויף אַרבעטער־טועד, וואָס מיר מעגן, אמת, ניט מסכים זיין מיט זייער פּאָליטיק און מיר דאַרפן זיי קריטיקירן, אָבער מיר טאָרן ניט פאַרגעסן, אַז אויף זייער אייגענעם אופן דינען זיי די אַרבעטער־אינטערעסן. די דאָזיגע טעותן האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין אַזוינע אַקטן, ווי למשל, דאָס לייכטע

שלום מאכן מיט דער פארעטערישער יוניאָן־אדמיניסטראציע פון דער אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט װאָרקערס יוניאָן סוף 1925 נאָכדעם, װי יענע האָט „אויסגעשלאָסן" די דרײ גרעסטע לאָקאלן, װעלכע האָבן אנטהאלטן א גרויסע קאָמפּאקטע מאסע מיליטאנטע מיטגלידער, — דעם סאמע רוקן־בײן פון דער אָרגאניזאציע. די דאָזיגע לאָקאלן האָבן פארמאָגט אזוי פיל קלאסן־באוואוסטזײן, אזוי פיל קעמפערישקײט און אזוי פיל אָרגאניזאציאָנעלע צוזאמענגע־שלאָסנקײט, אז זײ װאָלטן — אונטער אויסגעהאלטענער פירער־שאפט, לײכט געקענט װערן דער פונדאמענט פון א געזונטער פּראָ־לעטארישער יוניאָן מיט א קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע. די טעותן האָבן זיך ארויסגעװיזן אין אזוינע אקטן, װי למשל, א גע־מײנזאמע סטרײק־פירערשאפט מיט די יוניאָן־ביוראָקראטן אין דעם קלאָוקמאכער־סטרײק פון 1926, װאו די זיגמאן־עלעמענטן האָבן באקומען א מעגלעכקײט צו פארראטן די צענדליגער טויזנטער סטרײקער. די דאָזיגע אלע און אומצײליגע אנדערע טעותן זײנען נאָר געװען מעגלעך א דאנק דעם ניט־זעען קײן װעג און ניט־האָבן קײן אויסגעהאלטענע קלאסן־פּאָליטיק.

די לאָקאלע טעותן זײנען אויך געװען צאָלרײך און ניט װײ־ניגער פאטאל. מען דארף נאָר דערמאָנען דעם פאקט, װאָס די סטרײק־פירערשאפט האָט אין דעם פאָריער־סטרײק און קלאָוקמא־כער־סטרײק פון 1926 — װאו די מאסן האָבן געקעמפט מיט גע־װאלטיגער מסירת נפש — אָפט גענוצט די מעטאָדן פון די אלטע יוניאָן־ביוראָקראטן. מען דארף אויך דערמאָנען דעם װידער־שטאנד, װאָס די פירערשאפט האָט ארויסגעװיזן צו דער אידײע פון אינדוסטריעלן יוניאָניזם אפן געביט פון דער נאָדל־אינדו־סטריע, שוין ניט צו רײדן װעגן דעם ניט־בויען די יוניאָן אויף דעם שאפ־דעלעגאטן סיסטעם און אויף די שאפ־קאָמיטעטן אלס פונדאמענטאלע קעמערלעך פון דער אָרגאניזאציע. פארגעסן טאָר מען אויך ניט די אומגעניגענדיגע צוגרײטונג און פעלערהאפטע פי־

רערשאַפט פונם פּאַריער־סטרייק אין 1927, פון דעם דרעססמאַכער און פּאַריער־סטרייק אין 1929 און אז. וו.

די קאַמפן פון די נאָדל־ארבעטער זיינען אויף אזא אופן היס־טאָריש אין אַ טאָפּלטן זין: זיי ווייזן, וואָס די ארבעטער קענען אויפטאָן אין זייער שטרעבן צו ברעכן די מאכט פון די באַלעבאַ־טים מיט זייערע סאָציאַל־פּאַשיסטישע העלפער; זיי ווייזן אָבער אויך, וואָס עס קען ווערן פון א געוואַלטיגער מאַסן־באַוועגונג מיט אַן אָומגעוויינטלעכער קאַמף־קראַפט, ווען זי ווערט ניט גע־פירט אויפן ריכטיגן וועג.

אָט די צווייטע זייט פון דער באַוועגונג פעלט אינגאַנצן אין חבר מאַניעוויטש'עס בוך — און זי האָט געמוזט פעלן לויט דעם כאַראַקטער פון דעם אנטהאַלטענעם מאַטעריאַל.

דער מאַטעריאַל באַשטייט אינגאַנצן פון ציטונגס־בילדער, וואָס זיינען פאַרצייכנט געוואָרן פאַר דער „פרייהייט" אין סאַמע ברען פון די קאַמפן. דער גאַנצער בוך איז אייגנטלעך איין לאַנגע סעריע אַזוינע צאַפּלדיגע בילדער, וועמעס גרויסע מערהייט איז געשריבן געוואָרן אין דעם אויפברויז־פעריאָד פון 1925—1927.

ציטונגס־בילדער האָבן אָבער זייער לאָגיק. זיי זיינען אויפ־געכאַפּט געוואָרן אויפן מאָמענט, אונטערן פרישן איינדרוק פון אַ געוויסן אַקט. זיי אָטעמען מיט דער מאַסן־שטימונג: צאָרן, האַס, פרייד, האָפנונג, שטאָלץ. זיי ווייסן ניט פון ניואַנסן. זיי ריידן אַלעמאָל אַ געהויבענע שפּראַך. זיי ניצן פּלאַקאַטן־מעסיגע פאַרבן. זיי זיינען געשאַפן צו באַגייסטערן די מאַסן, צו טרייבן זיי אַלץ ווייטער אין קאַמף געגן שונא. זיי לאָזן דורך די שאָטן־זייטן מיט אַ כיון. זיי זיינען ניט באַרופן צו קריטיקירן: זיי זיינען באַרופן צו מונטערן און וועקן.

דעריבער איז ביי חבר מאַניעוויטשן פאַראַן די שטימונג פון די מאַסן, און דעריבער דאַרף דער לייענער קוקן אויף דעם ווערק ניט ווי אויף אַ געשיכטע פונם קאַמף אין דער נאָדל־אינדוסטריע פאַר יענעם פעריאָד, נאָר ווי אַ געשיכטע פון די מאַסן־באַוועגונ־

נען, ווי מען האָט זיי געקענט זען פון אויסווייניג, מערסטנס אין פאַרזאַמלונג־זאַלן און דעמאָנסטראַציעס אין די גאַסן.

אָט די אָפּשפּיגלונג פון דער מאַסן־שטימונג — הגם אַ פּאַ־טעטיש־פאַרגרעסערטע און, לויט די אומשטענדן פון דער ארבעט, אידעאַליזירטע — איז דאָס ווערטפולסטע אין חבר מאַניעוויטשעס בוך. דער צוקונפטיגער היסטאָריקער וועט ניט קענען באַקומען פון דעם בוך קיין גענוי בילד וועגן איינעם פון די פאַרברייכסטע קאַ־פּיטלען אין דער געשיכטע פון אַמעריקאַנישן קלאַסן־קאַמף, ער וועט אָבער באַקומען אַן אָפּקלאַנג פון דעם, וואָס ס'האָט געשווימט און געיוירט און זיך אַריבערגעגאָסן איבערן ראַנד צווישן די מאַסן און זייערע אַרויסטרעטונגען פון יענעם פּעריאָד.

חבר מאַניעוויטש איז, לויט זיין אַרט שרייבן און לויט די אומשטאַנדן פון אַרומיגן לעבן, העכסט מסוגל געווען אָפּצושפּיג־לען גראַד אָט די זייט פון די קאַמפן. חבר מאַניעוויטש איז אַ זשורנאַליסט מיט אַ בעלעטריסטישער נייגונג. אין זיין ערשטן בוך אויף דער אידישער שפּראַך: „אין יענע טעג" זיינען דאָ בילדער פונם בירגער־קריג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכע לייענען זיך ווי גוטע דערציילונגען. אין פאַרשיידענע צייטן האָט ער געשריבן אַ געוויסע צאָל ריין־בעלעטריסטישע זאַכן. אָבער אַם בעסטן איז ער, ווען ער מאָלט קינסטלעריש אַ בילד פונם ווירקלעכן לעבן. גראַד איז ח' מאַניעוויטש געקומען קיין אַמעריקע און גראַד האָט ער זיך געפונען פּנים אל פּנים מיט אַזוינע פאַקטן פון מאַסן־קאַמף, וואָס האָבן אים פּערזענלעך פאַרכאַפּט און אָנגעפילט מיט אויסערגעוויינטלעכן אינטערעס. דאָס האָט אים ממש גע־צוואונגען צו שרייבן. דער רעזולטאַט איז געווען — אַ ריי בילדער, וואָס אַנטפּלעקן אַן עמאָציאָנאַל־אויפגעשטורעמטן מענטשן. עס באַקומט זיך אָפּט דער איינדרוק, דערהויפּט אין די ערשטע ביל־דער, אַז ניט חבר מאַניעוויטש שילדערט, נאָר ער באַזינגט די קאַמפּס־מאָמענטן. וועגן קריטיק איז ניטאָ קיין רעדע אין אַזוינע

פאַלן, דערפאַר אָטעמען די זאַכן מיט דער פּאָעזיע פונם מאָמענט, מיט דער שיינקייט פון דעם מאַסן־ארויסטריט.

דערין איז די שטאַרקייט פון די זאַכן.

פון אַ באַגייסטערטן זינגער קען מען ניט פאָדערן קיין דע־טאַלן. מען קען פון אים ניט פאָדערן קיין לאָקאַלן קאָליר, וואָס זאָל זיין אַנדערש, אַ שטייגער, אין קאַרנעגי האָל ווי אין קופּער יוניאָן, אַנדערש אין געריכט ווי אויף דער פּיקעט־ליין, אַנדערש אין 1929 ווי אין סאַמע קאָך פון 1925. חבר מאַניעוויטש אינדיווי־דואַליזירט ניט זיינע בילדער. זיי זיינען אַלע פול מיט כמעט דעם זעלביקן העלן ליכט. זיי זיינען געשריבן אין דעם זעלביקן גע־הויבענעם טאָן. אין מאָמענטן, ווען די באַוועגונג גייט דייט־לעך באַרג־ארונטער, איז דער טאָן שוין אָפּטמאָל איבערגעטריבן. דער שרייבער וויל מיט זיין צופּיל־מונטערן טאָן ווי פאַרבאָרגן דעם גאָר־ניט־פרייִלעכן אמת. אָבער אין די אויפשטייג־צייטן איז דער טאָן אין הסכם מיט דער שטימונג, און די בילדער זיינען אַ מוסטער פון דעם, ווי אַזוי די מאַסן האָבן זיך געזען אין ליכט פון זייערע אייגענע קאַמפן.

ווידערהאָלונגען זיינען אין צייטונגס־אַרטיקלען אויך אומפאַר־מיידלעך. חבר מאַניעוויטש האָט, נאַטירלעך, אַ סך אויסגעבע־סערט אין די „געהערט־און־געזען"־עסקיזן, ווי זיי האָבן זיך גע־דרוקט אין דער „פרייהייט". אָבער אַ היבש ביסל ווידערהאָלונגען זיינען געבליבן — און אייניקע פון זיי וואָלט כדאי געווען צו עלימינירן. מיר מיינען דאָס אָפּטע אונטערשטרייכן, ווי אַזוי די מאַסן זיינען באַגייסטערט פאַר זייערע פירער, און דאָס אָפּטע דער־מאָנען פון נאָר צוויי־דריי נעמען. דאָ האָט חבר מאַניעוויטש פּשוט ניט אויסגעהאַלטן דעם היסטאָרישן אמת. ערשטנס, האָט ער אויסגעלאָזט די נעמען פון אַ צאָל רעכטע פירער, וואָס די מאַסע איז פאַר זיי געווען באַגייסטערט צוריק מיט עטלעכע יאָר און וואָס זיינען סוף כל סוף אָפּן אריבער אין לאַגער פון די רע־נעגאַטן. ארויסלאָזנדיק אָט די נעמען, האָט חבר מאַניעוויטש ווי געוואָלט באַשיצן די מאַסע געגן דעם פאָרוואורף, אז זי האָט גע־

שעצט רעכטע. אָבער גראָד אַט דער פּאַקט וואָלט באַוויזן, אַז עפּעס איז ניט אַלצדינג געווען גלאַט מיט דער פירערשאַפט אַפילו אין יענע צייטן. צווייטנס, איז ביי חבר מאַניעוויטשן פאַראַן בכלל צו פיל שבחים פאַר עטלעכע געציילטע נעמען. אין טומל פון אַר־בעט, ווען מ'האָט אין איילעניש פאַרנאָטירט געשעענישן, האָט מען ניט באַמערקט, ווי מען איבערטרייבט. אָפט האָט מען איבערטריבן מיט אַ כיון. אין היסטאָרישער פּערספּעקטיווע, דערהויפּט ווען די זעלבסט־קריטיק האָט אויפגעדעקט אַזוי פיל שווערע טעותן, איז דאָס שפּילן אויף דער סטרונע פון פּערזאָנען לחלוטין ניט נויטיג.

די צייט איז שוין ניט ווייט, ווען אַ קריטישע געשיכטע פון די נאָדל־קאַמפן וועט זיין מעגלעך. דערווייל וועלן אָט די בלעטלעך פון דער גאָר־נאָנטער פאַרגאַנגענהייט העלפן אויפשטעלן ביי די נעכטיגע אַנטיילנעמער און ביי די ברייטע מאַסן בכלל אַ בילד פון די איבערגעלעבטע מאָמענטן און העלפן מאָביליזירן די אַרבעטער פאַר ווייטערדיגע אָנגעשטריינגטע קאַמפן.

מ. אַלגין

א באַגעגעניש

(אָנשטאָט אריינפיר)

דאָס איז געווען אין א הארבסטיגן פרימאָרגן.

די ניו יאָרקער גאַסן זיינען געווען פול מיט פארהאַוועטע מענטשן. איך בין זיך געגאַנגען פארטראַכט. פּלוצים דערפיל איך, ווי אימיצער לייגט־ארויף א האנט אויף מיין פּלייצע און טוט א זאָג:

— ענדלעך האָב איך אייך געטראָפן!

פאַר מיר איז געשטאַנען אן אומבאַקאַנטער ארבעטער מיט א בלאַסן אויסגעווייקטן פּנים.

— איר קאָנט מיך אפשר ניט, נאָר איך קאָן איך גאַנץ גוט — פון די „יענע טעג", וואָס איר האָט באַשריבן. האָב איך טאַקע געוואָלט ביי אייך פרעגן: ווען וועט איר שוין אָנהויבן באַשרייבן די „איצטיגע טעג"! איך מיין אונזערע קאַמפן, דאָ אין אמעריקע, וואָס מיר פירן־אָן בא היינט־צו־טאָג געגן די באַלעבאַטים — געגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג.

אין זיינע אָפּגעבליאַקעוועטע, טיף־איינגעפאַלענע אויגן האָבן זיך אנגעצונדן פייערלאַך. ער האָט מיך א כאַפּ־געטאָן פאַר דער לאַץ פון מיין מאַנטל:

— אזא קאָכעדיק לעבן אַף יעדן טריט און שריט! מיר דוכט, ווען איך זאָל קאָנען אויסלייגן מיינע געדאַנקען וועגן אַלץ, וואָס איך זע און הער, וואָס איך פיל און טראַכט, וואָלט איך, דוכט מיר, פעסער טינט אויסגענוצט, בערג מיט פּאַפּיר פאַרשריבן!

ער האָט זיך שטאַרק פאַרהוסט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און פאָרגעזעצט:

— אָט נעמט, למשל, אזא זאַך: וואוינען וואוין איך אין בראָנ־

זוויל, און אַרבעטן האָב איך געאַרבעט אַף דער 34טער סטריט. דאָס פאָרן אהין און צוריק — צו דער אַרבעט און פון דער אַרבעט — איז דאָך אַן אָפּקומעניש! דו גייסט ניט אַריין אין טריין, נאָר עס שלעפּט דיך אַריין און עס שליידערט דיך אַרויס. און די גאַנצע צייט פון׳ם פאָרן שטייסטו אַן איינגעפּרעסטער אין אַי־מעצנס אַ רוקן, אַן אַקסל, אַ בויך, אַ ברוסט, פּנים־לפּנים און פון מויל פון דעם צוגעפּרעסטן, טרעפט, שטראָמט אַף דיר אַזאַ שטי־קענדיקער אָטעם, אַז ס׳כאַפּט אָן חלשות... איז דאָך שלעכט, איאָ? אָבער ווי שרעקלאַך עס איז, אַז דו האָסט ניט וואוהין צו פליען גאַנץ פרי און דו דאַרפסט שוין זיך ניט שפּאַרן אין דעם פינסטערן סאָבוויי אַלע פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט, ווייל דו האָסט קיין אַר־בעט ניט!

— וואָס ווילט איר דערמיט אַרויסברייננגען? — פרעג איך אים און פיל, ווי מיין צוטרוי צו אים ווערט פאַרשוואונדן...

— גאָרניט... — זאָגט ער, און טוט זיך אַ קראַץ אין דער פּאַטילניצע: — איך וויל אַרויסברייננגען, אַז דאָס לעבן איז אַזאַ כשוף־מאַכער, אַז עס קאָן פאַרוואַנדלען דעם פּיין, די מאַטערניש, די אויסרייסעניש אין אַ „מזל־ברכה“... ס׳איז דאָך אַ מזל־ברכה, אַז מ׳האָט וואוהין צו איילן זיך גאַנץ פרי — כ׳מיין, אַז מ׳האָט דעם פינסטערן שאַפּ, דעם באָס, דעם בלוט־זויגער, דעם פאָרמאַן־דעם הונט, — קורץ, אַז מ׳האָט וואו צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט!

— אָט גיי איך אַרום שוין דריי חדשים אָן אַרבעט. אין דער היים איז וויסט און פינסטער. ווייב און קינדער ווילן עסן, זייי־נען באָרוועס און נאַקעט. איך שפּאַר זיך שוין ניט אין טריין. איך קאָן אַריינגיין פּאַוואָליע און האָב פּלאַץ איבערפול: דער טריין איז פּוסט... איז דאָך גוט, האָ? אָבער וואָס פאַר אַ קללה איז דאָס דאָזיגע פּאַוואָליע אַריינגיין אין טריין! וואָס פאַר אַ שרעק־לעכע ליידן פאַרשאַפט דיר די פּוסטקייט פון׳ם וואַגאָן...

אַף זיין אָפּגעצערטן, בלייכן געזיכט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זיין טיפער שמערץ.

— ווייסט איר כאַטש, ווער איז שולדיק אין אייערע לײדן?
— זאָג איך צו אים.
— וואָס קומט ארוים דערפון, אז איך ווײס... — ענטפּערט ער מיט א שווערן זיפץ: — אָט דאָס איז דאָך מײן אומגליק, וואָס איך ווײס...
— וואָס הייסט „אייער אומגליק“?
— גאָר פּשוט. אז מ׳ווייסט ניט, אין וואָס עס שטעקט דער גאַנצער אומגליק, אז מ׳פאַרשטייט ניט, פון וואַנעט עס נעמען זיך אָט די אַלע צרות: ארבעטסלאָזיגקייט, עקספּלואַטאַציע, — פון איין זייט; רייכטום, לוקסוס — פון דער אנדער זייט, איז גרינגער צו לעבן...
— מיט וואָס איז דאָס גרינגער?
— ס׳איז גרינגער, ווייל אז מ׳ווייסט ניט און מ׳פאַרשטייט ניט, איז רעכט צו זיין א סקעב, אונטערלעקן זיך דעם פאָרמאַן, אונ־טער׳חנפ׳נען דעם באָס — און דאמאלסט ביסטו מער זיכער מיט׳ן דזשאָב...
— זענט איר זיי, הייסט עס, מקנא...
— ניט דערלעבן וועלן זיי, איך זאָל זיי מקנא זיין! — האָט מײן אומבאַקאַנטער אויסגעשריען:
— איך וועל מיינע לײדן ניט פאַרבייטן אויף זייערע פעטע „טשיקנס“, אויף זייער שיינע „פאַרניטשור“, אויף זייערע גרויסע „רומס“. איך האָב זיי אין דר׳ערד! איך ווייס, אז מיינע צרות, מיינע לײדן זיינען א טייל פון די צרות און לײדן פון דעם גאַנצן ארבעטער־קלאַס איבער גאָר דער וועלט! און איך גלויב און איך בין זיכער, אז ס׳וועט קומען די צייט און מיר אַלע, וואָס ווערן איצט אזוי פאַרשוואַרצט און פאַרפינסטערט — מיר וועלן זיין — די זיגער! דאָס האָט באוויזן רוסלאַנד!
זיין קול האָט אָפּגעקלונגען שטייף און זיכער:
— נו, ווי בלייבט? — האָט ער מיך א פרעג געטאָן.
— וואָס? — האָב איך ניט פאַרשטאַנען.
— אָט וועגן באשרייבן די איצטיגע טעג —
איך האָב אים צוגעזאָגט.

דאָס קאָכיג לעבן ארום

. . . האָב איך געפאָלגט דעם ארבעטער און גענומען זיך צו־קוקן און צוהערן צום ארומיקן לעבן, וואָס קאָכט און זידט אויף יעדן טריט און שריט.

פארפלייצט זיינען די גאַסן מיט מענטשן. ווי א ווירבער טראָגן זיך אַלט און יונג, ווייב און קינד.

וואָס יאָגט זיי?

דאָס שטיקל ברויט. דאָס שטיקל ברויט.

אָט שטייט אויף א „קאָרנער" פון א ברייטער קאָכעדיקער גאָס א מחנה מענטשן. דער גאַנצער קערפּער בא יעדן איז אָנגע־שטריינגט — גרייט צום לויפן. נאָר מ'מוז שטיין און וואַרטן ביז די צענדליקער, הונדערטער אָטאָמאָבילן וועלן דורכפליען.

ווי טייוואָלים טראָגן זיי זיך, ווי ניט־גוטע. . .

און יעדער אָטאָמאָביל איז א מלאך־המות.

שטייט מען און מ'וואַרט.

די מענגע וואַקסט פון מינוט צו מינוט. די העלזער אויסגע־צויגן פאָראויס. שטייענדיג לויפט מען. די שטיינערנע ערד ברענט אונטער די פיס. ניטאָ קיין צייט צו שטיין.

האָט אָבער איינער א הויכער, א דארער מיט צעטראָגענע אויגן, וואָס אין זיי איז פארגליווערט דער שרעק פאר'ן לעבן, ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן ביז דער ווילדער געלאַף פון די אָטאָמאָ־בילן וועט אָפּגעשטעלט ווערן. ער האָט געמוזט זיין צו דער מי־נוט אפ'ן „דזשאָב", וואָס ער האָט נאָך לאַנגער מאַטערניש געקראָגן. האָט ער זיך א לאָז געטאָן איבערגיין דעם וועג. אין איין אויגנ־בליק איז ער שוין אונטער אן אויטאָמאָביל געלעגן.

א שוידערלעכער „אוי!" האָט זיך פון צענדליקער הערצער ארויסגעריסן, צעשראָקענע אויגן זיינען פון די אויגן־לעכער ארויס, ציטערנדיקע הענט האָבן פינגער געבראָכן:

— אוי־ווי, אוי־ווי...

די אויטאָמאָבילן־מחבלים זיינען שטיין געבליבן און האָבן געברומט:

— ווי אזוי האָט ער געוואגט! ווי האָט ער געסמעיעט!

אין דעם אָטאָמאָביל, וואָס האָט דעם מענטשן צעמזיק'ט, איז אַ גרויסאַרטיקע דאַמע געפאָרן... אין אַ לאָרנעט האָט זי גע־קוקט דורכ'ן פענצטערל פונ'ם אויטאָמאָביל אויף דעם רעש און טומל ארום. זי איז געבליבן זיצן אינווייניק און האָט זיך פון אָרט ניט גערעריט די גאַנצע צייט, בשעת מ'האָט דעם אומגליק־לאכן פון אונטער די רעדער ארויסגעשלעפּט און אַף אַן אמבולאַנס אין אַ דערבייאיקן האָספּיטאַל אוועקגעפירט.

אַ נאַסער רויטער פלעק איז אַף יענעם אָרט געבליבן.

דאָס קאָכעדיקע לעבן איז ווידער זיין אימפּעטיקן גאַנג גע־גאַנגען, ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן, ווי אלע טאָג...

* * *

גיי איך ווייטער און זע: עס ציט זיך אַן אומענדלעכע קייט פון מענער און פרויען, אָפּגעצערטע, אויסגעדאַרטע, פאַרשמאַכטע. מ'גייט אקסל צו אקסל, האַנט באַ האַנט, אין פעסטע רייען גע־שלאָסן.

שטייף איז זייער טראָט, אנטשלאָסנקייט איז אין זייערע פאַר־שאַרפטע בליקן.

דאָס זיינען אַרבעטער און אַרבעטערינס פון די ניו יאָרקער שעפּער.

סטרייקער.

מיט הורא־אויסגעשרייען באַגריסט מען זיי, די בראַווע קעמ־פער.

וואוהין מאַרשירן זיי?

צום מעדיסאָן סקוועער גאַרדן, אויף אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַ־ציע.

איך גיי מיט'ן שטראָם.

טראָגט מיך דער שטראָם, צי דער שטראָם איז אין מיר?

נאָך פון די מאָסקווער גאסן, פון די אוקראַינישע רויטע וועגן טראָג איך אין זיך דעם דאָזיקן שטראָם. ער איז איינגעפלאַנצט מיט פייער און פלאַם, מיט טייכן בלוט.

מיר מארשירן אריין אין דעם מעדיסאָן סקווער גארדן.

ווי גרויס, ווי אומענדלאך גרויס איז אָט־דער מאָדערנער בבל־טורעם! מיט'ן אויג ניט ארומכאַפּן די צענדליקער טויזנטער פלעצער.

ווי קוים באַמערקבאַרע פיר־קאַנטיקע קעסטעלאך, וואָס א קינסטלעריש־מאַלערישע האַנט האָט זיי אויסגעמאָלט, זעען זיי אויס ארום און ארום, פון אונטן ביז ארויף, און נאָך העכער.

אין איין אויגנבליק ווערן די קעסטעלעך לעבעדיק, פארפלייצט מיט קאָכענדיקע געשטאַלטן, מיט פלאַמענדיקע פנימ'ער, מיט ברע־נענדיקע אויגן.

און עס רוישט, און עס קאָכט ארום און ארום, פון אונטן ביז ארויף, און נאָך העכער.

אן אויסגוס פון ברויזנדיגע הערצער איז דער גרויסער מע־דיסאָן סקווער גארדן.

מ'לאָזט שוין מער ניט אריין: ניטאָ קיין פּלאַץ פאר די הונ־דערטער און טויזנטער, וואָס האָבן פארשפּעטיקט.

צוואַנציק טויזנט אויפגעפלאַמטע הערצער.

און יעדע הארץ איז א בליץ, וואָס זאָגט אָן וועגן דעם קו־מענדיקן דונער, און יעדע הארץ טראָגט אין זיך דעם פייער פון רעוואָלט.

וואָס האָט אלעמען געבראַכט אהער? וואָס האָט זיי פאר־אייניקט אין איין מעכטיקן פילקעפּיקן קערפּער?

ווילן צום לעבן, רעכט אויף לעבן.

— העברעע ווידזשעס, קירצערע שטונדן! וואָס מיינט עס?

— דאָס מיינט: מער ברויט און צום ברויט! מער לופט און געזונט פאר'ן קערפּער. מער יאָרן צום לעבן.

— דאָס מיינט: מער צייט צו דערהויבן די נשמה צו שיינ־קייט, דעם מח צו וויסנשאַפט!

— מיר וועלן אונזער קאַמף ניט אויפגעבן ביז מיר וועלן ניט זיגן!

צוואַנציק טויזנט הענט פלאַטערן אין דער לופטן. דונער־דיקע הענט־קלאַפּערייען טרייסלען אויף די ריזיקע געביידע.

און איך הער און איך זע, ווי יעדער האַנט־קלאַפּ יאָגט אריין א טשוואָק אין דעם אָרון פון דער אַלטער פארשימלטער וועלט...

* * *

יעדעס מאָל, ווען איך קום אין א מעדיסאָן סקוועיר גאַרדן, צי אין אַ יענקי סטאַדיום אויף אן ארבעטער דעמאָנסטראַציע, דוכט זיך מיר, אז איך בין צוריק אין מאָסקווע, צוריק אין ס. ס. ס. ר.

אַלץ, וואָס איז מעכטיק, ברויזנדיק און דונערדיק — איז מאָסקווע, איז סאָוועטן־פארבאַנד.

דאָרט איז דער גרויסער לעבעדיקער קוואַל פון פרייען גייסט, פון רעוואָלט, וואָס שאַפט און בויט.

דאָ איז ערשט דער אָנהויב.

ביים ארויסגאַנג פון מעדיסאָן סקוועיר־גאַרדן האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט׳ן ארבעטער.

— נו? — — ?

זיין פנים האָט געשטראַלט פון גליק. די אויגן האָבן גע־פיבערט פון באַגייסטערונג:

— אַ שיין מיטינגל — אַ? מאָרגן פרי, אויב איר ווילט, קומט מיט מיר אויף דער פיקעט־ליין. איר וועט גיין? וועל איך גאַנץ פרי צוקומען צו אייך. איך וואוין דאָך ניט ווייט פון אייך, אויף דער זעלבער גאַס! איר ווייסט גאָרניט, אז איך בין אייערער אַ שכן — ?

* * *

מיט די ערשטע שטראַלן פון דער אויפגייענדיגער זון האָב איך מיך פון מיין געלעגער אויפגעהויבן. מיין שכן האָט אָנגע־קלאַפּט אין טיר. צוזאַמען מיט אים האָבן מיר זיך געלאָזט גיין איבער די פארשלאָפענע גאַסן און געסלעך צום סאָבוויי.

אַ גרינע בלאַסקייט איז אויסגעגאָסן אויף מיין שכנ׳ס פנים.

די גרויסע שוואַרצע אויגן — טיף איינגעפאַלן. די ליפּן ווייס, פאַרשמאַכט.

איך האָב אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי קומט איר דורך מיט דער הוצאה, חבר? איר אַרבעט ניט, זאָגט איר, שוין עטלעכע חדשים?

— אָט אַזוי קומט מען דורך — מ'ליִיט, מ'באָרגט און... מ'מאַטערט זיך...

אויף זיינע ווייסע טרוקענע ליפּן האָט אַ בלייכער שמייכל געשוועבט. אַ שמייכל אַזאַ מאָדנער, וואָס כאַפּט פאַר'ן האַרצן, וואָס דערציילט מער ווי מיט ווערטער וועגן ביטערע ליידן פון ווייב און קינד, וואָס האָבן ניט קיין שוך, קיין קלייד; וואָס לעבן אין דחקות, ווייל ער, דער ברויט־געבער, אַרבעט ניט שוין פיר חדשים צייט...

מיר גייען און שווייגן. וואָס איז דאָ צו רעדן, אַז ווערטער זיינען אַזוי נישטיק אין פאַרגלייך מיט'ן אָנגעשטריינגטן שווייגן אין סאָבוויי.

דער טריין איז פול — איבערפול מיט אַרבעטער און אַרבעטערינס: ווער—איילט זיך מיט אַ פּעקעלע אין האַנט צו דער אַרבעט, און ווער, ווי מיר — צו דער פּיקעט־ליין.

ס'איז גרינג צו דערקענען די „גליקלעכע" (די וואָס אַרבעטן, הייסט עס): באַ זיי זיינען אַפּאַטישע פּנים'ער, אויסגעלאָשענע אויגן. זיי זיצן אָדער שטייען און דרעמלען אין דער דערוואַרטונג פון דעם טאָג־האָרעוואַניע...

גאָר אַן אַנדער אויסדרוק איז באַ די, וואָס פאָרן צו דער פּיקעט־ליין: באַ זיי איז דער בליק פאַרשאַרפט, די ליפּן טרוקן, איינגעשרומפּט. אַ שטרענגע בלאַסקייט איז צעגאָסן איבער'ן געזיכט.

מיר גייען אַראָפּ אויף דער 42טער גאַס, און אין פינף מינוט זיינען מיר שוין אין „גאַרמענט צענטער". די גאַסן זיינען נאָך במעט פּוסט: מער פּאָליסלייט, ווי דורכגייער.

— פאַרוואָס איז אַזוי ווייניק עולם? — פרעג איך מיין באַגלייטער.

— ס׳איז נאָך פרי. אַט באַלד וועלן די מאַסן א שטראָם טאָן, — ענטפערט ער שטייף און זיכער.

מיר קומען צו צו דער 38טער גאַס.

— אַט דאָ סטרייקן באַ דריי־פיר טויזנט ארבעטער, — איר זעט וויפיל פּאָליסלייט?

איך זע זיי, די בלויע רעק מיט די קורצע האַרטע פלעקלעך אין די הענט. געזונטע, הויכע, אָפּגעפּאַשעטע, מיט אַ שעלמישן שמייכעלע קוקן זיי זיך איין אין די פּנים׳ער פון די פאַרבייגייענ־דיקע. זיי דערקענען יעדן סטרייקער נאָך פון דערווייטן. דער גאַנצער אויסזען זייערער זאָגט:

— מיר וועלן זיך מיט אייך, ברידערלאַך, היינט אָפּרעכענען!

צווישן די פּאָליסלייט — אַ סך רייטנדיקע. באַ זיי זייגען די פּנים׳ער פאַרהאַרטעוועטע, די אויגן שטעכיגע, ווי שפּיזן. זיי שטייען אויף די „קאָרנערס“ ווי פאַרגליווערטע, ווי אויסגעגאָסענע פון אייזן, אין דער דערוואַרטונג אפּ׳ן רייכן „שניט“, וואָס עס שטייט היינט פאָר...

— איר זעט... אַט שטייען שוין גרייט פּאַטרול־אַטאָמאָבילן

— מאַכט מיר אויפמערקזאַם דער שכן מיינער, — אַט אַהער וועט מען דאָס פּאַקן היינט די סטרייקער.

איך קוק זיך איין אין די לאַנגע שוואַרצע קאַסטנס אף רעדער מיט אויפשריפטן „פּאָליס־דעפּאַרטמענט“:

„אַהער וועט מען דאָס פּאַקן די סטרייקער“.

מיר גייען דורך די שטרעקע פון דער 35טער ביז דער 38טער גאַס. פון מינוט צו מינוט ווערט דער עולם געדיכטער, די „בלויע רעק“ רירעוודיקער, די האַרטע פלעקלעך אין זייערע הענט באַ־וועגלעכער.

דער זייגער איז שוין אַכט.

פלוצלונג דערטראָגן זיך פון דער זיבעטער עוועניו, לעבן דער 37טער גאַס, הורא־אויסגעשרייען. איך לויף אַהין — ערשט אַנט־קעגן טראָגט זיך שוין אַ שוואַרצער קאַסטן, אָנגעפּאַקט מיט סטריי־קער.

ס׳איז דער אָנהויב.

איך קום צו צום אָרט, וואו מ׳האָט די סטרייקער פאַרנומען. עטלעכע פּאָליסליט טרייבן פאַנאַנדער דעם פאַרזאַמלטן עולם און בעת מעשה כאַפּן זיי ארוים פון צווישן די געדריכטע מאַסן די, וואָס האָבן העכער פון אַלעמען דעם הורא אויסגעשריען. זיי רינגלען ארום א מאַן צוואַנציק און פאַריאָגן זיי אין א דערבייאיקן ברייטן אריינגאַנג פון א גרויסן מויער.

רואיק און געלאַסן האַלטן זיך די פאַרנומענע. א קרומער שמייכל שוועבט בא זיי אויף די ליפּן. בא איניקע זיינען די נעזער בלייך, עס צופּט בא ווער אן אָדער, עס סקריפּען ציין. נאָר שטיל, רואיק.

א הייסער שטראָם גיסט זיך ארום הארצן.

— פאַרוואָס לאָזט מען זיך אַזוי רואיק ארעסטירן ?

— פאַרוואָס ברעכט ניט אוים קיין געראַנגל ? !

— די צייט איז נאָך ניט געקומען. נאָר ס׳וועט קומען, — ענטפערט מיר איינער, וואָס שטייט לעבן מיר.

— וואָס איז די מעטער ? — הער איך, ווי עס פרעגט איין אמעריקאַנער בא א צווייטן, וואָס קוקט זיך צו שוין א היבשע ווײַלע צו אַלץ, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

— מ׳ארעסטירט.

— פאַרוואָס ?

— פאַר פּיקעטן די שעפּער.

— נאָר פאַר דאָס ?

—נאָר פאַר דאָס.

— דזשיזוס ! — גלאָצט אוים דער אמעריקאַנער א פּאָר אויגן.

ער האָט הפנים ביז איצט ניט געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר אין זיין „פרייער דעמאָקראַטישער אמעריקע“.

איך שטיי אָנגעשפּאַרט אָן א וואַנט ניט ווייט פון די צוויי אמעריקאַנער און הער זיך צו צו זייער געשפּרעך. לעבן זיי, עט־וואָס אָפּגעזונדערט, שטייען נאָך דריי מענער, אין די מיטעלע

יאָרן. זיי שטייען רואיק און קוקן, ווי אַזוי די פּאָליסלייט פאַר־שרייבן די פאַרנומענע. באַלד קומט צו אַ שווארצער וואָגן מיט אַן אויפשריפט „פּאָליס דעפּאַרטמענט“. מ'זעצט ארויף די ארעס־טירטע. אַלע זיצן שוין אינווייניק ,נאָר דער אויטאָמאָביל רירט זיך ניט פון אָרט: דער קאַסטן איז נאָך ניט פול. קוקן זיך ארום די פּאָליסלייט, זוכן מיט די אויגן, וועמען נאָך צו פאַרנעמען. איי־נער פון זיי לאָזט זיך גיין גלייך צו דעם ווינקל, וואו איך שטיי און — מערקווירדיג! — ער פאַרנעמט די דריי מענער, וואָס שטייען ניט ווייט פון מיר. אַזוי רואיק און שטיל זיינען זיי גע־שטאַנען! די צוויי אמעריקאנער בירגער קוקן מיט שטאַרע אויגן, ווי לעבן זיי ארעסטירט מען דריי מענטשן, וואָס האָבן גאָרניט גע־טאָן, זיינען בלויז געשטאַנען און געקוקט גלייך מיט זיי, גלייך מיט מיר. פאַרוואָס־זשע האָט מען אונז ניט ארעסטירט?

די זעלבע פראַגע לייען איך אויף די פּנים'ער פון די אמערי־קאַנער.

— דזשיזוס! — טוט ווידער אַ זשום דער „פרייער“ אמערי־קאַנער און לאָזט זיך האַסטיק גיין זיין וועג.

האָט ער עפּעס געלערנט דערפון, וואָס ער האָט געזען?

דער וואָגן איז שוין פול. ער טוט זיך אַ ריר פון אָרט. אַ מעכטיגער הורא־אויסגעשריי ברעכט אויס צווישן די, וואָס זיינען געבליבן.

ווי פאַר'סמ'טע הינט ווארפן זיך די פּאָליסלייט אויף דער מענגע, פון וואָנען עס טראָגן זיך די הורא־געשרייען, — און ס'זיינען שוין ווידער פאַרנומען אַ צוואַנציק־דרייסיק מאַן...

זעקס וואָגנס האָט מען פאַר מיינע אויגן אָנגעפּאַקט. דאָס איז בלויז אין איין ווינקל פון דעם גרויסן „גאַרמענט צענטער“.

דער זייגער איז שוין האַלב נאָך ניין.

איך מאַך נאָך אַ טור איבער אַלע גאַסן. דער עולם ווערט שיטערער. די פּיקעט־דעמאָנסטראַציע איז געענדיקט.

איך זוך מיין שכן און געפין אים ניט.

איז ער שוין אַהיים אוועק, צי איז ער איינגעפּאַקט אין איי־נעם פון די פּאַטרול־וואָגנס?

מיין שכן דער סטרייקער

אזוי איז עס טאַקע געווען.

מ'האָט מיין שכן דעם סטרייקער אויף דער פּיקעט־דעמאָנסטראַציע ארעסטירט.

ערשט אויפ'ן פינפטן טאָג איז ער צו זיין ווייב און קינד אהיימגעקומען — אנ'אָפּגעשוואכטער, מיט איינגעצויגענע באַקן, מיט איינגעפאַלענע אויגן.

זי, די ווייב זיינע, האָט זיך ניט געשראָקן:

— פאַר דער לאַנגער צייט, וואָס מ'סטרייקט, איז עס שוין באַ אונז א געוויינלאכבע זאך: פון דער פּיקעט־ליין אין דזשייל און פונ'ם דזשייל אויף דער פּיקעט־ליין...

זי זאָגט עס מיט א וויכן שמייכל, וואָס ציינט, אז זי פאַרשטייט שוין גאַנץ גוט דעם גרויסן זין פונ'ם קאַמף, וואָס ווערט געפירט.

אין אָוונט בין איך אריין צו מיין שכן אויסגעפינען איינינע פּרטים וועגן זיין ארעסט. האָב איך אים אין דער היים ניט געטראָפן — צו א מיטינג אוועק. איז ער אויף מאָרגן פרי אליין צו מיר געקומען:

— איר ווילט דאָך מסתמא וויסן, ווי אזוי עס האָט אַלעס פּאַסירט — האָט ער אָנגעהויבן, צוזעצנדיק זיך צום טיש, — טאָ הערט־זשע:

באַלד ווי איך האָב אייך פאַרלאָזט — איר געדיינקט, אויף דער 37טער סטריט — איז פּלוצים אויסגעוואקסן לעבן מיר א פּאָליסמאַן.

— איי'ם לוקינג פאַר יו... — טוט ער זיך א זאָג מיט א טייוולשן שמייכעלע.

ענטפער איך אים קאַלטבלוטיק:

— וואָס הייסט דו זוכסט מיך? צו וואָס באַדאַרפסטו דאָס מיך?

— איי לייק יו... — זאָגט ער און טוט מיך אַ נעם פאַר דער פּלייצע מיט זיינע ברייטע האַרטע דלאָניעס.

פאַרשטיי איך שוין, אַז ער מיינט עס אויף אַן אמת... דאָך מאַך איך זיך, אַז איך ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן, און טו אים אַ פרעג:

— וואָס ווילסטו? ליוו מי אַלאָן!

— נעוועד מיינד „ליוו מי אַלאָן!" — טוט ער שוין אַ שטשירע זיינע הינטישע ציין: — קאַמאָן! — און שטופּט מיך אונטער צו אַ פינסטערן האָל פון אַ דערבייאיגן בילדינג...

און אַזוי ווי ער פירט מיך, פאַרנעמט ער אויפ׳ן וועג פאַרבייגייענדיק, הייסט עס, נאָך אַ דריי־פיר סטרייקער — און פאַריאָגט אונז אַלעמען אין אַ פינסטערן האָל. מיר שטייען און וואַרטן. דער פּאָליסמאַן קוקט אַרויס, ווען זאָל ער נאָך אַרעס־טירן.

— אויף וויפיל מענטשן האָסטו דאָס אַן אָרדער? — טוט איינער פון אונז אַ פרעג.

— אויף צוואַנציג, — ענטפערט ער פּראָסט און אָפנהערציג

— האָסטו שוין דעם טשעק געקראָגן? שפּאַסט אַ יונגערמאַן.

— מיינד יור אָון ביזנעס! — ברומט בעס׳דיק דער פּאָליס־מאַן, און טוט אַ דריי דעם גראָבן פּלאָקן זיינעם, ווי איינער זאָגט:

— שווייג, אַז ניט — וועסטו כאַפּן איבער׳ן קאָפּ!

וואָס זאָל איך דאָ אייך לאַנג דערציילן — אין פינף־צען מינוט איז שוין דער האָל געווען געפּאַקט מיט אַרעסטירטע סטריי־קער. ס׳איז באַלד אונטערגעקומען אַ פּאַטרול־וואָגן, מ׳האָט אונז אַריינגעפּאַקט און אַוועקגעפירט אין קאָורט. דאָרטן האָט מען אונז אָפּגעהאַלטן ביז פיר דעם זייגער אין אַ קליין צימערל, וואו ס׳קאָ[illegible] אַריין אַ מאַן צען ניט מער, און מיר זיינען געווען זאַלבע־ד[illegible]־סיק, — קאָנט איר זיך שוין פאָרשטעלן, ווי מיר האָבן געשוויצט... פון דער יוניאָן האָט מען אונז געבראַכט סענדוויטשעס, מיר האָבן

אביסל איינגעשטילט דעם הונגער — און ס'איז פריילאכער געוואָרן.

קורץ, — מ'האָט אונז געבראַכט פאר'ן דזשאָדזש. האָט זיך ארויסגעוויזן, ווי דער שטייגער איז, אז ס'איז א הונט־שב'הונט! און דוקא א איד, און נאָך א ציוניסט דערצו, זאָגט מען... נו, האָט ער אונז פאר'משפט צו פינף טאָג אין דזשייל אָדער צו 25 דאלאר שטראָף יעדן איינעם. פינף פון אונז האָבן זיך פון געלט־שטראָף צאָלן אָפּגעזאָגט. זיינען מיר אוועק אין דזשייל, די הענט געשמידט אין קייטן...

— געשמידט אין קייטן?

— יע, אין קייטן...

דער שכן איז מיטאמאָל געוואָרן אויפגערעגט. אויף זיין בלאסן געזיכט האָט זיך באוויזן א רויטקייט:

— איך בין אויף מיין לעבן שוין ניט איינמאָל אין די צארישע טורמעס געזעסן. קיין גוטער מאכל, ווי איר ווייסט, איז עס ניט געוועזן, אָבער ס'איז גאָרניט צו פארגלייכן מיט דער אמעריקאַני־שער תפיסה. איר קאַנט זיך גאָרניט פאָרשטעלן, וואָס פאר א לעבעדיגער קבר דאָס איז! אין די אמאָליגע צארישע טורמעס האָט יעדער קאַמער געהאַט א פענצטערל — זאָל זיין א קליין, א פּיצינקע פענסטערל, אונטער דער סטעליע, אָבער דאָך א פענסטערל: מ'קאָן זען א פּיצל הימל, אמאָל טוט א שיין אריין א שטראל פון דער זון. דאָס פענצטערל איז א דערלייכטערונג, א דערקוויקונג, א גרוס פון דער פרייער וועלט, הינטער די שטיינערנע ווענט, הינ־טער די אייזערנע גראַטעס. און דאָ... מאָלט אייך: די אמערי־קאַנישע טורמע איז געבויט אַף דעם שטייגער ווי א שיף: רונד־ארום ציט זיך א לאַנגער שמאָלער קאָרידאָר. צו דעם דאָזיגן קאָ־רידאָר קוקן ארוים אייזערנע גראַטעס פון די שטיינערנע קאַסטנס, וואו די ארעסטאַנטן האַלטן זיך אויף. דער קאָרידאָר איז א פינסטערער, ווייל די פענצטער, וואָס זיינען דאָ, לאָזן ניט דורך קיין ליכט, — אזוי פארנעפּלט און פאררוסטעט זיינען זיי. ברענט טאָג און נאַכט א טונקל עלעקטריש לעמפּעלע. אין יעדן קאַסטן

זיצן צוויי מענטשן. דאָרטן געפינט זיך אַ טאָילעט, ניט אָפּגעצאַמט, אַ סינק, צוויי שמאָלע פּאָליצעס־בעטלאַך: ניט קיין קישן, ניט קיין מאַטראַץ — בלויז איין בלענקעט, אַ האַרטע ווי אַ שטיין. אפשר אין אַ רעגעלער טורמע איז אַנדערש, אָבער דאָ, וואו ס'האַלטען זיך אויף אַלערליי פאַרברעכער אין דער דערוואַרטונג פון זייער שטראָף, — איז אַזוי, ווי איך זאָג אייך. צוויי מאָל אין טאָג לאָזט מען ארויס די אַרעסטאַנטן אין האָל — ניט אין דרויסן אויף דער פרישער לופט! וואָלט איר זען מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט די געפאַנגענע טראָגן זיך דאָס ארום איבער'ן האָל! ווי ווילדע ברואים פליען זיי ארום, ווי משוגע... עס כאַפּט אָן אַ שרעק!

מיין שכן האָט אַ זופּ געטאָן די קאַווע, וואָס מ'האָט אים דערלאַנגט, און האָט פאָרגעזעצט:

— דאָס שענדלאַכסטע אין דער טורמע איז די באַציאונג צו די אַרעסטירטע. מ'קען דאָך ניט זאָגן, אַז אין די צאַרישע טורמעס פלעגט מען לעקן האָניק; אָבער דאָך איז דאָרט אַזאַ ברוטאַלע באַהאַנדלונג ניט געווען. נעמט, למשל, דעם אַרט נעבן עסן די אַרעסטאַנטן. דאָרטן פלעגט מען עפענען די קאַמער און מ'פלעגט אריינטראָגן דאָס עסן, אוועקשטעלן אפ'ן טישל און אַוועקגיין, זאָל זיין מיט אַ וואָלפישן קוק דערביי, — אָבער אָט דאָס עפענען די טיר, אָט דער בראַזג פון שלאָס, דאָס אריינגיין פון אַ לעבעדיקן מענטשן — זאָל זיין אַ נאַדזיראַטעל אַ רציח — אָבער ס'איז אַ סימן פון לעבן, ס'איז כאָטש אַ פונק פון מענטשלעכער באַציאונג! און דאָ — פון אונטער די גראַטעס, — איר הערט?

— פון אונטער די גראַטעס, מוז דער אַרעסטאַנט ארויסשטעקן זיין בלעכענע שיסעלע, און דער, וואָס טראָגט פאַנאַנדער דאָס עסן אין עמערדיקע כלים, וואַרפט אריין אביסל קאַשע אָדער גיסט אַריין אַ לעפל זופּ — פונקט ווי מ'קאָרמעט ווילדע חיות אין אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן...

— זיינט איר געזעסן הינטער די גראַטעס?

— איין נאַכט זיינען מיר דאָרטן געזעסן, ווען מ'האָט אונז געבראַכט אין דער טורמע. אויף מאָרגן האָט מען אונז, די סטריי־

קער, באַשטעלט ארבעטן. דאָס איז געווען אונזער שטראָף. די געזונטערע, די שטאַרקערע האָט מען אוועקגעשיקט אויף שווערע ארבעט. מיך און נאָך איינעם האָט מען צוגעשטעלט פאַנאַנדער־טראָגן דאָס עסן די ארעסטאַנטן...

דאָ האָט זיך מיין שכן א כאַפּ געטאָן, אז ער מוז גיין צו א מיטינג.

— ווי שפּעט איז עס?

— עלף דער זייגער.

— אוי, כ'האָב שוין פאַרשפּעטיקט! — ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— קומט, איך גיי אויך מיט.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צום טריין.

אַ שוואַרצע כמאַרע פון איסט-בראָדוויי

אַ שוואַרצע כמאַרע האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון 175 איסט בראָדוויי און זיך ברייט צעשפּרייט איבער די אָרימע היימען פון די אויסגעהונגערטע אַרבעטער־פאַמיליעס. עס האָבן זיך אַ נעם געטאָן אַלע פינסטערע כוחות פון דער אונטערוועלט און זיינען אַוועק אין אַ שדים־טאַנץ...

אויף דאָס־ניי האָט אויפגעפלאַקערט דער צאָרן פון די האָ־רעפּאַשנע מאַסן. פאַרשוואונדן איז די מידקייט פון דעם לאַנג־דויערדיגן קאַמף. מיט באַנייטע כחות, מיט נייעם מוט, מיט אַנטשלאָסנקייט האָבן זיך פאַרזאַמלט אויסדערוויילטע פאַר־שטייער פון די צענדליגער טויזנטער אַרבעטער. זיי זיינען גע־קומען זאָגן זייער לעצטן וואָרט, געבן אַ האַרבן ענטפער אויף די פּראָוואָקאַטאָרישע אַטאַקעס פון די פאַראייניקטע שונאים — די באַלעבאַטים, די אַרבעטער־פאַררעטער, די משרתים פון דעם הערשנדן קאַפּיטאַל.

אויף דער פּלאַטפאָרמע זיצן די אויסדערוויילטע פירער, וואָס האָבן די גאַנצע צייט געטראָגן דעם שווערן יאָך פון שלאַכט מיט די באַלעבאַטים.

אויסגעמאַטערטע פּנים'ער, הייזעריגע שטימען, איינגעצויגענע באַקן. בלויז די אויגן באַ יעדערן פון זיי ברענען מיט קאַמפּס־לוסטיגקייט, מיט מוט, מיט אַנטשלאָסנקייט, מיט גרייטקייט צו באַגעגענען די שונאים אין אַן אָפענעם שלאַכט.

— זאָלן זיי קומען אָט־אַהער, פאַר די פאָרשטייער פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט!

נאָר די פאַררעטער זיינען ניטאָ. העלדן פון דער פינסטערניש, פון פאַרבאָרגעניש, פון דער אונטערוועלט, — וואַגן זיי ניט צו באַ־ווייזן זיך פאַר די אויסדערוויילטע פאָרשטייער פון די שעפּער.

זייערע מיאוסע מעשים טוען זיי אָפּ אויף געהיימע מיטינגען, אונ־טער דער שוץ פון בלויע רעק און מעסער־שטעכער.

— וואו איז זיגמאַן? זאָל ער קומען אהער! זאָל ער דאָ אויסלייגן זיינע טענות! ניט באַ די גענגסטערס! ניט באַ די סקעבס!

— ברייננט אים אהער מיט גוואַלד, אויב ער האָט ניט קיין מוט צו קומען אליין און רעדן אָפענע דבורים!

דאָס שרייען אוים פון די ערטער שאַפּ־טשערליים, וואָס ווייסן גאַנץ גוט דעם דאָזיגן „העלד" (זיגמאַנען), וואָס האָט זיך ווי אַ קראַב איינגעגעסן אין דעם אַרבעטער־לייב און ס'איז פון אים ניט פטור צו ווערן.

— אהער וועט זיגמאַן ניט קומען, — ענטפערט דער פאָר־זיצער פון דער פּלאַטפאָרמע: — און מיט גוואַלד וועט איר אַזאַ „העלד" אויך ניט ברייננען.

דאָס וואָרט באַקומט דער פאָרזיצער פון דער „דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע".

אין אַ פּראָסטער, איינפאַכער ערנסטער רעדע וויקלט ער פאַ־נאַנדער פאַר דעם גרויסן עולם אַ לאַנגע קייט פון פאַררעטערישע מעשים פון דעם פאַרביסענעם אַרבעטער־שונא, ז י ג מ אַ ן.

— מיר האָבן געוואוסט, אַז ער קאָן אונז אָנטאָן צרות, אַז ער קאָן הינטער אונזערע פּלייצעס פירן פאַררעטערישע פאַר־האַנדלונגען מיט די באַלעבאַטים. מיר האָבן געוואוסט, אַז ער איז פּייאיק דערצו, נאָר מיר האָבן געמוזט אָנהאַלטן דעם קלאַ־געדיגן בונד מיט זיגמאַנ'ען. אונז אַלעמען האָט זיך געדוכט, אַז אָט־דער „פאַראייניקטער פראָנט" מיט די רעכטע וועט אונז פאַר־היטן פון אָפענע אַטאַקעס מצד זיגמאַנ'ס חברה, אפשר וועט עס אונז פאַרהיטן פון די זלזולים און פּראָוואָקאַציעס פונ'ם צענטן שטאָק!*)

אין אַ בילדרייכער שפּראַך גיט איבער דער רעדנער, ווי אַזוי

*) „פאָרווערטס"

דער דאָזיגער זיגמאַן האָט געהאַנדלט אין די שווערסטע מאָמענטן פון סטרייק:

— אויף די זיצונגען פון דער דזשענעראַל־סטרייק קאָמיטע פלעגט ער האַלטן אין איין שרייען: „מ'מוז סעטלען! מ'מוז אָננעמען די באַדינגונגען, וואָס די באַלעבאַטים לייגן פאָר. מ'טאָר ניט פאַרציען מער דעם סטרייק!" און אויף די מאַסמיטינגען פון דער יוניאָן־מיטגלידערשאַפט פלעגט ער זיך ארויסשטעלן פאַר א גרויסן „רעוואָלוציאָנער" און גוואַלדעווען:

— „האַלט זיך שטייף! פירט אָן דעם קאַמף ביז וואַנען אַלע גערעכטע פאָדערונגען אונזערע וועלן ניט דערגרייכט ווערן!" און אין דער זעלבער צייט האָט ער, אָט דער זיגמאַן, קאָנפערירט מיט די באַלעבאַטים אויף געהיימע זיצונגען און דאָרטן האָט ער שוין גע'טענה'ט, ווי אַן אויסגעשפּראָכענער דם־שונא פון די סטרייקנדיקע מאַסן: „גיט זיך ניט אונטער! נאָך א וואָך, נאָך א מאָנאַט — און דער סטרייק וועט געבראָכן ווערן. די קאָמוניסטלאַך טאָרן ניט געווינען דעם סטרייק. ס'איז א געפאַר סיי פאַר אייך און סיי פאַר אונז! גיט זיך ניט אונטער! שטייט שטייף! וואַרפט עפּעס צו פון יוצא־וועגן... און מער ניט!"

אָט אזוי האָט א פּרעזידענט פון א ריזיגער יוניאָן געהאַנדלט געגן די צענדליגער טויזנטער מיטגלידער אין צייט פון ביטערן קאַמף, וואָס האָט זיך געצויגן חדשים־לאַנג!

נאָך און נאָך שטוינענדיגע פאַקטן דערציילט דער רעדנער — וועגן סקעב־שעפער, וואו די סקעבס טאָגן און נעכטיגן און אין די נעכט פאַרוואַנדלען זיי דעם שאַפּ אין א שאַנד־הויז מיט פּראָסטיטוטקעס; וועגן סקעבישע שעפער אין פילאַדעלפיע און אין אַנדערע שטעט. דער פּרעזידענט פון דער „אינטערנייִשאָנאַל" האָט וועגן דעם געוואוסט, און אויף די פאָדערונגען פון די פירער פון סטרייק, ער זאָל עפּעס טאָן, כדי אָפּצושטעלן דעם פאַרראַט געגן די סטרייקנדיקע, האָט ער זיך מיט אַלערליי תירוצים אויסגעדרייט און גאָרניט געטאָן.

אז דער רעדנער האָט געענדיגט, הויבט זיך אויף איינער א

יונגערמאַנטשיק, מיט פענסנע אויפן נאָז, און אין א געבראָכענעם ליטוויש פון אן „אָדעסער אינטעליגענט" טוט ער א וואָרף צו דער פּלאַטפאָרם:

— איך וויל שטעלן ברודער היימאַנ׳ען א פּאָר פראגן!

ווי נאָר דער פּאַרשוין האָט באַוויזן זיין פּרצוף, אויפהויבנדיק זיך פון אָרט, האָט א שטורם פון עקל אויסגעבראָכן פון אַלע זייטן:

— אָט איז ער, דער העלד!

— סקעב, פאַררעטער!

— זאָל ער זאָגן, וואו האָט ער געאַרבעט שבת און זונטאג אין צייט פון סטרייק!

מיט גרויסע שוועריגקייטן באַרואיקט דער פּאָרזיצער דעם עולם:

— זאָל ער שטעלן זיינע פראגן. לאָמיר אויסהערן זיינע טענות!

דער יונגערמאַנטשיק שטעלט א פּאָר קלאָץ־קשיות פון דעם גוט־באַוואוסטן פּראָוואָקאַטאָרישן מין, און שיסט צום סוף ארויס:

— איך וואָלט געוואָלט וויסן, צי די אַלע, וואָס זיינען דאָ, זיינען שאַפּ־טשערלייט, צי גלאַט אזוי א פאַרזאַמלטער עולם...

האָט אויסגעבראָכן א נייער שטורם, נאָר דער פּאָרזיצער האָט א קלאַפּ געטאָן מיט׳ן האַמער אין טיש:

— זאָל זיין רואיק! באַהערשט אייער עקל־געפיל צו דעם מאַן־! זייט רואיק, ער וועט קריגן אן ענטפער!...

און דער פּאָרזיצער האָט אים געענטפערט:

— ד אָ א י ז א ש אַ פּ ־ ט ש ע ר ל י י ט ־ מ י ט י נ ג! דער האָל איז פריער פאַר אַלץ פאַר שאַפּ־טשערלייט. און אָט זיצן זיי דאָ, די פאָרשטייער פון די שעפּער. אַלע, וואָס זיינען געקומען, זיינען דאָ. איר זיינט דאָך א געוועזענער אַנאַרכיסט, ברודער! איז ווי שטימט עס אין אייער אַנאַרכיסטישער תורה, מ׳דאַרף ניט ארײנלאָזן אַקטיווע מעמבערס פון דער יוניאָן, אויב ס׳איז דאָ גענוג פּלאַץ און אויב זיי ווילן בייוואוינען א מיטינג פון זייערע אויסדערוויילטע פאָרשטייער? קאָנט איר דאָ באַשטעטיגן, אז

מ׳האָט אייניגע אריינגעלאָזט און אייניגע ניט, ווי א י ר טוט עס אויף אייערע מיטינגען.

ווי אַ באַגראָבענער איז ער געזעסן, דער דאָזיגער געוועזענער אַנאַרכיסטל. ער האָט נערוועז גערוקט די פענסנע ארויף און אראָפּ, ווי זוכנדיג באַ זיי א שוץ פון דעם ארומיגן געלעכטער, פון די דונערדיקע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן באַגלייט יעדעס וואָרט פון דעם פּאָרזיצער.

פּלוצים, אומדערוואַרטעט, ברעכט אויס א גוואַלדיגער אַפּלאָז אין די הינטערשטע רייען. די פאָדערשטע רייען קוקן זיך פאַר־וואונדערט אום:

— וואָס איז דאָס? ווער איז געקומען? ווער נעמט דאָס אויף אזוי שטורמדיג?

עס ציט זיך פון דער אַריינגאַנג־טיר א שורה מענטשן מיט אויפגעלויכטענע פּנים׳ער, מיט שטראַלנדיקע אויגן! זיי מאַרשירן דורך די רייען שטולן צו דער פּלאַטפאָרם, און מיט יעדן טראָט זייערן פאָראויס ווערן הילכיקער די הענט־קלאַפּערייען. מ׳פּאַ־כעט מיט היטלען אין דער לופטן, מ׳באַגריסט מיט פייערלאַכע אויס־געשרייען די אָנגעקומענע.

דאָס זיינען געקומען צען ארבעטער־מאַרטירער, וואָס זיינען דורך א בלבול ארעסטירט געוואָרן. מ׳האָט זיי ארויסגעלאָזט אויף בייל פון טויזנטער דאָלאַר. די קאַמפּס־לוסטיגע שטימונג פון דעם גאַנצן פאַרזאַמלטן עולם האָט זיך נאָך מער דערהויבן, ווען איינער פון די באַפרייטע האָט גענומען דערציילן, ווי אַזוי די שוואַרצע חברה האָט זיי פאַר׳מסור׳ט און פאַרוואָס מ׳האָט זיי אַרעסטירט.

* * *

געענדיקט האָבן זיך אַלע רעדעס, פאַרענטפערט זיינען גע־וואָרן אַלע פראַגן און די פאַרזאמלטע שאַפּ־טשערלייט פון דער קלאָוק־טרייד האָבן אָנגענומען איינשטימיג א רעזאָלוציע, וואָס דריקט אויס פאַרדאַמונג דעם „פאַראייניקטן פראָנט פון אַלע אַר־בעטער שונאים בראש מיט׳ן צענטן שטאָק“ און אַנטשלאָסנקייט

פאַרטצוזעצן דעם קאמף אונטער דער פירערשאַפט פון דער עקזיסטירנדיקער „דזשענעראַל-סטרייק-קאָמיטע“.

— ווער איז געגן דער רעזאָלוציע? רופט אוים דער פאָרזיצער.

אָן אָנגעשטריינגטע שטילקייט הערשט א מינוט-צוויי. אַלע קוקן אריבער די קעפּ: וועט זיך באַווייזן כאָטש איין האַנט...

קיין איינער נים!

דער גאַנצער עולם הויבט זיך אויף פון די ערטער און דונערט מיט פייערדיגע אַפּלאָדיסמענטן!

— צום „פאָרווערטס“! — שרייען אוים עטלעכע שטימען:

— א פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע געגן דעם פאר'גולם'טן פאררעטער!

— צום „פאָרווערטס“! צום „פאָרווערטס“!

דער עולם לאָזט זיך גיין צו איסט-בראָדוויי...

* * *

דער ארבעטער-עולם, אָן אויסגעמאַטערטער פון דער לאַנגדויערדיגער פארזאַמלונג איז ארוים אויף דער פרייער לופט און פארפּלייצט די גאַס.

א קאַלטער ווינט האָט געשמיסן אין די פארשוויצטע פּנים'ער.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן אויסגעשרייען:

— צום „פאָרווערטס“! צום „פאָרווערטס“!!

באַלד האָט זיך דער עולם ארבעטער געשלאָסן אין רייען און גענומען שפּאַנען צו איסט-בראָדוויי, איבער די ברייטע עוועניוס, דורך די שמאָלע איסט-סיידער גאַסן. רוישיק און טומלדיק איז געווען דער לאַנגער וועג צום „צענשטקיגן“.

פון אַלע קראָמען, פון אַלע טירן און פענסטער קוקן ארוים צענדליגער הונדערטער פּנים'ער. מ'וויים שוין, ווער עס מאַרשירט און וואוהין מ'מאַרשירט:

— די לינקע...

— צום „פאָרווערטס“...

— ס'וועט שוין דאָרטן זיין פריילעך...

ווי נאָר די ערשטע רייען האָבן זיך דערנענטערט צו ראַט־גערס סקווער, איז באַלד פון „פאָרווערטס״־געביידע ארויסגעלאָפן א מחנה פּאָליסלייט.

פּאָכענדיג מיט די פלעקלאך, האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן גלייך צו די אָנגעקומענע דעמאָנסטראַנטן און צעריסן זייערע רייען.

דער עולם האָט זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן, ווידער זיך צו־נויפגעזאַמלט, ווידער צעטריבן געוואָרן.

א גערדיכטע מאַסע ארבעטער האָט געפלאָסן הין און צוריק באַ דער זייט פון סקווער און פון מינוט צו מינוט גערונערט מיט אויסגעשרייען:

— ארונטער מיט׳ן פּאַררעטערישן פּייפּער!

— צען־שטאָקיגער גולם!

— סקעבס! סקעבס! סקעבס!

יעדער אויסגעשריי איז באַגלייט געוואָרן מיט א פילשטימיקן „בו־בו״.

איך קוק ארויף צום „פאָרווערטס״־מויער: אַלע פענסטער פון אונטן ביז ארויף, זיינען באַלאַגערט מיט מענטשן־געשטאַלטן. צענדליגער קעפּ, צונויפגעדריקטע, איינער איבער׳ן צווייטן, קוקן זיך איין אין דער גאַס, וואו עס טראָגן זיך אין דערלופטן די לאַנג־דויערדיגע, פיל־שטימיקע „בו־בו״...

א שאָד, וואָס מ׳קאַן ניט זען די אויסדרוקן פון די פּנים׳ער, וואָס קוקן פון דאָרטן, פון דעם „צען־שטאָקיגן״!

מיטאמאָל טוט א קנאַל אין דער טונקעלער לופט, ווי פון אַן אויפגעריסענער באָמבע: דאָס נעמט אימיצער אַראָפּ בילדער פון דער ספּאָנטאַנער פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע.

דער פייער־אויפריים דערשרעקט די מענטשן־געשטאַלטן, אין די פענסטער צונויפגעפּרעסט — און מיר דוכט, אז איך זע די צע־שראָקענע צענדליגער אויגן, וואָס קוקן פון דאָרטן אין דער ברוי־מענדיגער פינסטערניש...

* * *

צוויי שעה נאָכאַנאַנד האָט געדויערט די אומדערוואַרטע פּראָ־טעסט־דעמאָנסטראַציע ארום דער שוואַרצער נעסט.

דער אויפברויז אין יענקי סטאַדיום

— יענקי סטאַדיום !

די קאָלאָסאָלסטע געביידע אין דעם גיגאַנטישן ניו־יאָרק.

מיטן אויג ניט ארומכאַפּן דעםברייטן איינגעצאַמטן פּעלד, ארומגערינגלט מיט דריי־גאָרנדיגע זיץ־פּלעצער, וואָס זעען־אויס ווי מיניאַטור־קעסטעלעך, און אין די קעסטעלעך וויברירן קליינע פּינטעלעך — זודיגע מענטשלעכע גופים...

צענדליגער טויזנטער זיץ־פּלעצער פאַרמאָגט יענקי סטאַדיום. און די אַלע זיץ־פּלעצער זיינען פאַרפּלייצט געוואָרן מיט אַ קאָכיגן ארבעטער־עולם אין דעם היסטאָרישן טאָג, 9 טן יוני 1925 טן יאָר.

ווי אַ וויכער האָבן זיך געטראָגן גרויסע מאַסן קלאָוק־ און דרעסמאַכער פון אַלע טיילן פון שטאָט צו יענקי סטאַדיום.

מחנות פּאָליסלייט שטייען אויף דער וואך, האַלטן אָרדנונג.

מיר טראָגן זיך איבער די אספאַלט־געפּלאַסטערטע באַרג־ ארויפיגע קאָרידאָרן צו די גאָרנס —

אונטן איז שוין פול, מ'לאָזט אהין ניט אריין.

דערגרייכט דעם ערשטן גאָרן — ניין, שפּאַן העכער: פאַר־נומען !

דער געדיכטער ארבעטער־עולם פּליסט ווייטער צום צווייטן גאָרן —

— נאָ רום — — שרייען די וועכטער פון יענקי סטאַדיום.

— העכער, העכער — אויף דעם דריטן גאָרן...

* * *

פון דער הויך פון דריטן גאָרן האָט זיך פאַר די אויגן גע־שפּרייט אַ וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמע: פּונקט ווי אַ כשוף־פּענזיל פון אַ גרויסן מאַלער וואָלט מיט דרייסטע שטריכן אויסגעמאָלן — אי דעם ריזיגן אמפיטעאַטער, אי די קעסטעלעך מיט וויברירענ־

דיגע לעבעדיגע פּינטעלעך־מענטשן — דעם גאַנצן רוישיגן ים קעפּ אונטן אויף די זיץ־פּלעצער.

וואָס האָט פּאַסירט? די פאַרברעכערישע פירערשאַפט פון דער „אינטערנעישאַנאַל" מיט מאָרים זיגמאַנען אין דער שפּיץ האָט זיך דערלויבט אויסצושליסן פון דער יוניאָן די גרעסטע לאָקאַלן, די דרייסטע קעמפּער, די פאַרטרויענסווערטע יוניאָן־טוער.

אַלע צענדליגער טויזנטער פּאָר אויגן זיינען געווענדעט צו דער הויכער ברייטער טריבונע אין צענטער. אויף דער טריבונע שטייען אמפּליפייערס, וואָס צוטראָגן די רעדעס אין אַלע ווייטע ווינקעלעך פון דעם קאָלאָסאַלן פאַרזאַמלונג־פּלאַץ.

— אור־וואַ! אָט־דאָס איז אַ מיטינג! — הער איך הינטער מיינע פּלייצעס אַ הייזעריגן קול.

דאָס האָט געזאָגט איינער פון די אַלטע באַדינער פון דעם יענקי סטאַדיום, וואָס האָט רעגולירט דעם שטראָם פון די נאָך אַלץ אָנקומענדיגע אַרבעטער־מחנות.

— וויפיל דענקט איר איז שוין דאָ פאַראַן? — האָב איך ביי אים געפרעגט.

דער גרייז־גרויער באַדינער האָט אַ וואָרף־געטאָן זיין געניטן בליק אין אַלע זייטן פון יענקי סטאַדיום און מיט זיכערקייט געענטפערט:

— אַ פינף־און־דרייסיג טויזנט, אויב ניט מער!

פון דער טריבונע האָבן זיך שוין געטראָגן רעדעס.

דאָס זיינען ניט געווען פּראָפעסיאָנעלע רעדנער, נאָר ריינק־און־פייל־אַרבעטער, וואָס זיינען אַרויס אין אַ רעוואָלט געגן זייערע פאַררעטערישע פירער — געגן די „זיגמאַנס".

— . . . ניט קיין מיטינג איז דאָס! — האָבן די ריזיגע אַמפּליפייערס געטראָגן דעם רעדנער'ס קול:

— ניט קיין מיטינג, נאָר אַ פּ אָ ל ק ס ־ מ ש פּ ט איבער די פאַררעטער פון אונזערע אַרבעטער־אינטערעסן!

— . . . אויך ניט קיין דעמאָנסטראַציע איז דאָס, נאָר אַ היסטאָרישע געשעעניש, וואָס וועט האָבן אַ געוואַלדיגע באַדייטונג

ניט בלויז פאַר די צענדליגער טויזנטער קלאָוק־ און דרעסמאכער, נאָר פאַר דעם גאַנצן אמעריקאַנעם אַרבעטער־קלאַס! — — — —

— . . . מיר פירן־אָן א קאַמף געגן דער קאָרופּטער ביוראָ־קראַטיע פון אונזערע יוניאָנס! — — —

— די יוניאָנס — דאָס זיינען מ י ר אלע, די צענדליגער טויזנטער, וואָס האָבן זיך דאָ היינט פאַרזאַמלט! — מ י ר זיי־נען די „אינטערנעשאָנאַל", ניט די זיגמאַנס, וואָס פירן אונזער אָרגאַניזאַציע צום אָפּגרונט! — — —

יעדער אויסרוף פון די רעדנער ווערט באַדעקט מיט דונערנ־דיגע הענטקלאַפּערייען פון צענדליגער טויזנטער אַרבעטער־הענט, און עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי אָנגעלאָדענע ביקסן וואָלטן גע־נומען מיט אמאָל שיסן.

* * *

ס'האָבן זיך נאָך ניט געהאַט איינגעשטילט די האַנטקלאַ־פּערייען נאָך דעם לעצטן רעדנער, ווי ס'האָט ספּאָנטאַן אויסגע־בראָכן א נייער אויפּריים פון אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן זיך גע־טראָגן כוואַליעס־וויז פון ברעג צו ברעג איבער'ן פעלד־ברייטן פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ. און באַלד נאָכדעם האָבן זיך אלע צענדליגער טויזנטער א הויב־געטאָן פון די ערטער.

יובלדיגע אויסרופן האָבן אָנגעפילט די לופט. —

אויף דער טריבונע האָט זיך באַוויזן דער פירער פון די רע־וואָלטירנדיגע נאָדל־אַרבעטער, לואיס היימאַן.

אין איין אויגנבליק איז דער אויפברויז אָפּגעהאַקט געוואָרן, און אין דער שטילער לופט האָט זיך געלאָזט הערן זיין קול:

— . . . זאָלן זען און וויסן די שאַרלאַטאַנעס, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט אין אונזער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע און ווילן מיט גוואַלד הערשן איבער אונז: — אויב מיר, די אויסגעשלאָ־סענע, האָבן געקאַנט צונויפרופן אַזא ריזיגן עולם, אלס פּראָטעסט געגן זייערע פאַרברעכערישע מעשים, וועלן מיר אויך זיין בכוח אַרונטערצושליידערן זיי, אויסראָטן זיי פון אונזערע רייען, ווי מ'האָט אין רוסלאַנד אויסגעראָטן דעם צאַר ניקאָלאַי! יאָ, מיר וועלן

זיי בייקומען, אַט־די זיגמאַנס, די פאַרברעכער! מיר זאָגן זיי אין דעם נאָמען פון די צענדליגער טויזנטער, וואָס זיינען דאָ פאַר־זאַמלט:

— די הענט נעמט־צו פון אונזער אָרגאַניזאַציע! — — — —

. . . לאַנג־לאַנג האָט געקנאַלט יענקי סטאַדיום — —

— זיינט איר מסכים, אז זיגמאַן מיט זיינע ארויסהעלפער זיינען פאַרברעכער? — האָט א דונער־געטאָן די פראַגע.

די פראַגע האָט אָפּגעהילכט דורך אַלע ריזיגע אמפּליפייערס:

—ווער איז מסכים, אז זיי זיינען שולדיג, זאָל זאָגן „יאָ“.

— יאָ־יאָ! — האָט זיך א קייקל־געטאָן ווי פון טויזנטער הארמאַטן דער איינשטימיגער ענטפער פון די צענדליגער טויזנ־טער ארבעטער.

אונטער א דונער פון האַנטקלאַפּעריייען איז אָנגענומען גע־וואָרן די רעזאָלוציע, וואָס נאָגלט־צו צום שאַנד־קלאָץ די אַלע קאָ־רופּטע פירער פון דער „אינטערנעשאַנאַל לײדיס גארמענט וואָר־קערס יוניאָן“ און צייכנט־אָן נייע וועגן צום ווייטערדיגן קאַמף.

מיט די רעוואָלטירנדיגע מאַסן

דער קאַמף פון די נאָדל־אַרבעטער פאַרטיפט זיך, פאַרשטאַרקט זיך. די קאָרופּטע „זיגמאַנשטשינע“ האָט זיך אָפן פאַראייניגט מיט די באַלעבאַטים, כדי צו באַקעמפן דעם ווידערשטאַנד פון דער „דזשוינט עקשאָן קאָמיטע“, וואָס איז דערוויילט פון צענדליגער טויזנטער אַרבעטער — אָנצופירן דעם קאַמף.

דער ענטפער אויף די פאַרזוכן פון די זיגמאַנס און די באַלעבאַטים איז געגעבן געוואָרן דעם 20טן אויגוסט 1925טן יאָר:

— וואַרפן די אַרבעט און פאַרזאַמלען זיך אין קופּער־יוניאָן, ברייאַנט האָל, וועבסטער האָל — — — —

פונקט דריי דעם זייגער האָבן די אַרבעטער פון טויזנטער שעפער אַרויסגעמאַרשירט אויף די גאַסן.

שטום זיינען געבליבן שטיין די מאַשינען: די שעפערישע קראַפט האָט זיי פאַרלאָזט.

די גאַסן פון ניו־יאָרק — 33, 38, 39, 37 און 40, לעבן דער זיבעטער עוועניו — זיינען פאַרפלייצט געוואָרן פון מענטשן.

אויפן וועג, וואו דער ריזיגער מאַרש האָט זיך געצויגן, זיינען שוין געשטאַנען פאָרשטייער פון דער „דזשוינט עקשאָן קאָמיטע“ און האָבן רעגולירט די באַוועגונג:

— ברייאַנט האָל איז שוין פול! מאַרשירט צו קופּער־יוניאָן און וועבסטער האָל!

— צו קופּער־יוניאָן און וועבסטער האָל! — האָבן זיך געטראָגן אויסגעשריען פון אַרבעטער־סטאַפּעטן.

איך בין מיטן שטראָם צוגעקומען צו וועבסטער האָל.

— מאַרשירט ווייטער! וועבסטער האָל איז שוין איבערגעפּאַקט! מ'לאָזט שוין מער ניט אַריין אַהין! — —

דער מענטשן־שטראָם טראָגט זיך ווייטער צו קופּער־יוניאָן.

דער גאַנצער פּלאַץ ארום קופּער־יוניאָן איז שוין אויך שווארץ פון געדיכטע מחנות מענטשן. עס הערן זיך פון אינווייניג רוישיגע אפּלאָדיסמענטן — א סימן, אז דער מיטינג האָט זיך דאָרט שוין אויך אָנגעהויבן.

מיין קאָרעספּאָנדענטן־קאַרט העלפט מיר ארוים און איך בין שוין אינווייניג.

ווי הערינג אין א פאַס, אזוי זיינען צענויפגעפּרעסט די פאַר־זאמלטע.

אויף דער בינע זיצן שוין די פאָרשטייער פון דער „דזשוינט עקשאָן קאָמיטע“.

וואָס פאַר א פלאַמיגע איינינקייט צווישן די פארזאמלטע און זייערע אויסדערוויילטע פירער! — — —

ארום וועבסטער האָל

די גאַנצע גאַס איז פול מיט מענטשן.

מיט גרויסע שוועריגקייטן געלינגט מיר אריינגיין אינווייניג.

אויף דער בינע — די מיטגלידער פון דער „דזשוינט עקשאָן קאָמיטע“, מיט לואיס היימאַן אין דער שפּיץ.

פון א געוועזענעם רייניק־און־פּיילער, פון א שווערן אַרבעטער, א האָרעפּאַשניק איז לואיס היימאַן געוואָרן א פלאַמיגער פירער פון די רעוואָלטירדניגע נאָדל־אַרבעטער:

— . . . מיר האָבן זיי געוואָרנט, אָט־די פאַררעטער! מיר האָבן זיי געזאָגט, אז מ'טאָר ניט פאַרטאַכלעווען הונדערטער טוי־זענטער שווער־פאַרהאָרוועטע אַרבעטער־געלטער, כלומר'שט אויף „פּיקעטן די שעפּער“, בשעת זיי, די פאַררעטער, האָבן שוין גע־האַט אפריער אָפּגעמאַכט מיט די באַלעבאַטים, ווי אזוי אָפּצונאַרן די אַרבעטער. אָבער זיי האָבן געוואָלט אינסצענירן א „קאַמף קעגן די באַלעבאַטים“, בלויז כדי צו האָבן א מעגלאַכקייט אריינצו־כאַפּן א פעטן חלק פון די געלטער... צוויי מיליאָן דאָלאר איז געווען אין דער קאַסע פון דער „אינטערנײשאָנאַל“. וואו איז די ריזיגע סומע געלט? איז דאָס פאַר זיי, פאַר די באַנדיטן, נאָך

געוועו ווייניג, האָבן זיי ארויפגעלייגט א ספּעציעלן צוואנציג־דאָלאר׳דיגן טעקס אויף יעדן מיטגליד און פארגרעסערט די מיטגליד־אָפּצאָלונג! — — און ווען אונזערע לאָקאַלן 2, 9 און 22 האָבן פּראָטעסטירט געגן בּאַראַבּעווען די מיטגלידער, האָבן זיי אויסגע־שלאָסן פון דער יוניאָן די גרעסטע לאָקאַלן, וואָס באַטרעפן צוויי דריטל פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט.

די מאַסן זיינען עלעקטריזירט. עס עפנען זיך ביי זיי די אויגן, עס ווערט קלאָר זייער פארשטאַנד, עס ווערט דערוועקט אין זיי זייער רעוואָלוציאָנערער באַוואוסטזיין:

— איצט איז געקומען די צייט, אז מיר זאָלן איינמאָל פאר אלע מאָל באַפרייען זיך פון דער פאררעטערישער קליקע! ארויס־שמייסן זיי פון אונזער יוניאָן! אראָפּוואַרפן פון זיך זייער יאָך!

דער זאַל האָט זיך געטרייסלט פון די דונערדיגע האַנטקלאַ־פּערייען, פון די סוויסטשעריייען און אויסגעשרייען:

— נידער מיט דער זיגמאַנשטינע! לעבן זאָל די „דזשוינט עקשאָן קאָמיטע״!

— אָדער מיר, אָדער זיי! — אזוי שטייט די פראַגע!

— אויב מיר באַגרייפן, אז די „דזשוינט עקשאָן קאָמיטע״ איז די אמת׳ע פאָרשטייערין פון אונזערע אינטערעסן — איז אַ סוף זאָל נעמען צו דער פארברעכערישער זיגמאַן־מאַשין!

דער גאַנצער עולם האָט א פּראַל־געטאָן פון די ערטער, און אין דער לופט האָט אָפּגעהילכט ווי אַ דונער:

— א ס ו ף צ ו ד ע ר פ א ר ב ר ע כ ע ר י ש ע ר ז י ג מ א ן ־ מ א ש י ן!

אַ רויטער דאַטום

דער 14טער דעצעמבער פון יאָר 1926 וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער ארבעטער באַוועגונג, אלס א רויטער דאַטום.

אין דעם דאָזיגן טאָג האָבן צענדליגער טויזנטער מיטגלידער פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן אריינגעשריבן דעם וואונדערבאַרסטן בלאַט פון מאַסנקאַמף געגן בלוטיגע הערשער, געגן ארבעטער־פאַררעטער, וואָס האָבן, ווי רויבער, זיך פאַרמאָסטן צו פאַרניכטן איינע פון די גרעסטע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון די נאָדל־אַרבעטער.

אין פיר באַזונדערע פּלעצער האָט דער מאַסנקאַמף געקראָגן זיין אויסדרוק: אין וועבסטער האָל, מאַנהעטן ליסעאום, באַם אינטערנעשאָנאַל אָפיס און ארום דער „פאָרווערטס"־געביידע.

אין וועבסטער האָל

ווי א בינשטאָק האָט אויסגעזען וועבסטער האָל דינסטאג דעם 14טן דעצעמבער. די אויסגעהונגערטע ארבעטער־קלאָוקמאַכער האָבן פאַרפלייצט דעם האָל. מען איז געשטאַנען אין גרויסע גרופּעס און מ'האָט געזשומעט ווי דערצאָרנטע בינען. יעדער באַזונדערער קרייז האָט געקאָכט און געזאָדן מיט פאַרביטערטקייט, מיט פייערדיגן גרימצאָרן געגן דעם אומגעהויערן באַנדיטיזם פון זיגמאַנ'ס מאַשין, וואָס האָט זיך דערוואַגט ארויפלייגן די לאַפּעס אויף דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ארונטערזעצן די געזעצלעך־אויסדערווילטע יוניאָן־פירער, וואָס האָבן דעם פולסטן צוטרוי פון די מאַסן מיטגלידער, און פאַרמאָסטן זיך מיט גוואַלד איבערצונעמען די פירערשאַפט אין דעם קאַמף מיט די באַלעבאַטים, כדי צו פאַרראַטן די ארבעטער און אונטערוואַרפן זיי אונטער'ן קנאַפּל פון די עקספּלואַטאַטאָרס.

ניט נאָר יונגע, קאַמפּספּייאיגע און קאַמפּסלוסטיגע, נאָר אפילו אלטע לייט מיט גרויע בערד האָבן געשימפּט און געשאָלטן מיט ביטערע קללות דעם פאַרהאַסטן „פּרעזידענט“ פון דער אינטערנעשאַנאַל, זיגמאַנ׳ען. די גאַנצע שוואַרצע חברה פון דעם „פאָרווערטס“, בראש מיט זייער האר אב. קאַהאַנ׳ען, וואָס האָבן ווי גיפטיגע שלאַנגען זיך איינגעקלאַמערט אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן און שטרעבן זי צו פאַרניכטן.

דער אַלגעמיינער האַס און צאָרן איז געוואַקסן פון מינוט צו מינוט. די אומפאַרשעמטע ליגנס, וואָס זיינען מיט גרויסע בוכשטאַבן דערשינען אין דעם „פאָרווערטס“, אז „מאַסן קלאָוקמאַכער באַם דזשאָינט באָארד בילדינג דריקן אויס זייער פּראָטעסט געגן די לינקע“ און נאָך און נאָך אויסגעטראַכטע באָבע־מעשיות, האָבן ארויסגערופן אזא עקל, אז פויסטן האָבן זיך געביילט.

ס׳איז ניטאָ אין גאַנצן האָל קיין איין מענטש, וואָס זאָל ניט פילן אָט דעם האַס, דעם עקל צום „פאָרווערטס“, צו דער גאַנצער באַנדע, וואָס צאַפּט דאָס בלוט פון די אַרבעטער־מאַסן. אויב עס דרייען זיך ארום צווישן עולם א פּאָר שפּיאָנען־גענגסטערס, האַלטן זיי זיך שטיל, פאַרטייעט, כדי מ׳זאָל זיי ניט דערקענען, ווארום זיי קענען האָבן א פינסטערן סוף...

— נאָכ׳ן מיטינג דאַרף מען גיין צום „פאָרווערטס“ אַלע צוזאמען און אַלע אונזערע בייזע חלומות אויסלאָזן צו זיין קאָפּ!

אזוי קאָכט און זידט ארום און ארום, אין אַלע ווינקלען, אין אַלע זייטן.

נאָך איידער דער מיטינג איז געעפנט געוואָרן, איז שוין דער פאַרזאַמלטער עולם אַן אויפגעפלאַמטער, אַן אויפגעברויזטער. און ווען עס האָבן זיך אָנגעצונדן די עלעקטרישע לאָמפּן אויף דער בינע און עס האָבן זיך באַוויזן די פירער, האָט אויסגעבראָכן א דונערדיגער אַפּלאָז.

דער פּאָרזיצער שילדערט די לעצטע פּאַסירונגען, דערציילט וועגן דעם נייעם פאַרברעכערישן אַקט פון זיגמאַנ׳ס פאַרדאַמטער מאַשין. יעדעס וואָרט פון דעם רעדנער קאָכט אויף דאָס בלוט:

— ער, דער נאַכט־העלד, דער אומפאַרשעמטער באַנדיט, וואָס

האָט זיך ווי א גיפטיגע שלאַנג איינגעגעסן אין דעם אַרבעטער׳ס לייב, — ער פאָדערט, אז געזעצלאך אויסדערוויילטע פאָרשטייער זאָלן רעזיגנירן אין פיר און צוואנציג שעה און איבערגעבן אים די פירערשאַפט אין דעם סטרייק, וואָס ער האָט פאַרראַטן. ניט דערלעבן וועט זיגמאַן מיט דער גאַנצער באַנדע זיינער, אז אונזערע פאַרטרויטע פירער, וואָס האָבן מיט אונז צוזאַמען געבלוטיגט פינף און צוואנציג וואָכן, זאָלן זיך אים אונטערגעבן! איר ווייסט גאַנץ גוט, אז ניט פאַר די „דזשאַבס“ האַלטן זיך אונזערע פירער, ניט דאָס דיקטירט זיי ארויסטרעטן אין אַנטשלאָסענעם ווי־דערשטאַנד געגן דער קאָרופּטער מאַשין. די פירער הונגערן גלייך מיט אונז און בלוטיגן אפשר נאָך מער. מיר וועלן אונטער אַלע שווערסטע אומשטענדן באַקעמפן יעדן פאַרזוך פון די אַרבעטער־פאַררעטער צו צוברעכן די שטאַרקייט און די אייניגקייט פון קלאָוקס־מאַכער יוניאָן! דער אומפאַרשעמטער פּראָוואָקאַטאָר זיגמאַן שרייט דורך דער קאַפּיטאַליסטישער פּרעסע, אז „די מאַסן קלאָוקמאַכער זיינען מיט אים“... אָט זיצן דאָך דאָ די מאַסן! וואו־זשע זיינען זיגמאַנ׳ס מאַסן? וואו האַלט ער זיי פאַרבאָרגן? דער היינטיגער מיטינג, אָט דער איבערגעפּאַקטער האָל, וואָס זיצט ווי געשמידט באַווייזט דאָך קלאָר און דייטלאך מיט וועמען איז די גרויסע מיטגלידערשאַפט!

נאָך און נאָך זודיגע ווערטער רייסן זיך ארויס פון דער טי־פעניש פון הארצן און דערגרייכן צו די טיפעניש פון טויזנטער הערצער, און דער גרויסער אַרבעטער־עולם שטורמט מיט באַגייס־טערונג, איז גרייט צו קעמפן ביז׳ן לעצטן טראָפּן בלוט פאַר דער יוניאָן און באַשיצן זי פון אַלע באַנדיטן, וואָס פאַרמעסטן זיך זי צו פאַרניכטן.

ערגעץ אין די לעצטע רייען אין א ווינקל ברעכט אויס א טומל. דאָס האָט אפנים איינער פון די אונטערגעשיקטע זיגמאַנ׳ס משרתים ארויסגעוויזן אויף א מינוט זיין פּרצוף. דער טומל ווערט אָבער באַלד אָפּגעהאַקט, ווען אויף דער פּלאַטפאָרמע באַווייזט זיך לואיס הימאַן.

אויף זיין פראָסטן איינפאַכן שטייגער דערציילט ער די פאַר־

זאַמלטע, ווי אזוי זיגמאַן האָט פון דעם ערשטן טאָג פון סטרייק פאַרראַטן די ארבעטער:

— איך וועל אייך זאָגן אָפן: איך האָב אויף דער ניינטער אָדער צענטער וואָך געוואָלט קומען צו אייך און זאָגן, אז זיגמאַן פאַרראַט אונז, נאָר אונזערע מענטשן האָבן מיך אָפּגעהאַלטן. עס האָט זיך זיי געדוכט — אפשר... אפשר וועלן מיר אים בייקומען. איצט גייט ער אָן מיט נייע פּראָוואָקאַטאָרישע שטיק. איר ווייסט אַלע און ער, דער דאָזיגער זיגמאַן מיט זיין גאַנצער כאַליאַסטרע ווייסן אויך גאַנץ גוט, אז איך בין ניט קיין קאָמוניסט — ניט דערפאַר, חלילה, וואָס א קאָמוניסט צו זיין איז א פאַרברעכן, נאָר איך געהער פאַרט ניט צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, — קומט ער איצט און טאַראַבאַנעוועט אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, אז איך האָב זיך דאָ ניט לאַנג בעראַטן אויף א קאָנפערענץ מיט׳ן דזשענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אמעריקאַנער קאָמוניסטישער פאַרטיי. האָב איך אים דורך דער פרעסע געטשאַלענדזשט: אויב ער וועט קענען דערווייזן, אז איך האָב זיך בעראַטן מיט דעם סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, רוטענבערג, ניט נאָר אין דעם טאָג, אין וועלכן ער ווייזט אָן, ווייל אין דעם טאָג איז רוטענבערג גאָר געווען אין שיקאַגאָ — נאָר ווען עס איז אין מיין לעבן, צי איך האָב מיט אים אפילו א פּאָר ווערטער ווען עס איז געהאַט אויסגערעדט, דאַן בין איך גרייט אונטערוואַרפן זיך צו יעדער שטראָף, וואָס דער „פּאַרווערטס" וועט צו׳משפּט"ן! און אויב ער וועט עס דערווייזן ניט קאָנען, זאָל ער זיך אָפּטראָגן פון דער יוניאָן, און אזוי אַרום וועלן מיר פון אים אינגאַנצן פּטור ווערן...

א לאַנג־דויערנדיגער אַפּלאָז האָט באַדעקט די ווערטער.

צום שלום פּאָדערט דער רעדנער אויף, אז די פאַרזאַמלטע זאָלן איצט איין מאָל פאַר אַלע מאָל ביי זיך באַשליסן, מיט וועמען זיינען זיי:

— מיט זיגמאַנ׳ען צי מיט דעם דזשאָינט באָארד, וואָס איז דערוויילט פון דער גאַנצער מיטגלידערשאַפט און בלוטיגט צוזאַמען מיט אַלעמען שוין פינף און צוואַנציג וואָכן?

דער עולם ברעכט אויס אין א באגייסטערטער אָוואציע פאַר דעם דזשאָינט באָארד, פאַר דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע און פאַרדאַמט די פאַררעטערישע מעשים פון דער זיגמאַן־מאַשין.

— ברודער פאָרזיצער! — דערטראָגט זיך א קול פון צווישן דעם עולם: — איך לייג פאָר, אז מיר אַלע זאָלן פונדאַנען אוועק־גיין מיט א פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע צום פאַררעטערישן אינטער־ניישאָנאַל אָפיס!

דער פאָרזיצער שטעלט דעם פאָרשלאָג אויף אָפּשטימונג. אַלע ווי איינער מיט רוישיגע אַפּלאָדיסמענטן הייסן גוט דעם פאָר־שלאָג.

— צום אינטערנייישאָנאַל! צום אינטערנייישאָנאַל!

די קולות טראָגן זיך פון אַלע זייטן און דער גרויסער עולם לאָזט זיך גיין צום ארויסגאַנג.

ביים אינטערנייישאָנאַל אָפיס

אויפ׳ן וועג צום אינטערנייישאָנאַל אָפיס האָט זיך דער עולם באגעגנט מיט די טויזנטער מיטגלידער, וואָס זיינען געווען פאַר־זאמלט אין מאַנהעטען לייסעאום און פון דער עלפטער גאַס דורך יוניאָן סקווער האָבן זיי צוזאמען אין פעסטע רייען געשטראָמט צו דער זעכצנטער גאַס. דער גאַנצער פארקער אויף דער פינפטער עוועניו איז אָפּגעבראָכן. א לעבעדיגע וואנט פון צונויפגעפּרעסטע טויזנטער קערפּערס האָט פארבאריקאדירט דעם גאַנצן קווארטאַל ארום דעם אינטערנייישאָנאַל אָפיס. שטורמדיגע קולות טראָגן זיך אין דער לופטן:

— פאַררעטער! סקעבס! סקעבס!

— נידער מיט דער זיגמאַנשטשינע!

— בו... בו... בו...

די שמאָלע זעכצנטע גאַס האָט אויסגעזען, ווי א כוואַלעג־דיגער טייך. א פּאָר צענדליג פּאָליסלייט האָבן מיט די קלאָבס צוטיילט דעם עולם אויף צוויי טיילן און געיאָגט — איין טייל צוריק צו דער פינפטער עוועניו, די צווייטע טייל — פאָראויס אין דער לייננג פון דער זעכצנטער גאַס. אין די פענסטער פון

דעם „אינטערנייישאַנאַל אָפּיס“ האָבן זיך געזעצן אַ פּאָר טוץ אַנט־בלויזטע קעפּ, מיט גראָבע סיגאַרן אין די מיילער.

דער עולם האָט גענומען פּאַכן צו זיי מיט די קולאַקעס, מיט די שטעקנס.

פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן קולות:

— סקעבס! סקעבס!

— גאַרילאַס!

— אונטערוועלט יונגען!

— גענג...סטע...ערס!

מ'האָט דעם אויפגעבראַזטן פיל־טויזנטקעפּיגן עולם אָפּגע־שטופּט אויף דער מיט פון פינפטער עוועניו. פון יענער זייט, פון דער זעכצנטער גאַס האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן קולות:

— „סקעבס“! „גענגסטער“!

פון אַלע געביידעס אַרום און אַרום האָבן אַרויסגעקוקט הונ־דערטער פאַרוואונדערטע פּנים'ער.

פון ביידע זייטן פון פינפטער עוועניו זיינען געשטאַנען צענ־דליגער אויטאָמאָבילן, אויסוואַרטנדיג ביז די גרויסע מאַסן אַר־בעטער וועלן דורכפּליסן צו די טראָטואַרן.

— צום „פאָרווערטס“! צום „פאָרווערטס“! — האָט געדונ־נערט אין דער זוניגער לופט, און די מאַסן האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צו איסט־בראָדוויי.

אַרום דער „פאָרווערטס“-געביידע

איבער דער גאַנצער לענג פון פינפטער עוועניו האָט געפּלאָסן אַן אומענדלעכער שטראָם פון אַרבעטער. מונטער און לעבעדיג האָבן זיי מאַרשירט, ווי נאָך אַ גרויסן זיג. ס'איז געווען מאָדנע צו זען אין די רייען אַ סך אַלטע לייט מיט גרויע בערד.

וואָס פאַר אַ כישוף איז פאַרבאָרגן אין מאַסנקאַמף! מענטשן, וואָס האָבן אַלע זייערע יאָרן אָפּגעלעבט אין דער פינסטערניש, ווי געהאָרכזאַמע קנעכט, זיינען פּלוצלונג יונג געוואָרן, קרעפטיג און שטאָלץ מיט'ן קאַמף געגן פאַררעטער פון'ם אַרבעטער־קלאַס, געגן פאַרקויפטע נשמות. אומבאַוואוסטזיניג, ניט ווייסנדיי ווי

שיין און גרויס איז דער היסטאָרישער אַקט, אין וועלכן זיי נעמען א דירעקטן אנטייל, גייען זיי מיט׳ן שטראָם.

זיי גייען מיט אַ פייערדיגן פּראָטעסט צו יענעם „פאָרווערטס“, וואָס זיי האָבן צענדליגער יאָרן געהאַלטן פאַר זייערן באַשיצער, און איצט האָבן זיי אויף דער עלטער זיך איבערצייגט, אַז אָט דער „פייפער“ איז דער עקלהאַפּטסטער דם־שונא זייערער.

דער עולם צושפּרייט זיך איבער די זייטיגע גאַסן און גיסט זיך ווידער צונויף לעבן יוניאָן סקווער, פון דאָרטן מאַרשירט מען צו־זאַמען אין איין ריכטונג — צו איסט בראָדוויי.

* * *

מיט דער ערשטער גרופּע דעמאָנסטראַנטן בין איך צוגעקומען צו ראָטגערס סקווער.

דעם וועג שניידט אונז דורך אַ פליענדיגער אויטאָמאָביל מיט פּאָליסלייט.

זיי טראָגן זיך אויך צום „פאָרווערטס“.

דאָרטן ארום דער אריינגאַנג־טיר שטייען שוין אין א רונדער רייע אַ מאַן צען־צוועלף בלויע רעק. דער פּאָליציי־אויטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ לעבן דעם „צען־שטאָקיגן גולם“.

ווי נאָר די מאַסע איז צוגעקומען צו ראָטגערס סקווער, איז דער וועג, וואָס פירט צום „פאָרווערטס“, באַלד פאַרצאַמט געוואָרן פון פּאָליסלייט. האָט זיך דער עולם גענומען אריינגיסן אין סקווער. אין דעם מאָמענט זיינען אויסגעוואַקסן פּאָליסלייט אויף פערד. זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער ריי מיט די פערדישע מאָרדעס צו ראָטגערס סקווער, באַלד אַ ריס געטאָן זיך פון אָרט און ווי א וויכער אַ טראָג געטאָן זיך אף דעם פאַרזאַמלטן עולם אין סקווער. דער געלאַף פון די פערד מיט פּאָליסלייט אין די זאָטלען האָט אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן. עס זיינען אויפגעשוואומען אין די געדאַנקען בילדער פון דער צאַרישער רוסלאַנד, ווען די ווילדע קאָזאַקן פלעגן זיך אַ טראָג טאָן אויף דעמאָנסטראַנטן.

די פערדישע פּאָליסלייט האָבן זיך אריינגעשניטן אין דער געדיכטער מאַסע און גענומען קנעטן דעם עולם.

דער עולם האָט זיך אַ נעם געטאָן אף צוריק און מיט אַ פּיל־

שטימיגן „בו...בו...“ זיך צעזייט אין אַלע ריכטונגען פון ראַטגערס סקווער. א צווייטער מעכטיגער „בו־בו...“ האָט פּלוצלונג אויס־געבראָכן ארום דעם סקווער. ווי ווילדע חיות האָבן זיך די פּאָליסלייט געיאָגט אף רעכטס, אף לינקס און שלאָגנדיג איבער קעפּ, איבער רוקנס, גענומען פּאַריאָגן דעם פּראָטעסטירנדיגן עולם אין די זייטיגע גאסן.

פונ׳ם „צענשטאָקיגן“ האָבן ארויסגעקוקט צענדליגער פּנים׳ער. זיי האָבן נאָכגעפּאָלגט דעם געלאָף פון די פערד אף די ארבעטער־מאסן.

אין אַ זייטיגער שמוציגער געסל, וואוהין א דיקער פּאָליסמאַן האָט פּאַריאָגט א גרופּע, האָב איך דערזען איינעם א שרייבער — א טרוימער, א נים־דאַאיגן, א זייטיגן.

— נו, איר זעט? דאָרטן שטייען דאָך באַ די פענסטער ש ר י י ב ע ר! זייערע אויגן זעען דאָך, אז דאָס יאָגט מען און מ׳שלאָגט ארבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זיינען געקומען פּראָ־טעסטירן געגן פּאַרראַט! זיי פּאַרשטייען דאָך, אז די דאָזיגע אַמע־ריקאַנער קאָזאקן פּאַרטיידיגן זיי, אָט די שרייבער, זייער „סאָציאַ־ליזם“! היינט, ווי פילן זיי? וואָס טוט זיך אין זייערע נשמה׳לעך, אין זייערע מח׳עלעך?!

דער שרייבער — דער טרוימער — האָט טרויעריג געשאָקלט מיט׳ן קאָפּ, האָט געקוקט ארויף צום צענשטאָקיגן און האָט גע־שוויגן.

א הויכע ארבעטירן מיט געגרייזלטע בלאָנדע האָר, האָט אויס־געשטרעקט איר דאַרן פויסט אין דער לופטן און פאָכנדיג אין דער ריכטונג צום צענטן שטאָק, האָט זי געשריען:

— קומט אהער, איר פּאַררעטער! וועלן מיר מיט אייך א שמועס טאָן! אַ, כוליגאַנעס!

דאָ איז אונטערגעשפּרונגען א ברייטער פערדישער הינטן, און האָט זי א שליידער געטאָן אין אַ זייט און גענומען טרייבן ווייטער און ווייטער.

מ׳האָט דעם עולם פּאַריאָגט ווייט פונ׳ם „פּאָרווערטס“.

דער ראַטגערס סקווער איז אָפּגעלײדיקט געוואָרן.

באַ יעדן ארײנגאַנג אין סקווער איז געשטאַנען אַ פּאָליסמאַן אויף דער וואך...

אָפּגעשטאָרבן איז געוואָרן דער גאַנצער פּלאַץ ארום דעם „פאָרווערטס“. בלויז די בלויע רעק האָבן זיך ארומגעדרייט. עט־לעכע געשטאַלטן האָבן זיך אויף די טרעפּ פון „פאָרווערטס“ צו־נויפגעפּרעסט און מיט שטאַרע אויגן געקוקט, ווי מ׳יאָגט זיך נאָך מענטשן, ווי מ׳שלאָגט און מ׳מזיק׳ט אין דער „פרייער אַמעריקע“ אין מיטן העלן טאָג.

דער געראַנגל מיט די פּאָליסלײט איז אָנגעגאַנגען עטלעכע שעה.

פון די ווײטע גאַסן האָבן זיך נאָך אַלץ געטראָגן אויסגע־שרײען:

— סקע...ב...ס —

— פּאַר..רע..ט..ער... —

א מעדיסאן סקווער גארדן מיטינג

גרויס איז געווען דער מאסנאויסברויז דעם 14טן דעצעמבער ארום די שווארצע נעסטן, נאר נאך מעכטיגער האבן געשטורמט די צענדליגער טויזנטער קלאוק- און דרעסמאכער אין מעדיסאן סקווער גארדן, דעם 18טן דעצעמבער (1926).

אין דעם פרט איז דאס געווען דער צווייטער רויטער דאטום פון דער לינקער באוועגונג אויף דער אידישער ארבעטער-גאס —

די באדייטונג פון דעם מעדיסאן-סקווער גארדן מיטינג איז געווען גרויס שוין מיט דעם אליין, וואס דאס איז געווען א מעכטיגער ענטפער צו דעם פאראייניגטן פראנט פון אלע שווארצע כחות; צו די פאראזיטן פון די שווארצע נעסטן — מיט'ן „פארווערטס" בראש — מצד דעם לינקן דזשאינט באארד.

דער לינקער דזשאינט באארד האט זיך ניט אפגעשראקן פאר די בלבולים און זלזולים פון די זיגמאנס און אייב קאהאנס! פארקערט: דער לינקער דזשאינט באארד האט עפנטלעך גערופן צו קומען אין מעדיסאן סקווער גארדן אט די פאררעטער, און זאל דער גרויסער ארבעטער-עולם באשליסן, ווער זיינען די פריינט, וואס ווייטיקן מיט די ווייטאקן פון די ארבעטער, און ווער זיינען זייערע בלוטיגע שונאים, וואס שטרעבן צו פארניכטן דעם לעצטן שפור פון זייער ארגאניזירטקייט און זייער קאמפספייאיגקייט.

* * *

שוין ניט איין מאל זע איך דעם מעדיסאן סקווער גארדן פארפלייצט פון אונטן ביז ארויף מיט א באגייסטערטן ארבעטער-עולם.

נאר דאס מאל האט פשוט פארכאפט דעם אטעם פון דער ריזיגקייט, פון דער אויסערגעוויינלעכער קאמפסלוטיגער שטימונג.

דורך א לאנגער רייע ארדנונג-אויפזעהער גייט דורך דער

שטראָם פון ארבעטער. די יעניגע, וואָס זיינען געקומען אריינצו־שמוגלען זיך מיט אַ שווינדל, מיט אַ נאָכגעמאַכטער סטרייקינג־קאַרט, מיט אַ געפעלשטן יוניאָן־ביכל — ווערן באַלד צוריקגעשיקט.

איך זע באַ די אָרדנונג־אויפזעהער אין די הענט גראָבע פעק־לאַך מיט אָפּגענומענע געפעלשטע קאַרטס. דאָס האָט מען „קאָנ־פיסקירט" באַ די אונטערגעשיקטע פון דער זיגמאַן־בעקערמאַנ׳ס חברה. זיי, די שטרויענע העלדן, האָבן אָפּגעהאַלטן ספּעציעלע גע־היימע מיטינגען פון גענגסטער, פון אויסוואורפן און געגעבן זיי „קאַרדס" און אינסטרוקציעס, ווי אזוי זיי זאָלן אָפּברעכן דעם מי־טינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן.

די אָרדנונג ווערט אָנגעהאַלטן ביז׳ן סוף מיט אַן אויסערגע־ווינלאַכער אָרגאַניזירטקייט. —

אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינען נאָך ניטאָ די פירער — ניט פון דזשאָינט באָארד און ניט פון דזשענעראַל סטרייק־קאָמיטע.

באַ די טישן פאַר דער פּרעסע זיצן צענדליגער רעפּאָרטערס פון אלע ענגלישע און אידישע צייטונגען.

עס גייט דורך אַ מיטגליד פון דער אָרדנונג־קאָמיטע און ווענ־דעט זיך צו איינעם פון די רעפּאָרטערס, וואָס זיצט לעבן מיר:

— שרייבט נאָר דעם אמת, מיסטער!

אין דעם מאָמענט ברעכט אויס אַ גוואַלדיגער אַפּלאָז.

ווי אויפגערודערטע פויגלען, פלאַטערן אין דער לופטן טויזנ־טער און טויזנטער פּאָר הענט.

דאָס באַגעגנט מען די אָנגעקומענע פירער.

מיין „פאָרווערטס"־שרייבער קוקט שטאַר אויף דער פּלאַט־פאָרמע, באַטראַכט דעם ברויזנדיגן עולם ארום און ארום...

— פאַרגעסט ניט, וואָס מ׳האָט אייך דאָ ערשט געבעטן! — זאָג איך צו אים: — דעם אמת זאָלט איר שרייבן! פאַרצייכנט אָט דעם אַפּלאָז פון דעם איבערגעפּאַקטן מעדיסאָן סקווער גאַרדן ביים אריינקומען פון דער דזשאָינט באָארד! — פאַרצייכנט!

ער שווייגט, דער „פאָרווערטס"־קנעכט... זיין ברייטער רוקן קערט זיך אוים צו מיר.

באַלד ווערט די לופט ווידער אויפגעטרייסלט פון אַ נייעם מעכטיגן אפּלאַז, פון דונערדיגע אויסגעשרייען:

— הוראַ פאַר דעם דזשאָינט באָארד!

— נידער מיט זיגמאַנ׳ס באַנדע!

דער גאַנצער 18-19 טויזנט-קעפּיגער עולם הויבט זיך אויף פון די ערטער. עס פּאָכן היטלען אין דער לופטן.

סאַראַ קראַפט, סאַראַ גבורה עס איז פאַרקערפּערט אין אָט דער באַגייסטערטער מאַסע ארבעטער און ארבעטערינס!

איך קוק זיך אום אויף דעם „פאָרווערטס"-רעפּאָרטער: ער איז ניטאָ, נעלם געוואָרן!...

ער האָט אַ פּנים ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם געוואַלדיגן אויפברויז פון צענדליגער טויזנטער ארבעטער-מאַסן... איך זוך אים מיט די אויגן צווישן די רעפּאָרטערס — אפשר איז ער אריבער אויף אַן אַנדער פּלאַץ, — ניין, ניטאָ, אַנטלאָפן...

* * *

רעדעס!

פּשוט׳ע ארבעטער, צענדליגער יאָרן שווער אָפּגעארבעט אין די שעפּער, אמת׳ע האָרעפּאַשניקעס — און וואָס פאר א קראַפט, וואָס פאר א ברען איז אין יעדן וואָרט זייערן!

דער גרויסער עולם זיצט א פארגאַפטער, א געשפּאַנטער.

אזוי קאָנען רעדן נאָר פאַרהאַרטעוועטע אין קאַמף ארבעטער פירער!

אזוי קאָנען אויסהערן די רעדעס נאָר אויסגעפּרואוועטע, גע־שטאַרקטע פון פּיין — ארבעטער־מאַסן!

דער פאָרזיצער ווענדט זיך צום פארזאַמלטן עולם:

— מיר האָבן אָנגענומען אלע מיטלען, כדי דאָ, אויף דעם מאַסמיטינג, זאָלן אנוועזנד זיין בלויז קלאָוקס־ און דרעסמאַכער; אז די אונטערוועלט־יונגען, וואָס זיינען אונטערגעשיקט פון דער פאַרברעכערישער זיגמאַן־מאַשין, זאָלן ניט קאָנען אריינקומען. דאָך זיינען מיר ניט זיכער, אז וער פון זיי האָט זיך פּאָרט אהער אריינ־גע׳גנב׳עט — וואָרענען מיר אייך, ברידער און שוועסטער, זיצט רואיג אויף אייערע ערטער; אויב פון ערגעץ־וואו פון א ווינקל וועט זיך א טראַג־טאָן א פיינטלעכער אויסגעשריי, צי א סווישטשע־ריי, זאָלט איר זיך ניט אויפרעגן. מיר ווייסן, אז א כאַפּטע גענג־סטערס זיינען געקומען אהער מיט ווּיסלען — אָט מיט אזעלכע ווּיסלען —

דער פאָרזיצער דעמאָנסטרירט פאר׳ן עולם א פייפל:

— איר זעט, א קליינינקע, אין מויל קאָן מען דאָס באַהאַלטן. זאָלט איר ניט שענקען קיין שום אויפמערקזאַמקייט, אויב אזוינס וועט פון א ווינקל זיך דערהערן. פאַר זיגמאַנען און זיינע אדיור־טאַנטן איז דער היינטיגער מיטינג א ביין אין האַלז. זיי פאַר־שטייען, אז היינט וועלן זיי ברעכן דעם קאָפּ, אז זייער אָנגריף אויף דער קלאָוקמאַכער יוניאָן וועט היינט באַקומען דעם שטאַרקסטן ווידערשטאַנד פון דער גרויסער מיטגלידערשאַפט.

דער עולם באַדעקט די דאָזיגע ווערטער מיט לאַנגדויערנדיגע אַפּלאָדיסמענטן.

אויב ס׳איז ערגעץ וואו פאַראַן צווישן עולם א פּאָר

געננגסטערס, אויב ס׳האָבן זיך אריינגעשמוגלט עטלעכע „זיג־מאַן־באָיעס" מוז זיי זיין פינסטער און ביטער אויפ׳ן הארצן:

גיי ברעך אָפּ אזא מאַסמיטינג, גיי פיר פאר׳ן נאָז אזא שטאַרקע, מעכטיגע ארמיי פון באוואוסטזיניגע ארבעטער און ארבעטערינס.

* * *

. . . עס פליען פון דער פּלאַטפאָרם פייערדיגע רעדעס — אויף אידיש, אויף ענגליש, אויף איטאַליעניש. דער עולם ווערט צונויפגעשמאָלצן אין איין פלאַמענדיגן אויסגוס פון באַגייסטערונג פאר די אויסגעפּרובירטע פירער.

געפינט זיך זיגמאַנ׳ס שפּיאָנען אין דעם מעדיסאָן סקווער גארדן?

זעען זיי, וועמען זיגמאַן וויל דאָס אזוי גרינג באַקעמפן מיט זיינע שמד־שיק, מיט נידערטרעכטיגע ליגנס, מיט נאַכט־באַנדיטיזם?

יעדעס מאָל, ווען די רעדנער דערמאָנען זיין נאָמען, טוט זיך אַ טראָג אַ דונערדיגער „בו־בו־בו" אין דער לייננ, אין דער ברייט און אין דער הויך פון דעם ריזיגן מעדיסאָן סקווער גאַרדן.

דער זעלבער „בו־בו־בו" ברעכט אויס אויך ביים דערמאַנען דעם פאררעטערישן „פאָרווערטס".

וואָס פאר אַ גוואַלטיגער עקל כאַפּט ארום יעדן פון די צענדליגער טויזנטער ארבעטער, ווען מ׳דערמאנט די נעמען פון די שונאים פון דער ארבעטער־באַוועגונג!

דער האַס, דער צאָרן געגן די פאַרלוימדער און פאררעטער איז אזוי גרוים, אז ס׳איז פּשוט אַ סכנה זיי זאָלן זיך דאָ באַווייזן.

ווען דער פאָרזיצער לייענט פאַר די לאַנגע רעזאָלוציע, וואָס דריקט אוים צוטרוי צו די פירער פון דזשאָינט באָארד און פאַרדאמונג צו דער זיגמאַנשטשינע, הערט מען זיך צו מיט אַ פאַרהאַלטענעם אָטעם.

אויפ׳ן פאָרשלאָג פונ׳ם פאָרזיצער, אז מ׳זאָל באַשטימען גוט־

צוהייסן די רעוואָלוציע מיט אויפשטיין, טוט זיך די צענדליג־טויזנ־טיגע מאַסע א הויב פון אָרט, ווי א ריזיגער פילקעפיגער גיבור.

א רגע איז דער עולם געשטאַנען, ווי פאַרגליווערט, און באַלד האָט א דונער געטאָן, ווי פון צענדליגער האַרמאַטן:

— הורא! הורא!...

— לעבן זאָל די קלאָוקמאַכער יוניאָן!

— הורא פאַר אונזערע פירער־קעמפער!!

די פריידיגע אויסגעשרייען האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט די רוישיגע הענט־קלאַפּערייען פון צענדליגער טויזנט פּאָר הענט.

— זעצט זיך צוריק אויף די ערטער! — רופט אוים דער פאָרזיצער: — זאָלן איצט אויפשטיין די יעניגע, וואָס זיינען געגן דער רעוואָלוציע!

צווישן דעם ים זיצנדיגע האָבן זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן איינצי־גע צונויפגעקאָרטשעטע געשטאַלטן—אפשר א צוואַנציג־דרייסיג, פון באַזונדערע ווינקלען, און זיינען באַלד פאַרשעמט איינגעגראָבן גע־וואָרן.

א הילכיגער געלעכטער האָט אויסגעבראָכן אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן.

ס'האָבן קרעפטיג געלאַכט אכצן־ניינצן טויזנט ארבעטער!

* * *

דער טאָג פון 18טן דעצעמבער 1926, וועט פאַרבלייבן דער צווייטער רויטער דאַטום פון דער לינקער ארבעטער־באַוועגונג.

אין אַ וואָלפֿן-גרוב

דערזעענדיג אין דעם טרויעריג-באַוואוסטן „פּייפּער" אַ גרויסע „קאָפּ" וועגן אַ קאָנפערענץ פון אַלע יוניאָן-פירער (דאָס מיינט: פון אַלע קאָרופּטע פאַררעטער) אין בעטהאָווען האָל, האָט זיך מיר שטאַרק פאַרגלוסט בייצוואוואוינען די טשיקאַווע פאַרזאַמלונג: דאָ וועל איך דאָך האָבן אַ געלעגנהייט צו זען פּנים לפּנים אַלע מחבלים, וואָס טעראָריזירן די אידישע אַרבעטער-וועלט!

אַרום אַכט דעם זייגער אין אָוונט בין איך צוגעקומען צום העל-באַלויכטענעם בעטהאָווען האָל.

אונטן, בא דעם אַריינגאַנג אויף די טרעפּ, זיינען געשטאַנען דריי געזונטע בויאַנעס און האָבן שטריינג קאָנטראָלירט יעדן ניי-אָנגעקומענעם. איך בין צוגעקומען צו די טרעפּ.

אַ דאַנק דעם, וואָס די באַיעס קאַנען מיך ניט אין פּנים, צי ווייל דערפאַר, וואָס איך האָב אין האַנט געהאַלטן אַ ווייס פּאַפּירל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי די „קרעדענשלס" ביי די אָנקומענדיגע „דעלעגאַטן" — (נאָר מיט אַן אַנדער אינהאַלט, פאַרשטייט זיך...)— האָבן זיי מיך דורכגעלאָזט.

איך שפּאַן איבער די טרעפּ אַ צופרידענער, וואָס מיר איז געלונגען אַזוי גרינג אַריינגיין אין דעם דאָזיגן פאַר'כישופ'טן קרייז, וואו ס'וועלן זיך דרייען אין אַ ווילדן טאַנץ אַלע שווארצע כוחות.

איך קום צו צום אַריינגאַנג אין זאַל, ערשט דער דורכגאַנג אין דעם פאָדערשטן צימער איז פאַרבאַריקאַדירט מיט אַ לאַנגן טיש, און אַרום און אַרום אַ געווירבל פון אַזעלכע מאָדנע פאַר-שוינען, וואָס איך זע זיי צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן: פאַר-קרימטע צורות, ברענענדיגע בייזע אויגן, פלייִשיגע ליפּן... אַ סקרוך איז מיר דורכגעגאַנגען איבער אַלע גלידער, ווען איך האָב דערזען אַרום זיך די גאַנצע אונטערוועלט.

אזוי מוז פילן א מענטש, ווען ער פאַלט אריין אין א טיפער בלאָטע, אין א גרויסן זומפּ; אזוי מוז מען פילן, ווען מ'פאַלט אריין אין א וואָלפן־גרוב...

ביים טיש זיינען געשטאַנען א מאַן פינף־זעקס מיט צעהיצטע פנימ'ער און האָבן באַ די אָנגעקומענע צוגענומען זייערע „קרע־דענשלס".

איך לאָז זיך גיין גלייך צו דער ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטער טיר, וואָס פירט אין זאַל.

א צוויי־דריי מחבלים פאַרשטעלן מיר דעם וועג:

— אייער קרעדענשל!

— איך בין פון דער פּרעסע.

— וואָסער פּרעסע?

— פון אַן ארבעטער־צייטונג.

— הא? וואָס? א ר ב ע ט ע ר ־ צ י י ט ו נ ג?

דאָס וואָרט „ארבעטער־צייטונג" האָט ער צעציענדיג ארויס־געבאָרבלט מיט אזא צעקרימטן מויל, אז ס'איז מיר געוואָרן קאַלט אין אַלע מיינע אברים...

— וואָס איז דאָס פאַר א צייטונג, הא?

איך שטרעק זיי אוים מיין פּאַפּירל:

— ס'איז א רוסישע ארבעטער־צייטונג, „נאָווי־מיר" — זאָג איך צו זיי.

די באָיעס קוקן זיך איבער, ווי פרעגנדיג איינער דעם צווייטן: „וואָס איז דאָס נאָך פאַר א פּייפּער?"

אין דעם מאָמענט איז צוגעלאָפן אָט יענער „אָדעסער אַנאַר־כיסטל־אינטעליגענט,, וואָס איך האָב אים געהאַט די זכיה צו זען אין וועבסטער האָל; ער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו מיין פּאַפּירל, אריינגעקוקט און באַלד אויסגעשריען:

— דאָס איז א באָלשעוויסטישע צייטונג! וואַרפט אים ארויס!

— ארויס! ארויס!

ארום און ארום — וואָלפישע אויגן, צעקרימטע מיילער, צע־שטשירעטע ציין: —

פאַרפאַלן, איך וועל שוין גאָרנישט מאַכן. מ'מוז גיין צוריק.

איך לאָז זיך גיין פון די טרעפּ און פּיל, ווי מיין רוקן שפּיזן דורך שטעכיגע וואָלפישע אויגן, איך הער פון הינטן ברומענדיגע זידל־ווערטער. איך גיי געלאַסן, נאָר אין קאָפּ שווינדלט אַ געדאַנק:

— אָט באַלד וועט מען מיר פון הינטן דערלאַנגען דעם אמת'ן קלאַפּ...

איך בין בשלום אראָפּ פון די טרעפּ. די, וואָס האָבן מיר פריער דורכגעלאָזט, קוקן מיך אָן מיט סטאַרע אויגן:

— צוריק?

— ווער זענט איר?

— פון וועמען קומט איר?

— אַ... אַ באָלשעוויק! איר קריכט אהער אויך! סאַנאָווע...

עס שיטן זיך זידל־ווערטער פון ברייט־צעעפנטע מיילער. איין שפּאַן און איך בין שוין פון יענער זייט טיר...

איך בלייב שטיין אויף דער גאַס, באַ דעם באַלויכטענעם אַריינגאַנג און קוק זיך איין אין די, וואָס קומען אַריין. עס פליען אונטער יעדע מינוט טעקסעס, פּריוואַטע אויטאָמאָבילן, ווי צו אַ גרויסאַרטיגן קאָנצערט־זאַל, אָדער ווי צו אַן ערשט־קלאַסיגן שאַנד־הויז... ס'שפּרינגען אַרויס פון די רייכע אויטאָמאָבילן — זאַטע, שמאַלציגע פּנים'ער, ברייטע פּלייצעס, גווידערדיגע העלזער.

דאָס זיינען „אַרבעטער־פאָרשטייער״!

דורך דער גלעזערנער טיר זע איך, ווי מ'וואַרפט אַרויס נאָך איינעם.

— פאַרוואָס האָט מען אייך אַרויסגעוואָרפן? — פרעג איך אים, ווען ער פאַלט אַרויס פון טיר.

— איך ווייס ניט. מ'האָט מיר אין לאָקאַל געהייסן קומען (ער רופט אָן אַ רעכטן פירער פונ'ם לאָקאַל), צום סוף לאָזט מען מיך נישט אַריין...

— אַ, האַלאָו! — טוט ער זיך אַ דריי אויס צו אַן אָנגע־קומענעם אין אַ טעקסי: — מ'לאָזט דאָך מיך ניט אַריין!

— וואָס הייסט, מ'לאָזט דיך נישט אַריין! — קום!

ער נעמט אים אַרום פאַר דער טאַליע און לויפט מיט אים אַריין אינווייניג. איך זע דורך דער פענסטער־טיר די ברייטע זיסע שמייכעלעך באַ די באָיעס, וואָס שטייען אויף דער וואַך. זיי האָבן הפּנים אַ טעות געהאַט: אַן אייגענעם נישט דערקענט און אַרויסגעוואָרפן...

פון אַ שאָטנדיגן ווינקל באַווייזט זיך אַן אַרבעטער, אַ קלאָוק־מאַכער. ער איז, ווי ס'ווייזט אויס, די גאַנצע צייט געשטאַנען און אָנגעקוקט, ווי די מחבלים פליען זיך צונויף אויף זייער „יום־טוב״.

— ווי געפעלן אייך די דאָזיגע „אַרבעטער־פאָרשטייער״? — זאָגט ער פאַרביטערט: — אַ בראָך צו זייערע קעפּ!

איך שטרעק אים אויס די האַנט, אַ שטייפן דרוק — און מיר גייען זיך פאַנאַנדער.

„גערררארררי!“

עס איז שוין ניט דער ערשטער פאל, וואס די רעכטע לאזן מיך ניט אריין אויף זייערן א מיטינג.

— פון דער „פרייהייט“? גערראררי!!

אז איך הער אט דעם „גערראררי“, דוכט זיך מיר, אז דאס ריטשען צעווילדעוועטע הינט.

מיט אזא ריטשען האבן מיך מכבד געווען די שומרים ביים אריינגאנג אויף דער פארזאמלונג פון דער אונטערוועלט.

א פארזיכערטער מיט א פאליס־קארט בין איך צוגעקומען צו זייער האל.

נאך פונדערוויטנס האב איך דערזען קרייזלעך ארבעטער, וואס האבן שטיל געשמועסט, אומקוקנדיג זיך אויף דעם באלויכטענעם אריינגאנג.

„דאס מוזן זיין די לינקע, וואס מ'האט ניט אריינגעלאזט“, — האב איך בא זיך געטראכט, נאר אפשטעלן זיך, פאנאנדערפרעגן איז קיין צייט ניטא: שוין אזוי אויך פארשפעטיגט.

איך קום צו צום אריינגאנג. עס שטייען צוויי געזונטע פאליסלייט. איך האלט גרייט מיין פאליס־קארט. נאר זיי פארהאלטן מיך ניט, פרעגן ניט — דער אריינגאנג איז פריי.

— א גוטער סימן — טראכט איך.

איך גיי אריין אין דעם לאנגן פאדערצימער. עס דרייען זיך ארום גרופקעס מענטשן.

— וואו איז דא דער מיטינג? — פרעג איך.

מ'ווייזט מיר אן:

— דארטן, רעכטס.

איך לאז זיך גיין, פארקערעווע רעכטס, ערשט:

— סטאפ!

א מענטשל מיט א צעשטופּלטן פּנים פאַרשטעלט מיר דעם וועג.

— איך בין פון דער פּרעסע. אָט איז מיין פּאָליס־קאַרט.

— פון וואָסער צייטונג?

— וואָס מאַכט אוים? א אידישע ארבעטער־צייטונג.

ער שטעלט אָן אויף מיר א פּאָר אויגן:

— פון דער „פרייהייט“?

— נו, אז פון דער „פרייהייט“, איז וואָס?

טוט ער מיך א דריי אוים אויף צוריק און טו טא ריטשע:

גער—ר—ראַר—רי!!!

— גערראררי! פון דער „פרייהייט“ דאַרפן מיר ניט האָבן קיין רעפּאָרטערס. מיר האָבן גענוג רעפּאָרטערס אָן אייער קאָמוניסטישן בלעטל!

— הערט מיך אוים — זאָג איך צו אים גוטמוטיג — זאָגט אליין, האָט ווען פּאסירט, אז אויף א מיטינג פון לינקע זאָל מען

ניט אַריינלאָזן אַ רעפּאָרטער פון „פאָרווערטס“? פּאַרוואָס־זשע האָט איר אַזוי מורא אַריינצולאָזן אַ רעפּאָרטער פון דער „פריי־הייט“?

טוט ער אַ גלאָץ מיט די אויגן און שפּאַרט מיר צום נאָז אַ ליפּלעט:—אָט אַזעלכע ליפּלעטלעך וועט איר אונז שרייבן און דער־נאָך ט'איר קומען צו אונז אויפן מיטינג?!

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט דעם, וואָס איך, אַלס רעפּאָרטער, וויל בייוואוינען אייערן אַ מיטינג? — פרעג איך אים, די אויגן ברענען שוין באַ אים, ווי באַ אַ וואָלף. איך ווער אַרומגערינגלט פון פאַרדעכטיגע פּאַרשוינען און דערפיל דעם זעל־ביגן געֿרוך ווי דאָרטן, אין בעטהאָווען האָל. ס'דרייט זיך אַרום ניט ווייט פון אונז אַ פּאָליסמאַן. איך נעם ווידער אַרויס מיין פּאָליס־קאַרט:

— דער דאָזיגער דאָקומענט צייגט אייך, אַז איך בין אַ צייַ־טונג־מענטש. און אַזוי ווי איר זיינט זיכער, אַז אייער מיטינג איז אַ געזעצלעכער, אַ פיינער, אַ שיינער, — האָט איר ניט וואָס מורא צו האָבן אַריינצולאָזן מיך. אָט איז אין קופּער־יוני'אָן געווען אַ מיטינג פון לינקע, און ווי דער „פאָרווערטס“ שרייבט, איז דאָס געווען אַ „קאָמוניסטישער“ מיטינג, פונדעסטוועגן האָט מען דורך דער פּרעסע געגעבן צו וויסן אַלע רעכטע פירער, אַז זיי זאָלן קו־מען צום מיטינג, דעם „פאָרווערטס“־רעדאַקטאָר אויך... וועגן אַ געוויינלאַכן רעפּאָרטער פון „פאָרווערטס“ איז קיין רעדע ניט — אַזעלכער האָט געוויס געקאָנט זיין אומגעשטערט. טוט־זשע אויך אַזוי, עפנט ברייט די טירן פאַר דער פּרעסע, ווי די לינקע טוען עס, אָן אונטערשייד פון וואָס פאַר אַ צייטונג דער רעפּאָר־טער זאָל ניט זיין!

אימיצער טוט מיך אַ צי פון הינטן פאַר'ן אַרבל. איך קוק זיך אום — אַ באַקאַנטער „פרייהייט“־לעזער. ער ווינקט מיר מיט'ן אויג, איך זאָל אויפהערן איינ'טענה'ען מיט דער חברה. איך פאַרשטיי זיין שטום־לשון: מסתמא איז די לאַגע ערנסטער, ווי איך שטעל מיך פאָר...

— מילא... — זאָג איך קורץ: לאָזט איר מיר ניט אַריין,

גיי איך אוועק: מיט גוואלד וועל איך זיך ניט אריינרייסן...

איך טרעט אָפּ פונ'ם רעדל, טו א וואונק דעם „פרייהייט"־לעזער און מיר לאָזן זיך גיין צום ארויסגאנג.

— פאַרוואָס האָט איר מיך א צי געטאָן פאַר'ן ארבל? —

— לאָמיר פריער ארויסגיין בשלום, וועל איך אייך זאָגן...

— ענטפערט ער מיר אין דער שטיל.

— נו? — פרעג איך אים ווידער, אז מיר זיינען שוין ארויס אויף דער פרישער לופט.

— פאַרשטייט איר מיך, איך האָב באַמערקט, ווי דריי „שטאַר־קע" האָבן זיך אָנגעהויבן שושקען און איך האָב דערהערט, ווי איינער רופט אָן אייער נאָמען... נאָך דעם געשלעג, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, פאַרשטייט איר דאָך, ווי זיי וואָלטן זיך מיט אייך אָפּגערעכנט.

— וואָס פאַר א געשלעגט? — קוק איך אים אָן.

— איר ווייסט גאָרניט, אז דאָ איז געווען אַן אמת'ע מלחמה?

און ער דערציילט מיר, וואָס איז פאָרגעקומען מיט א האַלבע שעה פאַר מיין קומען:

— א גרופּע ארבעטער־קלאָוקמאַכער האָבן דאָ געטיילט ביים אריינגאַנג ליפלעטס. האָבן די גענגסטערס באַפאַלן די גרופּע קלאָוק־מאַכער און ס'איז געווען א רעגעלע מלחמה...

— אזא מעשה... דאָס האָט ער מיר הפנים גערוקט צום נאָז דעם ליפלעטל!

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת: מיך האָט שטאַרק גע־וואונדערט, וואָס איר שטייט און האַמפּערט זיך מיט זיי נאָך אזא געשעעניש...

— האָב איך, הייסט עס, גוט אָפּגעשניטן, הא?

— ניין, ניין — אודאי גוט... ווי איך פאַרשטיי האָט איר נאָך פון זיין קיין קלעפּ ניט געהאַט?

— ניין, דערווייל נאָך ניט: נאָר ס'איז כדאי אמאָל כאַפּן א פּאָר קלעפּ אבי בייצעוואוינען זייערן א מיטינג; ס'מוז זיין זייער אינטערעסאַנט.

— אויב אזוי, וועט איר נאָך כאַפּן...

קאמף אויף לעבן און טויט!

דער רוף צום קאמף געגן דעם הויפּט־געננסטער „מוישע זיג־מאַן“ האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון ניו־יאָרק און דער גרויסער האָל איז איבערגעפּאַקט געוואָרן פון אונטן ביז אַרויף. הונדערטער זיינען געשטאַנען אין אַלע דורכ־גאַנגען, הונדערטער האָבן געמוזט אַוועקגיין, ווייל ס׳איז ניט געווען מער קיין פּלאַץ.

— מ׳האָט באַדאַרפט נעמען א גרעסערן האָל! — האָט זיך זייער געערגערט אַן אַלטער אַרבעטער: — דער עולם האָט דאָך שוין ניט וואוהין אַריינצוגיין!

— אז מ׳וואָלט רופן אַן אַלגעמיינעם מיטינג — וואָלט מען, פאַרשטייט זיך, גענומען דעם מעדיסאָן סקווער גאַרדען, — האָט אים געענטפערט איינער: דער מיטינג איז דאָך גערופן געוואָרן בלויז פאַר די אַקטיווסטע מיטגלידער, וואָס זיינען גרייט צו גיין אין די ערשטע רייען אין קאמף.

— אַלע זיינען מיר אַקטיווסטע! — בייזערט זיך דער אַל־טער: אַלע זיינען מיר גרייט באַגראָבן דעם הונט זיגמאַנען אין דר׳ערד! א... ימח שמו וזכרו! — שפּייט אויס דער אַלטער דרעסמאַכער: — ס׳איז פון אים גאָר ניט פּטור צו ווערן!

מיט פּולווער איז אָנגעלאָדן די לופט אין מאַנהעטן ליסעאום.

ביי יעדן איינעם קאָכט דאָס בלוט — ביי יונג און אַלט, ביי מאַן און פרוי. די שטימונג איז:

— „קאמף אויף לעבן און טויט!“

אויף דער פּלאַטפאָרם באַווייזן זיך צוויי פרישע קרבנות פון זיגמאַנ׳ס געדונגענע אונטערוועלט־יונגען: איינער מיט א צע־שפּאָלטענעם קאָפּ, — פאַרבאַנדאַזשירט — און א צווייטער מיט א צעהאַקטן שלייף האַרט ביים לינקן אויג, וואָס איז אינגאַנצן פאַר־שוואָלן — אין האָר און די אויג וואָלט אויסגערונען...

זיי זיצןביידע אויף דער פּלאַטפאָרמע, ווי א וואָרנונג, אַז דאָס זעלבע דערוואַרטעט יעדן איינעם פון די טויזנטער אידישע אַרבעטער, אויב מ׳וועט מיט א שטאַרקער האַנט ניט אָפּשטעלן זיגמאַנ׳ס טעראָר.

אין די איינגעפאַלענע אויגן פון די צעשלאָגענע איז פאַרגלי־ווערט א טיפער טרויער און מאָנט ראַכע...

ס׳ווערט שטיל אין זאַל:

— ברידער און שוועסטער! — רופט אוים דער פאָרזיצער. זיין קול ציטערט פון אויפרעגונג:

— אין א טיפן אָפּגרונט האָט זיגמאַן אריינגעוואָרפן צענדלי־גער טויזנטער אַרבעטער. אנשטאָט צו פירן א קאַמף געגן די באַ־לעבאַטים פאַר בעסערע באַדינגונגען, מוזן מיר זיך פאַרנעמען מיט דער פראַגע, ווי אַזוי פאַרהיטן דאָס, וואָס מיר האָבן שוין אוים־געקעמפט ביז איצט. עס שטייט אין גרוים געפאַר די יוניאָן. אָט זיצן פאַר אייך אונזערע קרבנות. זיי האָבן געפיקעט א שאָפּ, וואָס איז ארוים אין סטרייק, ווייל דער באָס האָט ארויסגעוואָרפן די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו רעגיסטרירן בא זיגמאַנ׳ען. זיינען אָנגעפלויגן זיגמאַנ׳ס גיינגסטערס אויף אויטאָמאָבילן און מ׳האָט אונזערע ברידער צע׳מזיק׳ט. זיגמאַנ׳ס טעראָר וואַקסט פון טאָג צו טאָג. ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז א באַוואוסטזי־ניגער אַרבעטער איז ניט זיכער מיט זיין לעבן. די איינציגע אויפ־גאַבע פון דעם היינטיגן מיטינג איז צו אָרגאַניזירן זיך געגן דעם ווילדן טעראָר.

עס באַקומט דאָס וואָרט דער איינציגער פאָרשטייער פון דזשאָינט באָארד.

ער איז קורץ און זאַכליך אין זיין רעדע:

— די צייט פון רעדעס איז פאַראיבער. ס׳האָט געשלאָגן די שעה פון טאָן. פאַר אַלעמען איז גענוג קלאָר די לאַגע. די יו־ניאָן איז אין געפאַר. די נאָדל־אַרבעטער זיינען טעראָריזירט פון זיגמאַנ׳ס מאַשין. אָן א צוזאַמענבונד, אָן אן אויסגעאַרבעטן פּלאַן זיינען מיר מאַכטלאָז געגן מעסערס און בלעקדזשעקס פון זיג־

מאַנ׳ס גענגסטערס. ראַטעווען די לאַגע קאָן אַ שטאַרקער אָרגאַ־ניזירטער ווידערשטאַנד.

ער צייכנט אָן סכעמאַטיש דעם פּלאַן פון ווידערשטאַנד און רופט יעדן איינעם, וואָס האָט אין זיך גענוג מוט און דרייסטקייט, פאַרשרייבן זיך אין די עקשאָן־קאָמיטעס, וואָס דאַרפן זיך געפינען אין אַלע דיסטריקטן פון דעם גאַרמענט צענטער, וואו עס בושע־ווען זיגמאַנ׳ס שלעגער.

די פּלאַטפאָרמע פאַרנעמען ווידער אַרבעטער פון שעפּער.

עס רעדט אַ קאַטער פון לאָקאַל צען.

איך האָב אים אַמאָל געהערט רעדנדיק אויף אַ האַטער־מיטינג. דאַמאָלסט האָט זיך געהאַנדלט וועגן באַקעמפן אַף די וואַלן זיגמאַנ׳ס אַדיוטאַנטל, דעם טרויעריג באַוואוסטן דובינסקי׳ן. ער האָט גערעדט מיט ווירדע. מיט קלאָרן באַוואוסטזיין, שטאָלץ, רואיג.

איצט שרייען אין אים די בלוטן:

— ווי קאָן מען רעדן, אַז די בלוטן קאָכן! ווי קאָן מען צו־זען אָט־די צעשפּאָלטענע קעפּ, אָט־די אויסגעשלאָגענע אויגן! — שרייט ער אוים ניט מיט זיין קול:

— וואָס טוט זיך דאָ? זיינען מיר קליינע קינדער? זיינען מיר אַזוי הילפלאָז?

אַזאַ פעסטער יונג און ער ווערט כמעט צוזאַמענגעבראָכן פון דעם גוואַלדיגן שמערץ. ער רעדט ניט. עס שרייט אין אים דער ווייטאָג. עס ברענט אין אים אַ העלישער פייער.

דער פייער ברענט אין יעדעם האַרץ. עס קנוילן זיך די הענט אין פויסטן.

און נאָך איינער האָט גערעדט. דוכט זיך געלאָסן גערעדט, נאָר זיין בלייכער פּנים, זיינע ברייט צעעפנטע אויגן האָבן גע־זאָגט, אַז ער איז גרייט צו קעמפן געגן זיגמאַנ׳ען ביז׳ן לעצטן טראָפּן בלוט:

— מיר וועלן זיך אָרגאַניזירן צו אַ ווידערשטאַנד. מיט אונ־זער איינגקייט, מיט אונזער סאָלידאַריטעט, מיט אונזער אחדות וועלן מיר אָפּשטעלן דעם טעראָר פון זיגמאַנ׳ס גענגסטעריזם. דאָס

הייסט ניט, חלילה, אז מיר דאַרפֿן זיך באַנוצן אין אונזער פֿאַר־טיידיגונג מיט די זעלבע מיטלען, וואָס זיגמאַן און זיין באַנדע באַנוצן זיך. נאָר אויב עס וועט אויסקומען אָפּשטעלן אַ קלאַפּ מיט אַ קלאַפּ וועלן מיר באַנוצן די הענט אויך. דאָס איז אין לעצטן פֿאַל, ווען עס וועט זיין אומפֿאַרמיידלעך. איך בין דער לעצטער אויפֿצוהויבן אויף ווּעמען עס איז אַ האַנט! און דאָך זאָג איך: אויב ווער פֿון „מוישע" זיגמאַנס גאָרילעס וועט מיך אָנרירן מיט אַ האַנט, וועט זיגמאַן באַצאָלן דערפֿאַר מיט'ן לעבן! אויף מאָרגן, צו אויפֿאיבערמאָרגן, אין אַ יאָר אַרום, צי אין צען — נאָר זיגמאַן וועט באַצאָלן מיט זיין קאָפּ! איך זאָג דאָס אָפֿן פֿאַר דער גאַנצער אַרבעטערשאַפֿט. איך בין גרייט צו קומען פֿאַר דעם פּאָליס דעפּאַרטמענט און זאָגן דיזעלבע ווערטער:

זיגמאַן איז דער שולדיגער פֿאַר די צעקלאַפּטע קעפּ! און זיג־מאַן וועט מוזן ענטפֿערן!

און ער זאָגט ווייטער געלאַסן:

— מענטשן גייען צו דער אַרבעט און זיינען ניט זיכער, אַז זיי וועלן קומען גאַנצע צוריק אַהיים צו זייערע ווייב און קינדער! ס'איז גאָרניט צו באַנעמען מיט דעם מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד, וואָס אַזאַ „מוישע זיגמאַן" האָט זיך דערלויבט! שטעלט זיך נאָך פֿאָר, וואָס ער האָט געטאָן: פֿיר־און־צוואַנציג וואָכן האָבן מיר, צענ־דליגער טויזנטער אַרבעטער געהונגערט, געקעמפֿט—און געזיגט. קומט ער איצט, ער — איין מענטש! — און צווינגט אונז אַלעמען, צענדליגער טויזנטער, זיך אונטערוואַרפֿן צו זיינע באַשלוסן, וואָס פֿירן צו הונגער, צו נויט, צו פֿאַרשקלאַפֿונג! דאָס וועט אָבער ניט זיין!

נאָך און נאָך פֿלאַמיגע ווערטער האָבן אין דעם אָוונט אָפּ־געדונערט אין מאַנהעטן ליסעאום.

דער גרויסער עולם אַרבעטער איז פֿאַראייניגט אין אַ שטאַר־קער קערפּערשאַפֿט, וואָס איז גרייט צו פֿאַרטיידיגן און באַ־שיצן די יוניאָן פֿון דער שרעקלעכער אָנשיקעניש, וואָס הייסט — „מוישע זיגמאַן".

א פאטש אין פנים די „לייבאָר־פייקערס"

מיט דער ברכה פון מעטיו וואָל און די איבעריגע לייבאָר־ביוראָקראַטן פון דער א. פ. אָוו ל. האָט זיך מוישע זיגמאַן פאַר־מאָסטן צו רופן א... „פראָטעסט דעמאָנסטראַציע" געגן די לינ־קע. דעם דאטום וועלן די אַרבעטער געדיינקען: דאָס איז גע־ווען דעם 21טן יאַנואַר, 1927טן יאָר. געטאָן האָט ער עס מיט דער צושטימונג און מיט דער דירעקטער הילף פון די באַלעבאַטים, וואָס האָבן געטריבן די אַרבעטער אין די צוויי גרויסע ארמאָרים (סאָלדאַטישע קאַזארמעס) צו זיגמאַנ'ס „פראָטעסט־דעמאָנסטראַ־ציע".

איך מוז זיך מודה זיין, אז איידער איך בין אוועק צו איינער פון די צוויי אַרמאָרים, האָב איך געמאַכט וויכטיגע פאָרבאַריי־טונגען... די ביטערע דערפאַרונג, וואָס איך האָב געהאַט דאָ ניט לאַנג אין בעטהאָווען האָל און אין רענד סקול באַ די גענג־סטערס, האָט מיך געטריבן צו מאַכן ראַדיקאַלע ענדערונגען אין מיין אויסערלעכן אויסזען...

באוואָפנט מיט אַן איינטריטס־קאַרט בין איך צוגעקומען צו דער ארמאָרי אף דער 34טער סטריט.

צו מיין גרויס וואונדער האָבן די אויסגעשטעלטע אין לאַנגע רייען אָרדנונג־היטער פון דער רעכטער מאַשין באַם אריינגאַנג דאָס מאָל קיין שטרייגקייט צו די אריינקומענדיגע ניט ארויסגעוויזן. די סיבה דערפון האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, ווען איך בין שוין געווען אינווייניג: דער גרויסער אַרמאָרי האָל, ניט־קוקנדיג אף דער שפּעטער שעה, איז געווען האַלב פוסט... דאָך א פינף־זעקס טויזנט איז געווען.

— קען דאָס זיין, אז אָט־די, וואָס געפינען זיך דאָ, זיינען מיט די פאַררעטער?

הינטער מיר הער איך אַ געשפּרעך:

— די קאָמוניסטלעך האָבן אַנאָנסירט דריי האָלכלאָך...

— מיר וועלן זיי אויסרייניגן, דאַנט וואָרי.

— זיגמאַן איז אַ גוד־באָי, אַז ער וועט זיך אַ נעם טאָן צו זיי...

איך קער זיך אום אַ קוק טאָן, ווער פירט דאָס דעם שמועס. עס וואַרפט זיך מיר גלייך אין די אויגן אַ פאַרגרעבטע צורה מיט אַ נידריגן פּאַרוואַקסענעם שטערן; די איבריגע צוויי נאָך גאָר יונגעליטלעך, איינער אַ דאַרער, אַ קוואַרער, אַן אויסגעווייקטער הויבט אָן דערציילן שטוינענדיגע זאַכן:

— איך זאָל אַזוי דערלעבן זען מיין ווייב און קינד — איר הערט? איך זאָג אייך קיין ליגן ניט... מיינער אַ פריינט האָט מיט זיינע אויגן געזען, ווי זיי, די קאָמוניסטלאָך, האָבן אויסגע־שניטן אַ צלם אויף דער דלאָניע בא איינעם, וואָס האָט כלומר׳שט געסקעבעט.

— היינט וויפיל געלט האָבן זיי אין די פּאַקעטס אריינגע־ליינט — רופט זיך אָפּ מיט אַ ברום די פאַרגרעבטע צורה — טויזנטער, צענדליגער טויזנטער! די פופציג טויזנט, וואָס מ׳האָט געזאַמלט אין די שעפּער פאַר די ענגלישע סטרייקער — וואו זיי־נען די פופציג טויזנט? בא זיי! דער „פאָרווערטס“ אַליין האָט דאָך געשריבן!

איך הער זיך צו צו דעם שמועס און עס דערמאַנט זיך מיר, ווי אַמאָל־אַמאָל, אין די פינסטערע צייטן אין רוסלאַנד, פאַר אַ אידישן פּסח, פלעגן די טעמנע גויעס און גוים זיך שושקען וועגן קריסטלעך בלוט, וואָס די אידן באַנוצן אין די מצה, ווי מ׳האָט אַליין „געזען מיט די אייגענע אויגן“ אַ פאַרשטאָכענע קריסטלאָך קינד, און די אידן האָבן באַם קינד דאָס בלוט אויסגעצאַפּט אויף מצה. פון דעם זעלבן סאָרט מעשיות דערציילן איצט איינער דעם צווייטן הינטער מיינע פּלייצעס די היינטיגע טעמנע נפשות. און איך פיל, אַז זיי דערציילן דאָס מיט׳ן טיפן גלויבן, אַז עס איז אמת...

איז דער גאַנצער עולם דאָ אַזאַ? איז פאַראַן אין ניו יאָרק אַזוי פיל פאַר׳סמ׳טע מוחות?

פּלוצלונג דערטראָגט זיך אַ שיטערע האַנט־קלאַפּעריי. עס

קלאַפּן אפשר א פּאָר הונדערט מענטשן. איך שטעל זיך אויף צו זען, וועמען נעמט מען דאָס אויף מיט אזא טויטן „אַפּלאָז“...

— זיגמאַן איז געקומען! — דערהער איך הינטער זיך.

— שעכטמאַן איז שוין אויך דאָ! — שרייט אוים איינער פון די דריי — אָן־אָן, איר זעט? אין דעם ברוינעם סוט?

ענדלעך האָט זיך אוועקגעשטעלט א רעדנער. דער אמפּלי־פּייער האָט צוטראָגן זיין קול אין אַלע פּוסטע ווינקעלעך און ער האָט געגעבן צו וויסן דעם עולם, אז זיי האָבן זיך פארזאמלט „אויס־צורייניגן די פּעסט פון דער אמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, — די קאָמוניסטלאך“.

ווידער האָבן זיך א טראָג געטאָן שיטערע, טויטע אַפּלאָדיס־מענטן.

דער פּאָרזיצער האָט פארענדיגט זיין פינף־מינוט־דיגע רעדע און פאָרגעשטעלט איינעם פון די „בערן“ פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר.

ס'האָט זיך באַוויזן א קיילאַכדיגער, אָפּגעפרעסענער פּנים פון דער אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָף לייבאָר. ס'האָט זיך געפילט די זאַטקייט פון א פּאַראַזיט, וואָס האָט זיך אויסגעפּאַשעט אויפ'ן בלוט און שוויים פון צענדליגער, הונדערטער טויזנטער האָרע־פּאַשניקעס.

און פּלוצלונג! אין מיטן זיין באָמבאַסטישער רעדע, ווען ער האָט זיך ערשט גוט צעשאָקלט און האָט אָנגעהויבן שיסן מיט הויכע פראַזן, האָבן זיך אין אַלע עקן פון זאַל א הויב געטאָן פון די ערטער די אַרבעטער און מ'האָט גענומען מאַרשירן צום ארויס־גאַנג...

איך האָב ניט געגלויבט מיינע אויגן:

— קאָן דאָס זיין, אז דער עולם פארלאָזט דעם האָל? מ'האָט דאָך ערשט אָנגעפאַנגען צו דברן? ס'רעדט דאָך, אייגנטלעך, דער ערשטער רעדנער און סך־הכּל א מינוט צען־פופצן!

די דריי, וואָס זיצן הינטער מיר, קוקען פארוואונדערט אָן איי־נער דעם צווייטן:

— וואָס איז דאָס, האַ? זיינען דאָס לינקע?

— קוק, קוק, ס'ווערט דאָך אינגאַנצן פוסט דער האָל!

— . . . איך האָב מורא, אז דאָס זיינע אַלע לינקע! — טוט א ציטער דער דארינקער, און זיין אויסגעוויקסטער פנים ווערט נאָך בלייכער, נאָך נעבאַכדיגער...

— וואָהט דהי העל! — האָט ארויסגעברומט די פארגרעבטע צורה מיטן נידעריגן פארוואָקסענעם שטערן.

און די מענטשן גייען און גייען צום ארויסגאַנג.

— עס זאָל אָנגיין אָט אזוי נאָך א צען מינוט, וועט דער האָל בלייבן פוסט, — טו איך שטיל א זאָג צו זיי.

דער גראָבער וואָרפט אויף מיר א פארדעכטיגן בליק:

— נעוועור מיינד, א פוסטער האָל!... דאָס געפעלט אייך אפשר? האַ?

ער האָט אָנגעשטעלט אף מיר א פאָר אויגן פון א בעטהאָווען האָל...

די פּאָליסלייט בלייבן שטעקן, ווי פלעקער צווישן די פוסטע רייען שטולן און קוקן פארוואונדערט ווי מ'פארלאָזט רואיק און געלאסן דעם זאָל. איך האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין אָרט, בין צוגעקומען צו דער בינע און דאָ האָב איך דערזען די צושראָקענע פנים'ער פון די פירער. ס'האָט שוין גערעדט א צווייטער רעדנער, נאָר דער עולם האָט געהאַלטן אין איין מארשירן צו די ארויסגאַנגען...

לויט דער פארלאָרנקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן די „בערן" אויף דער בינע, איז געווען קאַנטיג, אז זיי האָבן זיך אויף אַזאַ פּאַטש אין פנים נישט געריכט.

מיך האָט געצויגן צו קופער־יוניאָן, צו וועבסטער האָל, צו מאנהעטן־לייסעאום, צו די אַלע איבעריגע האָלס, וואו אין דער זעלבער שעה קומט פאָר די אמת'ע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע פון די רעוואָלטירנדיגע נאָדל־אַרבעטער, און כאַפּן א קוק, ווי אזוי פּראָטעסטירן די מאַסן באַ די לינקע געגן אָט די פּאַררעטער, וואָס האָבן זיך פארמאָסטן דורכפירן א „פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע" מיט דער הילף פון סקעבס, גענגסטערס און איניגע פארפירטע אַר־בעטער, וואָס גלויבן זיי נאָך.

צוזאַמען מיט די מאַרשירנדיגע האָב איך זיך אויך געלאָזט צום ארויסגאַנג.

קופּער יוניאָן

די אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס האָבן נאָר וואָס פאַר־לאָזט די אַרמאַרי לאַכן אין די הויפנס: — זיי מוזן דאָרט איצט זיצן די „בערן" אין געהאַקטע וואונדן!

— מוישע זיגמאַן וועט שוין רעדן פאַר די פוסטע שטולן און פאַר די פּאָליסלייט, ארומגערינגלט מיט אַ פּאָר הונדערט סקעבס!

— אויף אַזאַ מפּלה האָבן זיי זיך גאָרנישט געריכט—כאַ־כאַ...

— נאָך אַזאַ מפּלה וועט זיך ר' משה מוזן אָפּטראָגן!

מיטן ערשטן אָפּגעגאַנגענעם טריין בין איך צוגעקומען צו דער ניינטער גאַס. נאָך פון דערווייטנס האָב איך דערזען אַ גרויסע געדיכטע מאַסע:

— דאָס גייט מען שוין פון'ם מיטינג? — האָב איך אַ פרעג געטאָן באַ דעם ערשטן, וואָס האָט זיך מיר געטראָפן אויפן וועג.

— וואו פון מיטינג! — טוט ער פריילאַך אַ געשריי: דאָס גייט מען אין אַנדערע האָלס. שוין פערצן האָלס זיינען אָנגע־פּאַקט!

— פערצן האָלס!? און אין קופּער יוניאָן לאָזט מען שוין ניט אריין?

טוט אַ פּרואוו! — און ער איז אַוועק.

דער גאַנצער טראָטואַר ארום קופּער יוניאָן איז פאַרבאַריקאַ־דירט מיט מענטשן. די פּאָליסלייט אַרבעטן מיט די עלנבויגנס אויף רעכטס און אויף לינקס. זיי פּאָדערן־אויף דעם עולם אויס־שטעלן זיך אין אַ ריי, דאַמאָלס וועלן זיי אפשר קענען אַ טייל אריינ־לאָזן.

מיט גרויסע שוועריגקייטן בין איך אריין אין קופּער יוניאָן.

אַז איך האָב דערזען דעם איבערגעפּאַקטן האָל, קאָפּ אויף קאָפּ אין אַלע דורכגאַנגען; אַז איך האָב דערהערט די דונערדיגע אַפּ־לאָדיסמענטן, מיט וועלכע מ'האָט באַגעגנט היימאַנ'ען, וואָס איז

נאָר וואָס געקומען פון א צווייטן האָל, און דערנאָך זיין פילפאַר־ביגע רעדע, וואָס האָט עלעקטריזירט דעם ארבעטער־עולם, — האָב איך ערשט דערפילט, פון וואָס פאַר א בית־עלמין איך בין אוועק און צו וואָס פאַר א קוואַל פון לעבן בין איך געקומען... דאָרט אין דער אַרמאַרי אויף דער 34טער גאַס, האָט געהערשט דער טויט, דער אָפּפאַל פון דער ארבעטערשאַפט — דאָ אין קופּער יוניאָן האָט גע־ברויזט דאָס לעבן מיט אַלע זיינע פארבן, מיט אַלע זיינע קלאַנגען...

— צו די פערצן האָלס, וואָס זיינען ביז איצט געווען איבער־געפּאַקט, איז צוגעקומען נאָך דריי האָלס — מעלדעט פון דער פּלאַטפאָרמע דער פאָרזיצער דעם פאַרזאַמלטן עולם.

עס ברעכט אויס א פריידיגער אַפּלאָז.

היימאַן איז דאָס מאָל מער שפּאַנענד, ווי ווען עס איז. זיין רעדע איז רייך מיט פּראַכטפולע בילדער, וואָס ברענגען ארויס די נידערטרעכטיגקייט, די פאַרדאָרבנקייט פון די פאַררעטער. זיי זיי־נען געזונקען אזוי נידריג, וואָס נידריגער קאָן שוין ניט זיין:

— זייערע קלאָגעדיגע מיטינגען אין די אַרמאָריס, וואָס די מוסרים האָבן פאַררופן, זיינען ענלעך צו יענע פאָרבאַרייטונגען, וואָס די רוסישע שוואַרצע מאה'ניקעס פלעגן מאַכן ערב א פּאָ־גראָם!

— די זיגמאַנס און גרינס, די שעכטמאַנס און די בעקער־מאַנס, שטרעבן זיך פאַרפעסטיגן אויף די איינגעבויגענע רוקנס פון די אידישע ארבעטער־מאַסן, האָבן זיי דעריבער געמאַכט א גוואַלד וועגן די „אידישע קאָמוניסטן". די גאַנצע קאַפּיטאַליסטישע פּרע־סע העלפט זיי ארויס. עס גייט אָן א ווילדער טאַנץ פון אַלע שוואַר־צע כחות. צוליב זייערע פערזענלעכע אינטערעסן זיינען די גרעפּ־טער גרייט ניט נאָר צו פאַרקויפן די גאַנצע אידישע ארבעטערשאַפט, נאָר אפילו דאָס גאַנצע אידישע פאָלק:

— ווי אזוי זאָל דער ליבעראַלער אַמעריקאַנער בירגער זיך ניט באַציען שלעכט צו די אידישע עמיגראַנטן, ווען אָט די זיג־מאַנס טראַכטן אויס וואָס אין דער קאָרט אויף די אידישע אַר־בעטער? וועט דען זיין א וואונדער, אז ס'וועלן זיך אָנהויבן פאַר־פאָלגונגען געגן די אידישע מאַסן דאָ אין אַמעריקע, אז מ'וועט

אַנהויבן דעפּאָרטירן טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער אַלס גע־פערלעכע עלעמענטן, אַלס „קאָמוניסטן"? אַז אַנשטאָט צו פאַר־גרינגערן די עמיגראַציאָנס געזעצן וועט מען מאַכן זיי נאָך שווערער, נאָך אומערטרעגלעכער? דערצו פירט די שוואַרצע אַרבעט פון די פאַררעטער, פון די מוסרים, פון די זיגמאַנס!

צום שלום שטעלט ער זיך אָפּ אויף דער נידערטרעכטיגער ראָל, וואָס דער „פאָרווערטס" שפּילט אין די אַלע בלבולים; דער ריח פון צעפּוילטקייט, פון אָפּפאַל, פון פאַרראַט און מסירה פליסט פון די שפּאַלטן פון „פאָרווערטס" און פאַרפּעסטעט די לופט, פאַר'סמ'ט די אַרבעטער מחות — — —

היימאַן פאַרענדיגט זיין שפּאַנענדע רעדע מיט אַ רוף צו קעמפן און באַקעמפן די אַלע שוואַרצע כחות פון דער היינטיגער געזעלשאַפט.

זיגמאַנ׳ס „רעדזשיסטריישאָן“

אויב די קלאָוק־ און דרעסמאַכער זיינען ביז דעם מאָמענט גע־שטאַנען בלויז אויפ׳ן שטאַנדפּונקט — „פּארהיטן די יוניאָן“ פון גרעפּט, פון פּאררעטער, פון גענגסטעריזם,—איז איצט, נאָך אַלע זייערע אָנשטריינגונגען צו „פּארהיטן“ און נאָך די בלוטיגע אָנפאַלן פון זיגמאַנ׳ס שלעגער, — די שטימונג שוין גאָר אַנ׳אַנדערע.

א שווערן וועג האָבן די נאָדל־ארבעטער געמוזט דורכמאַכן ביז זיי זיינען געקומען צו דער מדרגה ארויסצוטרעטן אויף דער טריבונע און מיט פארביטערונג אויסשרייען:

— אויב מיר זיינען ניט קיין קאָמוניסטן, וועט אונז זיגמאַן מיט׳ן „פאָרווערטס“ מאַכן פאַר קאָמוניסטן!

אַנ׳אַלטער קאָלוקמאַכער רעדט.

דער איבערגעפּאַקטער זאַל ברעכט אַלע ווילע אויס אין א שטורמדיגן געלעכטער פון זיינע טרעפלעכע פּאָלקסטימלעכע ווערט־לעך און אויסדרוקן:

— האָט איר געקאָנט דענקען, אז איך זאָל ווערן פּלוצלונג א קאָמוניסט — הא?

ער מאַכט א קליינע פּויזע און שרייט באַלד אויס מיט גאַל:

— אָבער די בלינדע קאַץ *), וואָס זיצט ביי זיך אין אָפיס אין דעם „אינטערנעישאָנאַל“ וועט מיך מאַכן פאַר א קאָמוניסט!

— איר האָט אַלע געהערט דעם רעפּאָרט פון אונזער שאַפּ־טשערליים־קאַונסיל, — רעדט א צווייטער שאַפּ־טשערמאַן. — זיי האָבן זיך מיט אַלע כחות באַמיט איינצושטעלן שלום אין אונ־זער יוניאָן. און איר ווייסט, וואָס אָט־דער הויפּט־גענגסטער זיג־מאַן האָט זיי געענטפערט:

---

*) זיגמאַן

— ער איז די יוניאָן ! ער דאַרף קיין מיטגלידערשאַפט ניט !

איצט ווייזט זיך אַבער ארויס, אז ער דאַרף יאָ האָבן מעמבערס, אז אָן אונז קאָן ער קיין פּרעזידענט אין דער אינטערניישאַנאַל ניט זיין... ער האָט אַ פּנים געהאָפט, אז מ׳וועט לויפן צו אים נאָך זיינע סקעבּישע פופציג־סענטיגע יוניאָן־ביכלעך. האָט ער נעבעך געהאט א גרויסן טעות : די מיטגלידערשאפט פארדאמט זיין פּראָוואָקאַטאָרישע אַרבעט. וואָס־זשע טוט זיגמאן ? ווי אזוי

„רעדזשיסטרירט“ ער ? ער פאַרקויפט אונז צו די באָסעס און זיי העלפן אים צו צווינגען די אַרבעטער גיין „זיך רעדזשיסטרירן“.

— פאַרוואָס זיינען די באָסעס פאַראינטערעסירט אין זיגמאנ׳ס רעדזשיסטריישאָן ? — שטעלט די פראַגע אַ דריטער רעדנער, — ווייל די באָסעס האָבן געקראָגן אַ פאַרזיכערונג, אז זיי וועלן קאנען טאָן מיט די אַרבעטער אלץ, וואָס זיי וועט זיך גלוסטן. און אַזוי איז עס : די, וואָס האָבן זיך אונטער דעם דרוק פון די

באַלעבאַטים רעדזשיסטרירט, קומען איצט צולויפן צום דזשאָינט באָארד און שרייען:

— גוואַלד, ראַטעוועט! — דער באָס שניידט די שכירות, פאַרגרעסערט די ארבעט־שטונדן, צווינגט אונז ארבעטן פון שטיק! אָט דאָס האָט געעפנט ביי די אַרבעטער די אויגן.

די „רעדזשיסטרירטע" אנטלויפן פון זיגמאַנ׳ען, ווי פון א מגפה; די, וואָס האָבן זיך געוואַקלט, שטייען שוין איצט שטאָל און אייזן מיט׳ן דזשאָינט־באָארד. האָבן די באַלעבאַטים גענו־מען ווארפן די ארבעטער פון די שעפּער. זיינען די ארבעטער ארויס אין סטרייק אין א גאַנצער רייע שעפּער.

— וואָס־זשע טוט זיגמאַן? ער שיקט ארויס מחנות גאַרילעס, דינגט אָן קאָזאַקן פון דעם אינדוסטריעל סקוואָד און מען הרג׳עט, מ׳ממית׳ט, מ׳מזיק׳ט.

ווי אין דער אמאָליגער צארישער רוסלאַנד, פליען אָן גאַנצע מחנות קאָזאַקן און מ׳האַקט די קעפּ ביי די אַרבעטער.

— וועמעס ארבעט איז דאָס?

— זיגמאַנ׳ס! — טוט זיך א טראָג א פּילשטימיגער אויס־געשריי.

— ברידער און שוועסטער! מיר האָבן גערעדט און אפּלאָ־דירט! — טרעט ארויס א פּערטער: — דאָס וועט ניט ענדערן די לאַגע. מיט די מיטינגען וועלן מיר די גאַרילעס ניט פאַריאָגן און די בלוט־פאַרגיסונג פון זיגמאַנ׳ס שלעגער ניט אָפּשטעלן! אַלע אויף דער פּיקעט־ליין מאָרגן גאַנץ פרי! אַלע!!! — שרייט אויס דער רעדנער מיט אזא קראַפט, אז עס טרייסלט־אויף די גאַנצע פאַרזאַמלונג.

— ווען זיי וועלן דערזען די גרויסע מחנות ארבעטער, וואָס זיינען געקומען באַשיצן די פּיקעטס, וועלן זיי אַנטלויפן; מיר וועלן זיי פאַריאָגן!

שטעלט זיך אויף א פינפטער און זאָגט:

— זיגמאַן וועט אונז אַלעמען מאַכן פאַר רעדנער. און איך וויל זאָגן, אז דאָס, וואָס די פריערדיגע ברידער האָבן גערעדט, איז נאָך ניט גאָר. מיר מוזן זיך א נעם טאָן שאַפן געלט. יעדערער

פון אונז מוז עפּעס טאָן אין דעם. ווער עס קאָן אליין ניט קויפן קיין באנד, זאָל ער זען פּאַרקויפן באַקאַנטע. טוט דאָס, וואָס איך האָב געטאָן. א דאַנק זינגמאַנ'ען בין איך איצט א געבראָכענער מעמבער, איך בין ניט אימשטאַנד דעקן די עקספּענסעס פון מיין פאַמיליע. וואָס־זשע האָב איך געטאָן? איך בין אוועק אין אָפיס פונ'ם דזשאָינט באָארד, גענומען אָט־אזא ביכל (ער צייגט דאָס ביכל) און זאָמל צווישן באַקאַנטע געלט פאַר באָנדס. הונדערט דאָלאַר האָב איך אזוי צונויפגעזאַמלט!

דערביי דערציילט דער רעדנער א טשיקאַווע געשיכטע מיט זיינעם א ברודער:

— מיין ברודער איז א רעכטער און מיך האַלט ער כמעט פאַר א קאָמוניסט... נו, א קאָמוניסט בין איך ביי אים, אָלרייט... האָט געטראָפן, אז גראָד דאַן, ווען דער ברודער מיינער האָט זיך געקליבן גיין אין שול, האָט אים די רעכטע מאַשין גערופן צו א מיטינג. די רעכטע האָבן אים געשלעפּט צום מיטינג און ער האָט געשריען — גוואַלד, גזלנים, איך דאַרף גיין זאָגן קדיש. עס האָט אָבער ניט געהאָלפן, און ער האָט געמוזט גיין. נו, וואָס זאָל איך אייך דאָ לאַנג ברייען: מיין ברודער איז געקומען פון מיטינג כמעט א קאָמוניסט...

אין זאַל ברעכט אויס אַן אַלגעמיינער הילכיגער געלעכטער.

— אז איך האָב דאָס דערהערט, בין איך אוועקגעלאָפן צו אים און האָב אים אונטערגערוקט אָט־דאָס ביכל... פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר האָב איך געקראָגן בא מיין רעכטן ברודער אויף די באָנדס!

די געשיכטע רופט ארויס אַן אַפּלאַז.

צווישן די וויטערדיגע רעדנער האָט זיך געפונען איינער, וואָס איז אַרויס מיט א פאָרשלאָג, אז מ'זאָל גוטהייסן א וואָרקינג־קאַרד פון זינגמאַנ'ס מאַשין, אויב דער אָדער יענער אַרבעטער האָט אויס מורא צי דורך צוואַנג זיך רעדזשיסטרירט ביי זינגמאַנ'ען; דער אַרבעטער דאַרף נאָר קומען צום דזשאָינט באָארד און קריגן אויף דער זעלבער „וואָרקינג קאַרד" אויך די צושטימונג פונ'ם דזשאָינט באָארד.

מיט גרויס אנטריסטונג איז דער דאָזיגער פאָרשלאָג אָפּגע־שליידערט געוואָרן.

— ווער איז געגען דעם פאָרשלאָג ?

עס טוט זיך א טראָג א מעכטיגער פול־שטימיגער „אי!“

— ווער איז געגן דעם פאָרשלאָג?

איין קול שרייט אויס הויך :

— זיגמאַן ! (אלגעמיינער געלעכטער).

ווען מ'לייענט פאָר די רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט אויף אַלע מיטגלידער ארויסצואווייזן א פאראייניגטן ווידערשטאַנד געגן זיג־מאַנ'ס פּאָגראָם־ארבעט און שטיין שטאָל און אייזן מיט'ן דזשאָינט באָארד, חזר'ט זיך איבער די זעלבע פרייליכע סצענע :

— ווער איז פאַר דער רעזאָלוציע ?

א טויזנט־שטימיגער „אי!“

— ווער איז דאַגעגן ?

עטלעכע שטימען שרייען אויס פאראייניגט :

— זיגמאַן !

דערמוטיגטע, באַגייסטערטע, האָבן די ארבעטען פארלאָזט דעם זאַל, גרייט צום ווייטערדיגן קאמף.

די קרבנות רופן צום שטים-קאַסטן

מיט צאָרן, האַס און אַנטריסטונג איז געווען אָנגעפּילט די לופט אין דעם איבערגעפּאַקטן קופּער־יוניאָן.

דער גרויסער עולם קלאָוקמאַכער האָט מיט צונויפגעשטשע־מעטע ציין אויפגענומען דעם בלוטיגן גרוס פון די פאַר׳משפּט׳ע קרבנות פון זיגמאַנ׳ס מאַשין. דעם גרוס האָט געבראַכט איינער פון די קרבנות.

— איך קום איצט פון געפענגעניש, ארויסגעלאָזט אונטער א גרויסן בייל. און קאָן אייך איבערגעבן א בלוטיגן גרוס פון אונ־זערע אומשולדיגע ברידער קלאָוקמאַכער, וואָס זיינען פון זיגמאַנ׳ען און דעם „פאָרווערטס" אריינגעוואָרפן געוואָרן אין סינג־סינג. דורך מסירה און פאַרראַט האָט מען אונזערע ברידער ארויסגעריסן פון אונזערע קעמפענדיגע רייען. מיט א פרום פּנימ׳ל פון אַן אויסגע־לאַסענער גאַסן־מויד שרייט דער „פאָרווערטס":

— „די קאָמוניסטישע פירער האָבן אריינגעוואָרפן אין טור־מע אומגליקלעכע קלאָוקמאַכער, כדי ארויסצודרייען זיך פון שטראָף".

און דאָס שרייט דער זעלבער שמוציגער „פאָרווערטס", וואָס האָט טאָג איין טאָג אויס געהאַלטן אין איין פאַר׳מסור׳ן און פאַר־ראַטן די קעמפער אונזערע! מיט א קללה אויף די ליפּן, מיט בלו־טיגע טרערן אין די אויגן זיינען אונזערע ברידער אוועק אין טור־מע. די קללה איז געווענדעט צו דעם הויפּט־באַנדיט פון אונזער אינטערנייִשאָנאַל, צו דעם אויסוואורף פון דער נאַטור, וואָס זיין טרפה׳ענער נאָמען וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון דער ארבעטער־באַוועגונג אַלס א סימבאָל פון הפקרות, פון פאַרראַט און מסירה, פון ווילדן טעראָר און משוגעת! איר ווייסט דעם עקלהאַפטן נאָמען — „ז י ג מ א ן ! ! "

דער עולם איז פאַרגליווערט, געדריקט. איינגעשרומפּטע ליפּן, פאַרוועלקטע פאַרשאַרפטע בליקן. מ'שטוינט, מ'קאָן ניט באַגרייפן, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, וואָס איין מענטש—און דערצו נאָך אַן א ו מ מ ע נ ט ש—זאָל מיט גוואַלד הערשן איבער צענדליגער טויזנטער אַרבעטער-פאַמיליעס און שטעלן אין קאָן זייערע לעבנס, כדי צו איינהאַלטן די הערשאַפט; אומברייינגען צוליב דעם צענדליגער אומשולדיגע מענטשן, וואָס שמאַכטן איצט אין געפענגעניש ? !

מיט טרערן אין קול, מיט קאָנוואולסירנדיגע ליפּן דערציילט דער צייטווייליג-באַפרייטער אַרבעטער וועגן דער שוואַרצער אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן פון זיגמאַנ'ס מאַשין בנוגע די פאַראורטיילטע:

— „די קאָמוניסטן האָבן פאַרראַטן!“ — שרייט די גאַנצע „פאַרווערטס“-זיגמאַן-כאַליאַסטרע און האָפט, אַז דאָס וועט פאַרטומלען די מחות פון די קלאָוקמאַכער, און זיי וועלן אָנהויבן גלויבן, אַז ס'איז טאַקע אַזוי. דאָס שרייען זיי אין דער זעלבער צייט, ווען זיגמאַנ'ס לאָיערל סוד'עט זיך מיט'ן ציוניסטישן דזשאָדזש ראָזאַלסקי — פאַר דעם, ווי אָט דער ציוניסטל האָט זיין פּסק-דין אַרויסגעטראָגן. וועגן וואָס האָט זיך גע'סוד'עט זיגמאַנ'ס לאָיערל מיט'ן ציוניסטישן ריכטער, ראָזאַלסקי ?

דעם ענטפער האָבן מיר איצט אין דעם ברוטאַלן אורטייל! איך האָב נאָך אויף מיין לעבן ניט געזען אַ מענטשן, וואָס זאָל אַזוי האַסן אַרבעטער, ווי אָט דער ציוניסטישער „דזשאָדזש“ ראָזאַלסקי! מ'האָט אונז אַלעמען אַזוי פאַר'מסור'ט, אַזוי באַשימפט. מ'האָט אויף אונז געקוקט, ווי אויף שרעקלעכע פאַרברעכער, ווי אויף גזלנים, וואָס שחט'ן מענטשן אין די גאַסן. . .

די אומשולדיג-פאַר'משפט'ע ברידער האָבן צו מיר געזאָגט:

— גיי צו אונזערע אַרבעטער קלאָוקמאַכער, וועק זיי צום קאַמף געגן דעם פאַררעטער זיגמאַנ'ען, און זאָל ער איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסגעשמיסן ווערן פון אונזער אינטערנייישאַנאַל!

אָט דעם אָנזאָג גיב איך אייך איבער. און פון אייך, אַרבעַ-

טער, היינגט אָפּ, צי זאָל זיגמאַן געוועלטיגן איבער אונז, צי ער זאָל ארויסגעשפּיגן ווערן!

— וואָס פאָדערט זיך אין דעם איצטיגן מאָמענט?

ערשטנס: מיט אַלע אָנשטרייגגונגען מוז געשאַפן ווערן די נויטיגע סומע געלט אויף באַנדס, כדי אונזער דזשאָינט באָארד זאָל קאָנען פאָרזעצן דעם קאַמף און באַזאָרגן די אומגליקלעכע פאַמיליעס פון אונזערע קרבנות; און צווייטנס, געדיינקען דעם טאָג דאָנערשטאַג, דעם 3טן פעברואַר, דעם טאָג פון עלעקשאָן! אַלע מיטגלידער צום שטים־קאַסטן אויסצודערוויילן זייערע באַאַמטע! אָט־דאָס פאָדערן פון אייך אונזערע אומשולדיגע קרבנות.

זיגמאַנס האָפענונגען, אַז אים וועט געלינגען פאַרנאַרן די קלאָוקמאַכער מיט די 50־סענטיגע ביכלאַך, זיינען צורונען געוואָרן, איז ער אוועק צו די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, צו די ציוניסטישע דזשאָדזשעס ראָזאַלסקיס, און מ׳האָט גענומען וואַרפן די ניט־געהאָרכזאַמע ארבעטן אין די טורמעס.

— וואָס־זשע דאַרף זיין אונזער ענטפער?

— מ׳האָט שוין דאָ געזאָגט: שאַפן געלט און גיין צום שטים־קאַסטן! עס טאָר ניט פאַרפעלן קיין איין מיטגליד פון די דריי לאָקאַלן 2, 9 און 35! אויב דער באָס וועט ספּעציעל אין דעם טאָג אויפפאָדערן, אַז מ׳זאָל ארבעטן אָווערטיים, כדי ארויסצוהעלפן זיגמאַנ׳ען צו צוברעכן די יוניאָן, איז אונזער ענטפער:

— נידער מיט׳ן אָווערטיים דאָנערשטאַג, דעם 3טן פעברואַר!

אונזער פליכט איז ניט נאָר אליין קומען, נאָר זען, אַז דער גאַנצער שאַפּ זאָל זיין ביים שטימקאַסטן! ערשט דאַן וועלן מיר קאָנען זאָגן, אַז מיר האָבן אַ יוניאָן! אויב זיגמאַן זאָל דאָס מאָל געווינען, איז ניטאָ ביי אונז קיין יוניאָן! סקעבישע שעפּער וועלן זיין און מיר וועלן שמאַכטן אונטער׳ן קנאַפּל פון די באַלעבאַטים! לאָמיר ארויסווייזן איצט אונזער באַוואוסטזיין!

— אוים זיגמאַן!

אוים ארויפגעצוואונגענע הערשאַפט!

קאַמף געגן פאַרפאָלגונגען

ווער עס איז געווען שבת, דעם 5טן דעצעמבער פון יאָר 1927 אויף דער גרויסער קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון הונ־דערטער שעפּער, פון צענדליגער פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס, — דער האָט געקאַנט שוין פאָראויסזען, וואָס פאַר אַ שטורם פון פּראָטעסט וועט זיך אין די קומענדיגע טעג אַ טראָג־טאָן איבער אַלע גאַסן פון ניו יאָרק געגן דעם בעסטיאַלן טעראָר מצד דער זיגמאַנשטשינע.

דאָ אויף דער קאָנפערענץ האָט זיך שוין געפילט דער אָטעם פונ׳ם שטורם.

דער קאַמף צופלאַקערט זיך, שפּרייט זיך אויס, פאַרטיפט זיך.

דער הויפּט־לאָזונג איז: קאַמף געגן טעראָר! קאַמף געגן פאַרפאָלגונגען!

— פאַוואָס? פאַרוואָס האָט די זיגמאַנשטשינע אריינגעוואָרפן אונזערע ברידער אין פּריזאָן? — האָט זיך געטראָגן פון דער פּלאַטפאָרמע אַ זודיגער שטראָם.

— דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען געטרייע יוניאָן־לייט, ווייל זיי זיינען געווען אַקטיוו אין דעם סטרייק און האָבן מיט לייב און לעבן פאַרטיידיגט די אינטערעסן פון צענדליגער טויזנטער אַרבעטער אין צייט פון דעם לאַנגדויערדיגן, פאַרביטערטן קאַמף מיט די באַלעבאַטים!

דאָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון אַלע רעדעס, וואָס האָבן גערופן די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט צו אַן אַקטיוון פּראָטעסט:

— אונזער מעכטיגער פּראָטעסט דאַרף אַ דונער־טאָן אַזוי, אַז עס זאָל פאַרציטערט ווערן דער צענשטאָקיגער גולם, אַז אויס־געראָטן זאָל ווערן די עקלהאַפטע פאַרברעכערישע זיגמאַנשטשינע

און די גאַנצע גענגסטער־באַנדע פון דער אידישער ארבעטער־באַוועגונג, אז קיין זכר זאָל פון זיי ניט בלייבן!

* * *

פון אַלע וווייטסטע טיילן פון ניו יאָרק זיינען געקומען דע־לעגאַטן — פון ארבעטער ברענטשעס, פון ארבעטער קלובן. עס טרעט ארויס אויך א פילאַדעלפיער ארבעטער און פאַרזיכערט די קעמפנדיגע קלאָוקמאַכער, אז זיי, די פילאַדעלפיער ארבעטער, וועלן זיך אָנשליסן אָן דעם ניו־יאָרקער ארבעטער־פראָנט צו פאַרטיידיגן די אַרבעטערשאַפט פון די פאַררעטער און פראָוואָקאַטאָרן פון זיג־מאַנ׳ס־„פאָרווערטס״־חדר, וואָס צושטערן די ארבעטער־אָרגאַניזאַ־ציעס.

ס׳קומט ארויף אויף דער פלאַטפאָרמע אַן׳אַרבעטער, א דע־לעגאַט מיט א בלאַסן פּנים און שווארצע ברענענדיגע אויגן:

— איך בין פון וויליאַמסבורג. אונזער אָרגאַניזאַציע האָט איינשטימיג אָנגענומען א רעזאָלוציע צו שטיין מיט אייך אין קאַמף פאַר דער באפרייאונג פון די קרבנות, וואָס די זיגמאַנשטשינע האָט ארייגעוואָרפן אין טורמע.

ער גיט איבער דעם פאָרזיצער די קליינע סומע געלט, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט צוגעשיקט מיט א פאַרזיכערונג, אז מ׳וועט אינ־גיכן געבן נאָך. דערביי זאָגט ער:

— איך בין ניט קיין קלאָוקמאַכער, נאָר אויך אַן ארבעטער. און דערלויבט מיר זאָגן אייך, ניט צוליב אויספּיינען זיך, נאָר צוליב א ביישפּיל, וואָס דאַרף יעדער איינער פון אונז טאָן —

מיט א שעמעוודיגקייט דערציילט ער, ווי אזוי ער האָט מיט די גרעסטע אָנשטריינגונגען געקויפט איין באַנד פאַר 25 דאלאַר, א צווייטן באַנד, ענדלעך א דריטן — שוין אויף אויסצאָלן.

— איצט איז ארויסגעלאָזט געוואָרן א רוף צו די שערהאָל־דערס פון „ראָשיען אמעריקאַן אינדאַסטריעל קאָרפּאָריישאָן״, זיי זאָלן טרענספערירן זייערע שערס צו דער קלאָוקמאַכער באַנד־קאָ־מיטע. האָב איך דאָ פינף שערס און איך ברייג זיי דאָ פאַר אייך —

דער ריינק־און־פּיילער נעמט ארוים פון בוזים־קעשענע די פינף שערס און לייגט זיי אַוועק אפן טיש!

באַלד נאָך אים האָבן זיך א לאָז געטאָן צו דער פּלאַטפאָרמע נייע בייטרעגער — מיט טשעקס, מיט קעש.

— מיר האָבן ניט גערעגנט צו מאַכן דאָ געלט־זאַמלונגען, — האָט דער פּאָרזיצער געזאָגט: — די קאָנפערענץ איז גערופן געוואָרן בלויז פאר אויסאַרבעטן פּלענער, אויף וואָס פאר אַן אופן אָרגאַניזירן דעם פּראָטעסט פון די צענדליגער הונ־דערטער טויזנטער ארבעטער געגן דער אונגערעכטיגקייט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן בנוגע אונזערע אומשולדיגע ברידער, און אויפ־פאָדערן זייער באַפרייאונג.

ס'ווערט פאָרגעלייענט א רעזאָלוציע, וואָס פאָרמולירט דייט־לעך און קלאָר די אַלע אויפגאַבן, וואָס די קאָנפערענץ שטעלט זיך.

באַ דער אָפּשטימונג חזר'ט זיך איבער דער לוסטיגער שפּאַס, וואָס איז שוין אריין כמעט אין א געוואוינהייט די לעצטע צייט:

— ווער איז פאר? — א מעכטיגער „אי".

ווער איז דאַגעגן?

א פילשטימיגער אויסגעשריי:

— זיגמאַן!

נאָך דער רעזאָלוציע טרעטן ערשט ארויס די באַליבטע רעד־נער.

ס'איז מערקווירדיג: וואָס שאַרפער עס ווערט דער קאַמף, וואָס שטאַרקער עס צופלאַקערט זיך דער פייער, אַלץ מער צוטרוי, מער איבערגעבנקייט ווייזן אַרוים די מאַסן צו די קאַמפספּייאיגע פירער פון די פאַריער, פון די קלאָוק און דרעסמאַכער.

יעדערער פון זיי ווערט באַגעגנט מיט שטורמדיגע אַפּלאָדיס־מענטן.

— . . . די פאַראורטיילטע זיינען ניט די לעצטע, ברידער און שוועסטער. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, אין א וואָך ארום צי אין צוויי — ווער מען אפשר דאַרפן רופן א קאָנפערענץ ארויסצוראַ־טעווען נייע קרבנות. און דאָס וועט זיין אזוי לאַנג, ווי לאַנג עס וועלן עקזיסטירן די זיגמאַנס און די שלעזינגערס, די בעקערמאַנס

און די שעכטמאַנס מיט'ן „פאָרווערטס" אַן דער שפּיץ אין אונ־זער אַרבעטער־באַוועגונג! מיינט ניט, אַז טורמע איז בּאַ זיי דער לעצטער מיטל. וועט דאָס ניט העלפן — און דאָס וועט געוויס ניט העלפן! — וועלן זיי אָנווענדן פּשוט'ן מאָרד! און דעריבער: אָרגאַניזירט זיך וואָס שנעלער, וואָס שטאַרקער אין איין מעכטיגן בּונד און שמייסט אַרויס די אַלע פאַררעטער, אַז קיין זכר פון זיי זאָל ניט בּלייבּן!

— ווי די ממשלה פון די רוסישע צאַרן האָט געבּראַכט דערצו, אַז רוסלאַנד איז געוואָרן די פרייסטע מדינה, וואו עס הערשן אַר־בּעטער און פּויערים, — אַזוי וועט אויך די זיגמאַנשטשינע בּריינ־גען דערצו, אַז די אַלע יוניאָנס פון נאָדל טרייד וועלן זיך פאַראיי־ניגן אין איין מעכטיגן בּונד און פאָרזעצן דעם קאַמף פאַר דער פולשטענדיגער בּאַפרייאונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס!

* * *

די קאָנפערענץ האָט דעם פּלאַן פון פּראָטעסט אויסגעאַרבּעט, און די בּרייטע אַרבּעטערשאַפט האָט עס אין עטלעכע טעג אַרום דורכגעפירט אין לעבּן.

אין די טויזנטער זיינען זיי געקומען פּראָטעסטירן געגן דער בּרוטאַלער אומגערעכטיגקייט, וואָס איז בּאַגאַנגען געוואָרן געגן צענדליגער אומשולדיגע קלאָוקמאַכער. פון דער פּלאַטפאָרמע האָבּן זיך געטראָגן זודיגע ווערטער:

— ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דעם טייוולשן שפּיל, וואָס די זיגמאַן־„פאָרווערטס" געזינדל האָט אָפּגעשפּילט מיט די אַרעס־טירטע קלאָוקמאַכער; ווען מען נעמט אין אַמבּאַטראַכט אַלץ, וואָס עס איז געווען געדרוקט אין דעם פאַרפּלוכטן „פאָרווערטס" וועגן די אַרעסטירטע אַרבּעטער, איידער דער אורטייל איז פון דעם ציוני־ניסטישן ריכטער ראָזאַלסקי אַרויסגעטראָגן געוואָרן — און מען פאַרגלייכט עס מיט די קראָקאָדילן־טרערן, וואָס דער זעלבּער פאַר־רעטערישער „פּייפּער" פאַרגיסט כּלומר'שט וועגן דעם שיקזאַל פון די, וואָס זיינען, אַ דאַנק זיין חילף, פאַראורטיילט געוואָרן אויף לאַנגע טערמינען אין טורמע — ווען מען טראַכט זיך אַריין אין דאָס אַלעס, כאַפּט אָן אַזאַ בּרענענדיגער האַס און צאָרן!

די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג איבער גאָר דער וועלט, איבערהויפּט אין די רעאַקציאָנערסטע לענדער, האָט געהאַט גענוג ביישפּילן פון פאַרראַט און פּראָוואָקאַציע. אין די הונדערטער, אין די טויזנטער זיינען אַרבעטער קעמפער אַוועק צו דער תליה, פאַרפוילט געוואָרן אין די טורמעס, אומגעקומען אין די סיבירער סטעפּעס, נאָר ס'איז זעלטן געווען אַזאַ פאַל, אַז אַ צייטונג, ווי דער „פאָרווערטס“, וואָס דערשיינט אונטער אַ רעוואָלוציאָנערן לאָזונג „אַרבעטער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך“, זאָל וואָכן־לאַנג האַלטן אין איין פאַר'מסור'ן אומשולדיגע אַרבעטער פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן געריכט, אָנרופן זיי „גענגסטער“, „שלעגער“, „באַנדיטן“ — העלפן די אמת'ע גענגסטער, די זיגמאַנ'ס, דורכפירן זייער שוואַרצע אַרבעט.

און ווען די שוואַרצע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן, און די זעכצן אַרבעטער זיינען פאַר'משפּט געוואָרן אויף לאַנגע טערמינען אין טורמע, — קומען אַרויס די זעלבע מוסרים, די זעלבע יאַבעדניקעס און הויבן אָן גוואַלדעווען אין זייער „פּייפּער“:

— „די קאָמוניסטן האָבן אַוועקגעשיקט אין פּריזאָן אומשולדיגע מענטשן“!

— צו אַזאַ נידערטרעכטיגקייט איז נאָך ניט דערגאַנגען קיין איין צייטונג אין דער וועלט!

— אין די פינסטערסטע צייטן פון דעם צאַרישן רעזשים אין דער אַמאָליגער רוסלאַנד האָבן די שוואַרץ־מאה'דיגע בלעטלעך פון אַ קרושעוואַן, פון אַ פּורישקעוויטש געטאָן דאָס זעלבע צו די „זשידעס“. דער „פאָרווערטס“ האָט זיין ציל דערגרייכט: די אַרבעטער זיינען פאַראורטיילט געוואָרן.

— אין דער גאַנצער שענדלעכער געשיכטע מיטן פאַר'משפּט'ן די קלאָוקמאַכער האָט אָט־דער שונד־פּייפּער געשפּילט די וויכטיגסטע ראָלע! ווען ניט דער „פאָרווערטס“, וואָלט אַזאַ נפש ווי זיגמאַן מיט אַלע זיינע אַדיוטאַנטן פון דער אונטערוועלט ניט געווען בכח דורכצופירן דעם פאַרראַט געגן די צענדליגער אַרבעטער! ווען ניט דער „פאָרווערטס“ וואָלט אפילו אַזאַ אַרבעטער־שונא, ווי דער ציוני־

ציון ראָזאַלסקי, ניט געוואגט ארויסצווייזן זיינע שווארצע נעגל געגן די פאראַרימטע און אויסגעהונגערטע פון לאַנג־דויערדיגן קאַמף, ארבעטער־קעמפער!

— טראַכט זיך נאָר אריין, וואָס עס האָט פּאַסירט, — זאָגט דער פירער פון די קלאָוקמאַכער, לואיס הײמאַן:

— די אמת׳ע גענגסטער גייען ארום פראַנק און פריי; שיסן פון רעוואָלווערן אויף די פּיקעט־ליינס, הרג׳ענען ארבעטער. זיי זיינען פריי, זיי זעצט מען ניט אריין אין טורמע. און אָרנטלעכע ארבעטער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר׳ן שטיקל ברויט, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס פאַר אַ ריינער, אָרנטלעכער יוניאָן, — זיי זיצן ווי פאַרברעכער אין טורמע! צווישן די פאַראורטיילטע געפינט זיך אַן אַלטער איד, וואָס האָט פון פאַרצווייפלונג געמאַכט אַ פאַרזוך צו באַגיין זעלבסטמאָרד. ער ליגט איצט אין האָספּיטאַל.

אַ צווייטער פאַראורטיילטער איז אַ יונגער בחור׳ל, פון אַ יאָר ניינצן, אַ דאַרער, אַן אויסגעמאַטערטער. דאָס זיינען די „געפערלאַכע פאַרברעכער“, וואָס זיי קומט טורמע! די באַנדיטן פון „פאָרווערטס“ און פון דער אינטערנײשאָנאַל פּלאַנעווען איצט אַ נייעם פּלאַן: אויסנוצן די פאַרצווייפלונג פון די פאַר׳משפּט׳ע און צווינגען זיי „אויסזאָגן סודות“ פאַר דעם זעלבן ציוניסטישן דזשאָדזש ראָזאַלסקי, און אַזוי ארום ארייננכאַפּן אין די לאַפּעס די פירער פון דזשאָינט באָארד. מען גייט אויף דעם פּראָוואָקאַטאָרישן וועג אַזוי ווייט, אַז מען קויפט אונטער אַ פרוי פון איינעם פון די פאַר׳משפּט׳ע, זי זאָל ווירקן אויף איר מאַן, וואָס זיצט אין טורמע, אַז ער זאָל זאָגן, אַז די אויסגעטראַכטע „פאַרברעכנס“, וואָס ער איז ניט באַגאַנגען, זאָל הייסן ער האָט עס יאָ געטאָן, נאָר דער דזשאָינט באָארד איז אין דעם שולדיג.

אָט דאָס פּלאַנעווען די פּראָוואָקאַטאָרן און אין דעריין העלפט זיי ארויס דער „פאָרווערטס“! נאָר זאָלן זיי אונז פאַרזוצן! מיר שרעקן זיך ניט פאַר טורמע! אויף אונזער אָרט וועלן קומען נייע קעמפער און וועלן פאָרטזעצן דעם קאַמף! און מיר זיינען זיכער, אַז זיגן וועט דער קלאַסנבאַוואוסטזיין, און דער ארבעטער־קלאַס

וועט סוף־כל־סוף זיין דער הערשער איבער די רייכטימער, וואָס ער שאַפט מיט זיינע פאַרמאַזליעטע הענט!

די אָרגאַניזירטע אַרבעטער האָבן זייער וואָרט געזאָגט, און זיינען צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן די אָנגענומענע באַשלוסן.

ס'איז באַלד געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלע „דזשאָינט דעפענס קאָמיטע".

די געגרינדעטע דזשאָינט דעפענס־קאָמיטע האָט אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו די אַרבעטער־מאַסן — העלפן אַרויסראַטעווען די פאַר־אורטיילטע אַרבעטער, וואָס שמאַכטן הינטער די אייזערנע גראַטעס.

און די מאַסן האָבן געזעדט:

— . . . אין דער צייט, ווען מיר פירן אָן די אַרבעט צו באַפרייען אונזערע קרבנות, — זיצן די שונאים באַ צוגעמאַכטע טירן פאַרבאָרגן, ווי שלאַנגען אין אַ פינסטערן ווינקל, און פּלאַנעווען פּלענער, ווי אַזוי אַרויסצורייסן פון אונזערע רייען די הויפּט־פירער פון די קלאָוק־ און דרעסמאַכער און פון דער פאָריער יוניאָן.

נאָר זאָלן זיי ניט מיינען, אַז אויב זיי וועלן מיט דער הילף פון אַ ציוניסטישן דזשאָדזש ראָזאַלסקי און מיט דער שטיצע פון פּאָליס־דעפּאַרטמענט פאַרשפּאַרן אין טורמע אונזערע פירער, וועט זיי זיך איינגעבן צו ברעכן אונזער מוט און פאַרשקלאַפן אונז צו די באַלעבאַטים! ס'וועלן אויפשטיין נייע קעמפער, נייע פירער און מיר וועלן דעם קאַמף פאָרזעצן!

— . . . אין אַלע לענדער האָבן מיר, אידישע אַרבעטער, גע־טראָגן הויך די פאָן פון באַפרייאונג. אויך דאָ, אין אַמעריקע זיינען מיר באַרופן צו שפּילן די זעלבע פאַראַנטוואָרטלעכע ראָלע! מ'דאַרף געדיינקען, ברידער און שוועסטער, אַז דאָ האַנדלט זיך ניט נאָר וועגן אונז, פאָריער, צי קלאָוקמאַכער, דאָ האַנדלט זיך אויך ניט בלויז וועגן די פאָר צענדליג פאַראורטיילטע פון אונזערע ברידער. דאָ האַנדלט זיך וועגן די הונדערטער טויזנ־טער מיינער, הונדערטער טויזנטער שטאָל־ און אייזנבאַן־אַרבעטער, אויטאָמאָביל־אַרבעטער און נאָך און נאָך הונדערטער טויזנטער האָרעפּאַשנע מאַסן!

— . . . אויף אונזער גורל, אידישע אַרבעטער פון אַמע־ריקע, איז אויסגעפאלן אויפנעמען דעם קאַמף געגן דעם אָרגאַניזירטן ארבעטער־שונא; אויסשטיין דעם שטאַרקסטן אָנגריף אויף אַלע פראָנטן. מיר מוזן פירן דעם קאַמף סיי געגן אונזערע לייבאָר־ביור־ראָקראַטן — די פאַררעטער, סיי געגן די סקעבס און גענגסטערס, סיי געגן די קאַפּיטאַליסטישע דזשאָדזשעם ראָזאַלסקיס, סיי געגן די באַלעבאַטים. מיר וועלן מיט ווירדע און רעוואָלוציאָנערן שטאָלץ דורכפירן אונזער קאַמף! דאָס וועט צוגעבן מוט דעם גאַנצן אַר־בעטער־קלאַס און ער וועט זיין דער זיגער!

עס טרעט ארויס אַן עלטערער ארבעטער:

— . . . ברידער און שוועסטער! א ציוניסטישער דזשאָדזש ראָזאַלסקי האָט פאַרשיקט אין פריזאָן אויף לאַנגע טערמינען אונ־זערע ברידער אַרבעטער. איך האָב דעם אומגליק צו געהערן צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. אין צייט פון מלחמה האָב איך צוזאַמען מיט נאָך הונדערטער אַרבעטער זיך אָנגעשלאָסן אין דעם ציוניסטישן לעגיאָן צו גיין אויסקעמפן פּאַלעסטינע פאַר דעם אי־דישן פאָלק. איך האָב געקעמפט ווי א טרייער סאָלדאַט, ווייל איך האָב געגלויבט, אז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע שטרעבט צו באַ־פרייען דאָס אידישע פאָלק און שאַפן פאַר אים א פרייע היים. פאַר דער העלדישקייט, וואָס פילע פון אונז האָבן ארויסגעוויזן, האָט מען אונז באַגנאדיגט. איך האָב געקראָגן 25 דאלאר און אָט דעם „סואוועניר"...

ער נעמט ארויס פון וועסט־קעשענע אַ מעדאַל:

— אָט דעם מעדאַל האָט מיר די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געגעבן, אַלס אַ צייכן פאַר מיין טריישאַפט דעם אידישן פאָלק. דאָס איז די זעלבע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס צווישן אירע הויפּט־פירער געפינט זיך דער פאַרדאַמטער דזשאָדזש ראָזאַלסקי. וואָס האָט פאַר'משפט אומשולדיגע אידישע אַרבעטער צו לאַנגע טערמינען פריזאָן. איך דערקלער דאָ פאַר אייך אַלעמען, אז עס איז פאַר מיר א חרפּה צו באַלאַנגען איצט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע! איך וואַרף אראָפּ פון זיך אָט־די שאַנד און זאָג זיך אָפּ סיי פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און סיי פון דער

באַלוינונג פאַר מיין קעמפן אין די רייען פון דעם ציוניסטישן לעגיאָן. די 25 דאָלאַר, וואָס איך האָב דאָן געקראָגן, גיב איך אי־בער דער דזשאָינט דעפענס קאָמיטע פאַר׳ן פאָנד צו באַפרייען אונזערע פאַראורטיילטע ברידער. דעם מעדאַל שיק איך אָפּ דורך אייך צו אָט דעם ציוניסטישן דזשאַדזשל ראָזאַלסקי און זאָג אים:

— נעמט צו אייער מעדאַל, וואָס אויף אים ליגט דער שטעמפּל פון אייער פאַרראַט צו די אידישע אַרבעטער־מאַסן! אויב אַזאַ ווי איר, הער ראָזאַלסקי, קאָנט זיין דער פירער פון די ציוניסטן, איז פאַר אַן אָרנטלאַכן באַוואוסטזיניגן אַרבעטער דאָרט קיין פּלאַץ ניטאָ. איך זאָג זיך אָפּ פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און שליס זיך אָן אין די רייען פון דעם קעמפנדיגן אַרבעטער־קלאַס!

— . . . היינטיגער מיטינג, ברידער און שוועסטער, איז גע־רופן געוואָרן ניט נאָר ארויסטראָגן אונזער מעכטיגן פּראָטעסט פאַר גאָר דער וועלט נעגן די ציוניסטישע דזשאַדזשעס ראָזאַלסקיס, וואָס פאַרשיקן אונזערע ברידער אַרבעטער אויף לאַנגע טערמינען אין טורמע, נאָר הויפּטזעכליך שאַפן מיטלען ווי אַזוי צו באַפרייען זיי. מיר זיינען געקומען אויפ׳ן רוף פון דעם דזשאָינט דעפענס קאָמיטע פון די קלאָוקמאַכער און פאָריער צו העלפן ארויסראַטעווען אונ־זערע ברידער פון פריזאָן. וואָס־זשע דאַרפן מיר טאָן? מיר דאַרפן באַשליסן, אַז יעדער פון אונז זאָל זיך אריינוואַרפן אין דעם קאַמ־פיין צו שאַפן די הונדערט־טויזנט דאָלאַר, וואָס איז נויטיג, כדי אָנצופירן די אַרבעט צו באַפרייען אונזערע קעמפער. לאָמיר עס פאָרמולירן קורץ און שאַרף:

„מיר, אַרבעטער פון אַלע פאַכן פון נאָדל־טרייד, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גרויסע מאַסן, שבת באַטאָג, דעם 12טן מאַרטש, פון יאָר 1927, אין קופּער־יוניאָן, פאַרדאַמען אויפ׳ן שטאַרק־סטען אויפן די ציוניסטישע דזשאַדזשעס ראָזאַלסקיס, פאַרפליכטן זיך צו שטיין מיט׳ן דזשאָינט דעפענס קאָמיטע און העלפן מיט אַלע מיטלען שאַפן די נויטיגע סומען, כדי ארויסצוראַטעווען אונזערע ברידער אַרבעטער פון פריזאָן און זען פאַרהיטן פון אַרעסטן און פאַראורטיילן די צענדליגער אַרבעטער, וואָס שטייען אונטער קלאַגן און וואָס וועלן נאָך אין צייט פון קאַמף פאַרגרעסערט ווערן אין

צאָל. אַלע אונטערנעמונגען פון דער דזשאָינט דעפּענס קאָמיטע וועלן מיר אונטערשטיצן מיט וואָרט, מיט טאַט און מיט געלט, אַז עס זאָל האָבן דעם נויטיגן דערפאָלג. די סומע געלט, וואָס פּאָדערט זיך פאר דער באפרייאונג פון די קעמפער, זאָל אומבאדינגט געשאפן ווערן".

מיט דונערדיגע הענט־קלאפּעריען ווערט די רעזאָלוציע איינשטימיג אָנגענומען.

די „הונדערטער-קאָמיטע"

די ברוטאַלע פאַרפאָלגונגען מצד דער זיגמאַנשטשינע און די ליבאָר-ביוראָקראַטן פון דער אַמעריקאַן פעדערייזשאָן אָוו לייבאָר געגן די אַרבעטער פון אַלע פאַכן אין דער נאָדל-אינדוסטריע, זיי־נען געוואָרן אַזוי חוצפּה'דיק, אַז אפילו אייניגע פאָרשטייער פון דער אַזוי־גערופענער ליבעראַלער אַמעריקאַנער אינטעליגענץ האָבן געשאַפן אַ „קאָמיטע פון הונדערט" מיט'ן צוועק צו העלפן מאַ־טעריעל סיי די הונגעריגע פאַמיליעס פון די פאַרפאָלגטע אַרבעטער און סיי די קרבנות אַליין, וואָס שמאַכטן הינטער די טורמע־גראַטעס.

דער ערשטער אַרויסטריט פון דער „קאָמיטע פון הונדערט" האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

— אונזער אויפגאַבע — האָבן די פאָרשטייער פון דער „קאָ־מיטע" געזאָגט, — איז צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון דעם פּראָגרעסיוון טייל פון דער אַמעריקאַנער באַפעלקערונג צו דער גרויסער אומרעכט, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרן געגן צענדליגער אַרבעטער פון דער נאָדל־טרייד, וואָס זיינען אומשולדיג פאַרזעצט אין טורמע. אונזער ציל איז צו שאַפן אַ פאָנד, וואָס איז נוי־טיג צו באַפרייען די פאַר'משפּט'ע און העלפן די פאַמיליעס זייערע.

— . . . די „קאָמיטע פון הונדערט" האָט גרונטלעך אונטער־זוכט אַלע איינצלהייטן פון דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר ביי די נאָדל־אַרבעטער, און וואָס מער מיר האָבן זיך אַריינגעטראַכט, אַלץ קלאָרער איז פאַר אונז געוואָרן, אַז די פאַראורטיילטע זיינען אומשולדיג.

— . . . בלויז דערפאַר, וואָס די אַרבעטער זיינען געווען טריי זייערע יוניאָנס, האָט מען זיי אוועקגעריסן פון זייערע פאַמיליעס.

— מאַמע, וואו איז דער פּאַפּאַ?" — פרעגן די קליינע קינ־דערלעך מיט טרערן אין די אויגן בא זייערע פאַרוויינטע מוטערס...

קאַן מען דען גלייכגילטיג צוזען, ווי מ׳צושיידט פאַטערס פון קינ־דער אויף יאָרן־לאַנג, ווי מ׳באַרויבט די ברויט־געבער פון זייערע פאַמיליעס ? !

— . . . די פירער פון אַמעראַקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, די אַזוי־גערופענע „טוער“ פון דער רעכטער אַרבעטער־באַוועגונג, האָבן מיט אַ דריי־פיר צענדליג יאָר צוריק אליין געפירט דעמזעלבן קאַמף, וואָס עס פירט היינט אָן דער לינקער פליגל. איצט זיינען די גרינס און די מעטיו־וואָלס, די זיגמאַנס און די מעקגריידיס פּשוט׳ע שונאים פון די אַרבעטער — —

— . . . די ליידיס און דזשענטלמען פון פינפטער עוועניו פוצן זיך אויס אין די טייערע פאַר־קאָוטס, אין די פיינסטע קליי־דער, וואָס ווערן געמאַכט פון אַרבעטער. דאַרפן דאָך די אַרבעטער מאַכן אַ לעבן פאַר זיך און פאַר זייערע פאַמיליעס ? פאַרפאָלגט מען זיי דערפאַר און מ׳פאַרזעצט אין די טורמעס ? !

— איז נידער מיט די טורמעס פאַר אָרנטלעכע אַרבעטער !

אפילו בורזשואזע ליבעראַלן האָבן שוין אַזוי גערעדט. צווישן די רעדנער זיינען געווען : ראָבערט וו. דאָן פון דער סיוויל ליבער־טיס יוניאָן, קעפּטיין היבן, קאַסגראָוו פון דער פּראָטעקטיוו שו וואָרקערס יוניאָן, בישאָפּ בראָון. . .

ווען דער גרייז־גרויער בישאָפּ בראָון קומט אריין אין דעם איבערגעפּאַקטן וועבסטער־האָל, ווערט ער באַגעגנט מיט לאַנג־דויערנדיגע אַפּלאָדיסמענטן.

די אַפּלאָדיסמענטן חזר׳ן זיך איבער, ווען בישאָפּ בראָון קומט ארויף אויף דער פּלאַטפאָרמע.

ווי מאָדנע עס זעט אויס דער גרויסער גאָלדענער צלם, וואָס באָמבלט זיך אויף זיין ברוסט בשעת ער שטייט אויף דער פּלאַט־פאָרמע און האַלט זיין רעדע.

די רעדע איז מער אַ וויסנשאַפטלעכע לעקציע.

אַ טיפע שטילקייט הערשט אין זאַל.

— . . . קאַפּיטאַל איז ניט הומאַניש. אַרבעט איז הומאַניש. דער וועג פון קאַפּיטאַל איז רויב, בלוט, פאַרניכטונג. דער וועג פון אַרבעט איז פאַרברידערונג, פרידן, שאַפונג און בויאונג —

— איך גלויב, אז א רעגירונג דאַרף רעפּרעזענטירן דאָס פאָלק. און איך האָב אויסגעפונען, אז אונזער רעגירונג רעפּרעזענטירט דעם קאַפּיטאַל. און הגם אונזער איצטיגער פּרעזידענט, אלס מענטש, איז ניט קיין רויבער און ניט קיין בלוט־פאַרגיסער, נאָר אלס פּרעזידענט פון יונייטעד סטייטס שיקט ער ארמייען, קריג־שיפן צו פאַרגיסן בלוט אין מעקסיקאָ, אין ניקאַראַגוא, אין כינא...

כמעט א שעה צייט האָט געדויערט זיין לעקציע. ער האָט געהאַלטן געשפּאַנט דעם עולם מיט זיין וויציגער שפּראַך, מיט'ן יוגנטלעכן גייסט, וואָס האָט געשפּראָצט פון יעדעס וואָרט. הילכיגער געלעכטער און שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטן האָבן ארויסגערופן זיינע טרעפלעכע כאַראַקטעריסטיקס:

— . . . יעדער רעגירונג דיינקט, אז זי פאַרקערפּערט מיט זיך די בעסטע טייל פון דער באַפעלקערונג. פון דעם איז געדרונגען, אז ביי אונז אין אַמעריקע, איז אַפּנים די בעסטע און שענסטע טייל דער קאַפּיטאַליסטישער קלאַס... דאָס איז די לאַגע היינט־צו־טאָג אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, א חוץ איין לאַנד אויפ'ן גאַנצן ערדקויל — א חוץ סאָוועט־רוסלאַנד. דאָרטן איז דער בעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג — דער ארבעטערקלאַס, ווייל די סאָוועט־רעגירונג רעפּרעזענטירט די ארבעטער און פּויערים. אונזער רעגירונג גייט אין די וועגן פון קאַפּיטאַל, וואָס איז ניט הומאַניש, וואָס פאַרגיסט בלוט. די רעגירונג פון סאָוועט־רוסלאַנד גייט אין די וועגן פון ארבעט, וואָס איז הומאַניש, וואָס שאַפט און בויט א נייע וועלט, א נייע געזעלשאַפטלעכע אָרדנונג און דאָס גיט צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען, אויך די רעגירונג פון די פאַראייניגטע שטאַטן, שיקן ארמייען און קריג־שיפן קיין כינע צו פאַרניכטן די כינעזישע רעוואָלוציע, וואָס וויל אָפּשאַפן די רויבערישע קאָנצעסיעס פון די אויסלענדישע קאַפּיטאַלן, און פאַרוואָס די סאָוועט־רעגירונג איז די איינציגע, וואָס האָט אַליין פאַרניכטעט די צארישע אָנגעראַבעוועטע פּריווילעגיעס צו אונטערדריקן דאָס כינעזישע פאָלק. און מיר זעען, אז די פיל־מיליאָניגע באַפעלקערונג פון כינע זעט טאַקע אין סאָוועט־רוסלאַנד דעם אמת'ן פריינט און אין אונזער רעגי־

רונג דעם ערגסטן שונא, וואָס פאַרגיסט בלוט אין די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל...

מיט א יוגנטלאַכן פלאַם שרייט אוים דער אַלטער בישאָפּ צום סוף פון זיין לעקציע:

— זאָל מען מיך משפּט'ן פאַר מיינע קאָמוניסטישע אידייען.

— לעבן זאָל סאָוועט־רוסלאַנד!

— לעבן זאָלן די קעמפער און דער גאַנצער ארבעטער־קלאַס איבער גאָר דער וועלט!

ניט קיין אַלטער בישאָפּ מיט א צלם אויפ'ן ברוסט איז אין דעם מאָמענט געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע, נאָר א יונגער פול־בלוטיגער קעמפער, וואָס איז גרייט צו נעמען די גרעסטע שטראָף פאַר זיינע רעוואָלוציאָנערע אידייען...

* * *

— אזא לעקציע אליין איז ווערט טויזנטער! — אָבער צו וואָס טראָגט ער דעם צלם?... איך פאַרשטיי דאָס ניט, — זאָגט אַן אַר־בעטער, ווען דער מיטינג האָט זיך געענדיגט.

— א דאגה האָסטו! — ענטפערט אים א צווייטער: — זאָל זיין פון א קאָזאַק — אבי צום לעבן...

זיגמאַנ׳ס „אַגרימענטל“

א געדריקטע שטימונג האָט געהערשט אויף דעם מיטינג פון די דרעס שאַפּ-טשערלייט, אין וועבסטער האָל, בשעת ס׳איז פאַר-עפנטלעכט געוואָרן דער „אַגרימענט“, וואָס דער „העלד“ זיגמאַן האָט געשלאָסן מיט די באַלעבאַטים אין דער צושטימונג פון די טויזנטער אַרבעטער.

פונקט-נאָך-פונקט לייענט פאָר דער פירער פון די דרעסמאַכער זיגמאַנ׳ס אָפּמאַך מיט די באַלעבאַטים, און יעדער זאַץ, יעדער פּאַראַגראַף שלאָגט איבערן קאָפּ, ווי מיט א האַמער. עס קאָכן אויף די בלוטן בא דעם גרויסן עולם אַרבעטער און אַר-בעטערינס.

איך זיץ לעבן א נייטערין. איר אויסגעבלייכטער פּנים שפּיגלט אָפּ דעם גרויסן צער. זי שאָקלט צו טרויעריג מיטן קאָפּ נאָך יעדן וואָרט, וואָס דערטראָגט זיך פון דער פּלאַטפאָרמע.

ווי א רבנן-קדיש נאָך אַלע אויסגעקעמפטע דעראָבערונגען פון די אַרבעטער, קלינגט דער דאָזיגער „אַגרימענטל“, ווי א באַ-גרעבעניש. ס׳איז איבעריג אויסצוטייטשן דעם אָדער יענעם פּאַ-ראַגראַף — אַזוי קלאָר און אָפן איז דער פאַרראַט, דאָס פאַרקויפן די אַרבעטער צו די באַלעבאַטים, דאָס פאַרניכטן די אַרבעטער-פעסטונג.

דער גאַנצער „אַגרימענט“ איז אַזוי אומגעלומפּערט ווילד, אַז ווי ס׳איז ניט ביטער אויפן האַרצן רייסט זיך אַרויס א געלעכטער.

דער נערוועזער געלעכטער זאָגט, אַז באַלד וועט אויסברעכן א גרימצאָרן, אַז יעדער איינער פון די פאַרזאַמלטע וועט פאַר-וואַנדלט ווערן אין א גליענדער קויל, וואָס וועט פאַרניכטן די גאַנצע נעסט פון פאַרראַט אין דער אינטערנעישאָנאַל, צוזאַמען מיט דעם אַגרימענט-באַגרעבניש.

— . . . צו אל־די־שוואַרצע יאָר וועלן מיר אוועקשיקן די גאַנצע זיגמאַן־כאַליאַסטרע צוזאַמען מיטן שײנעם אגרימענט!

— . . . ברידער און שוועסטער! האַלט זיך שטײף! פאַר־טרײבט פון די שעפּער זיגמאַנ׳ס אגענטן, וואָס וועלן קומען רײדן אין נאָמען פון זיגמאַנ׳ס אינטערנײשאָנאַל! קײן שום אגרימענט איז ניט געשלאָסן געוואָרן! קײן שום אַגרימענט וועלן מיר ניט אַנערקענען א חוץ דעם, וואָס וועט געשלאָסן ווערן דורך אונזער

פאַרטרויטן דזשאָינט באָארד! אָט דאָס דאַרף זײן אונזער אַלע־מענס ענטפער!

— . . . אלע, ווי אײן מענטש דאַרפן מיר ארויסטרעטן געגן דער באַנדע פאַררעטער! ס׳איז פאַר אַלעמען קלאָר, אויף וואָס פאַר אַן אופן אָט־דער אויסוואורף זיגמאַן פאַרקויפט אונז צו די באַלעבאַטים! ניט אומזיסט האַלטן די עקספּלואַטאַטאָרס פאַר זיג־מאַנ׳ען. זײ האָבן זיך דאָך גאָר אויף אזא גליק קײנמאָל ניט גע־ריכט: מיט אײן שמיר מיט׳ן פען פטור ווערן פון דער יוניאָן און

טאָן מיט די אַרבעטער, וואָס דאָס האַרץ גלוסט: אַרויסוואַרפֿן פֿון שאַפּ די וואָס בויגן ניט איין דעם קאָפּ; שניידן ווײַדזשעס, פֿאַר־לײַנגערן די אַרבעטס־שטונדן, אײַנפֿירן שטיק־אַרבעט, ווען עס לוינט זיך. אַלץ גיט זיי אָט־דער וויסטער „זיגמאַן אַגרימענט"! מיט אַלץ האָט זיגמאַן באַזאָרגט די באַלעבאַטים! נו, און מיר אַרבעטער? ווען מיר שווײַגן? ווען מיר אָט אַזוי שטום און געהאָרכזאַם ליגן אונטער דעם קנאָפּל?

עס טרעטן אַרויס נאָך און נאָך פֿאָרשטייער פֿון די שעפּער. פֿון זייערע פּראָסטע, ניט געקינצלטע רעדעס דרינגט אַרויס איינס און דאָס זעלבע:

— אַזוי גרינג פֿאַרשקלאַפּט מען ניט קיין אַרבעטער, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געקעמפֿט פֿאַר אַ בעסערן לעבן! זיגמאַן איז משוגע, ער איז אויסגעשפּילט און דאָס איז זײַן סוף!

פּלוצלונג שטעלט אָפּ דער פֿאָרזיצער דעם רעדנער:

— ברידער שאַפּ־טשערלייט! נאָר־וואָס האָט מען אונז געגעבן צו וויסן, אַז זיגמאַנ'ס גענגסטערס האָבן פֿאַרוואונדעט נאָך צוויי אַרבעטער אויף דער פּיקעט־ליין. דער רוף צו אײַך איז: „אַלע, מאָרגן, גאַנץ פֿרי צו דער פּיקעט־ליין ביים שאַפּ, וואָס איז אַרויס אין סטרייק, אַלס פּראָטעסט געגן זיגמאַנ'ס פּראָוואָקאַציעס!

מען נעמט אָן דעם רוף מיט אַפּלאָדיסמענטן און דער מיטינג ווערט פֿאַרטגעזעצט.

אַ וואונדערבאַרע בילד האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט די אָפּ־שטימונג פֿון דער פֿאָרגעשלאָגענער רעזאָלוציע.

דאָס מאָל איז די אָפּשטימונג דורכגעפֿירט געוואָרן אויף אַן אַנדער אופֿן, ניט מיט אַן אויסגעשריי „אײַ", נאָר מיט אַן אויפֿ־שטיין.

— ווער איז פֿאַר דער רעזאָלוציע, אַז מיר פֿאַרדאַמען זיג־מאַנ'ס אַגרימענט, — זאָל אויפֿשטיין!

ס'האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער האָל האָט אַ שוואום געטאָן אין דער לופֿטן. ווי איין מענטש האָבן זיך אַלע מיט אַמאָל אַ הויב געטאָן פֿון די ערטער.

נאָך דעם, ווי די רעזאָלוציע איז איינשטימיג אָנגענומען גע־

וואָרן, האָט באַקומען דאָס וואָרט דער הויפּט־פירער פון די קעמ־פענדיגע קלאָוק־ און דרעסמאַכער, לואיס הײמאַן:

— אז דער אַגרימענט איז קיין אַגרימענט ניט, אז דאָס איז אַ פּשוט׳ער פאַרראַט, — דאַרף איך אײך ניט דערצײלן. איר פאַר־שטײט עס גוט אַליין. ווען איר לײענט דעם „פאָרווערטס“, דער־וויסט איר זיך, אַז ניט זיגמאַן, נאָר די דזשאָינט באָארד פאַרקויפט די אַרבעטער־אינטערעסן צו די באַלעבאַטים; אז מיר, הײסט עס, זיינען די פאַררעטער און זיי, די זיגמאַנס, זיי שטײען שטאָל און אײזן פאַר אײערע אינטערעסן... פרעגט זיך די פראַגע: פאַרוואָס שליסן די באַלעבאַטים דעם אַגרימענט מיט זיגמאַנ׳ען און ניט מיט אונז? מיר פאַרטײדיגן דאָך די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים! זיינען דען די באַלעבאַטים זיך אַליין שונאים און וועלן גײן שליסן אַן אָפּמאַך מיט די, וואָס פאַרטײדיגן די אינטערעסן פון די אַר־בעטער? אזוי קומט אויס באַם „פאָרווערטס“... פאַרשטײט איר שוין דעם שווינדל, דעם נאַרישן ליגן?

די ווערטער זיינען אזוי קלאָר, אזוי פאַרשטענדלעך פאַר יעדן אײנעם, אז ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואָס עס ברעכט אויס אַלע ווײלע אַן אַפּלאָז פאַר דעם פירער, וואָס שטײט מיט זיי די גאַנצע צײט אין קאַמף פול מיט מוט, מיט אמת׳ער זעלבסט־אָפּפערונג. אַפילו דער אָפּגעשטאַנענסטער אַרבעטער, וואָס זיין מח איז פאַר־טומלט פון דעם „פאָרווערטס“ און פון די זיגמאַנס פילט און פאַר־שטײט, אַז די פירער פון דזשאָינט באָארד זיינען די אמת׳ע פאַר־טײדיגער פון די אַרבעטער־אינטערעסן, אַז דאָס זיינען מאַרטירער פאַר דעם וואוילזיין פון די אַרבעטער־מאַסן.

זיגמאַנ׳ס „אַגרימענט“ האָט באַגראָבן זיגמאַנען.

עס מוז נעמען אַ סוף!

נאָך אַ לאַנגן שטילשטאַנד האָט זיך ווידער געלאָזט הערן דער וויי־געשריי פֿון די פֿאַראָרימטע נאָדל־אַרבעטער. זיי זיינען גע־קומען אויפ׳ן רוף פֿון דעם לינקן דזשאָינט באָארד צו באַטראַכטן די לאַגע און זען, וואָס צו טאָן.

דריי פֿאַרזאַמלונג־פּלעצער זיינען אָנגעפֿילט געוואָרן — קו־פּער־יוניאָן, מאַנהעטן־לייסעיום און וועבסטער־האָל. דאָס אַר־בעטער־פֿאָלק האָט ביז׳ן ביין דערפֿילט זיגמאַנ׳ס פֿאַרראַט: מ׳וואַרפֿט יעדן אַרבעטער פֿון די שעפּער אָן אונטערשייד צי מ׳איז רעגיסט־רירט, צי ניט רעגיסטריט. די באַלעבאַטים האָבן זייער גערן גע־האָלפֿן דער זיגמאַנשטשינע צוצוברעכן די יוניאָן, כדי צו האָבן פֿרייע הענט איבער די אַרבעטער און עקספּלואַטירן זיי און האַלטן אונטער׳ן קנאַפּל.

— עס מוז עפּעס געטאָן ווערן! ווייטער אַזוי קאָן ניט אָנגיין!

— ס׳איז דערגאַנגען ביז׳ן ביין! עס מוז נעמען אַ סוף!

עס טרעטן אַרויס ריינק־און־פֿיילער, מענטשן פֿון פֿאָלק, פֿאָר־שטייער פֿון שעפּער:

— מיר פֿאָדערן אויף אונזער דזשאָינט באָארד, אַז עס זאָל נעמען אַ סוף צו דער וואַקכאַנאַליע, וואָס הערשט אין די קלאָוק־און־דרעס שעפּער!

— זיגמאַנ׳ס פֿאַרראַט איז שרעקלעך. איר זענט אונזערע אויסדערוויילטע און פֿאַרטרויטע פֿירער. דאָס אַרבעטער־פֿאָלק איז מיט אייך. מיר פֿאָדערן איר זאָלט אָננעמען די שאַרפֿסטע מיט־לען געגן דער זיגמאַנשטשינע!

— מיר באַפֿולמעכטיגן אונזער דזשאָינט באָארד, ער זאָל מיט אַלע געזעצלעכע מיטלען אַרויסקריגן בא דער קאָרופּטער זיגמאַנ־

שטשינע די פאַרהאָרעוועטע געלט אונזערע, וואָס מאָרים זיגמאַן האָט אויף אַ שווינדלערישן אופן פאַרכאַפּט!

— די העכער פיר הונדערט טויזנט דאָלאַר פונ׳ם אינשורענס פאָנד, וואָס איז איצט אויפגעלייזט געוואָרן, מוזן צוריקגעקערט ווערן צו אונז, אַרבעטער!

— דאָס, וואָס מיר פאָדערן, מוז דער דזשאָינט באָארד טאָן. עס זיינען שוין פאַריבער די צייטן, ווען די פירער זיינען זיך געווען באַזונדער און די אַרבעטער באַזונדער. מיר, אַרבעטער, אין די שעפּער און איר, פירער, אין אָפיס,— איין גוף, איין ווילן!

— איך וויל בלויז דערמאַנען אייך, ברידער און שוועסטער, דעם טאָג פון 20טן אויגוסט, 1925! — שרייט אויס אַ דריטער: דעם 20טן אויגוסט 1925 האָבן מיר אָנגעהויבן אונזער גרויסן קאַמף —

— פיר אַזייגער ביי טאָג! — גיט צו אַ קול פון די ערטער.

— ניין, דריי ביי טאָג! — פאַרריכט דעם טעות אַ צווייטער.

— יאָ, דעם 20טן אויגוסט, 1925, דריי אַזייגער ביי טאָג! אָט־דעם דאַטום האָב איך אייך געוואָלט דערמאַנען. געדיינקט, אַז דער גרויסער טאָג וועט זיך איינגיכן מוזן איבער׳חזר׳ן!

עס ברעכט אויס אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטן.

— . . . אין די שעפּער און אַרום די שעפּער וועלן מיר געבן צו וויסן אַלע אונזערע אַרבעטער און אַרבעטערינס, אַז מיר דאַרפן זיין גרייט צו דעם טאָג. דער גרויסער טאָג וועט זיך מוזן איבער׳חזר׳ן!

— פילע פון אונז האָבן ניט פאַראויסגעזען די גרויסע געפאַר פון זיגמאַנ׳ס „פּוסטער קרעטשמע". מיר האָבן געטראַכט: „אָל־רייט, מיר וועלן זיך „רעדזשיסטרירן" אין דער סקעב־קרעמל, מיר וועלן אַרויסוואַרפן אַ פופציג סענט צו די הינט. זאָל זיגמאַן מיט זיינע האָרילעס זיך דערוועדגן מיט די פופציג סענט. מיר וועלן דערווייל גיין אַרבעטן. צו אונזער אמת׳ער יוניאָן וועלן מיר דאָך סיי ווי בלייבן טריי". אַזוי האָבן מיר געטראַכט און זיינען גע־גאַנגען זיך רעדזשיסטרירן. איצט זעען מיר צו וואָס פאַר אַן אומ־גליק דאָס האָט אונז געבראַכט: די באָסעס וואַרפן פון די שעפּער

אַלעמען — רעדזשיסטרירטע און ניט־רעדזשיסטרירטע. עס עק־זיסטירט שוין ניט פאַר זיי קיין שום יוניאָן־באַדינגונגען. די צען פּראָצענט רעאָרגאַניזיישאָן איז געוואָרן הונדערט פּראָצענט! די לייבאָר ביוראָ איז אָפּגעשאַפט. צו וועמען זיך ווענדן מיט קאָמ־פּליינטס איז ניטאָ. לויפן די רעדזשיסטרירטע צום דזשאָינט באָארד, שרייען גוואַלד. די דזשאָינט באָארד האָט דאָך באַצייטנס נאָך אונז געוואָרנט, אז אזוי וועט עס זיין. איצט איז געקומען דער מאָמענט, אז — א סוף זאָל נעמען דערצו! זאָל דער באַנדיט זיגמאַן דערפילן אונזער ווידערשטאַנד! אַלע אויף די פּיקעט־ליינס! מיר וועלן באַלאַגערן די שעפּער, וואָס וואַרפן ארויס ארבעטער! קאַמף! און קאַמף ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט! — — — —

— . . . איין און דעם זעלבן שונא באַקעמפן מיר, נאָדל־ארבעטער פון אַלע פאַכן: די קאָרופּטע לייבאָר־ביוראָקראַטן די פאַררעטער — „זיגמאַן־שעכטמאַן־בעקערמאַן־„פּאָרווערטס“! דער קאַמף איז אַן אַלגעמיינער. מיר מוזן און דאַרפן פאַרטיידיגן אונזערע אינטערעסן, באַשיצן אונזערע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, פאַרפעסטיגן אונזערע נאָדל טרייד יוניאָנס.

— . . . מיר, לינקע, באַנוצן זיך ניט מיט׳ן קאַפּיטאַליסטישן געריכט געגן אונזערע עקספּלואַטאַטאָרס! אונזער מיטל איז קלאַסנ־קאַמף, מאַסנקאַמף! אָבער ווען אזא שווינדלער, ווי זיגמאַן, דער־לויבט זיך גיין אזוי ווייט, ווי פשוט באַראַבעווען די קאַסע פון אַן „אינשורענס פאָנד“ און אויסנוצן די הונדערטער טויזנטער פאַר־האָרעוועטע דאָלארס אונזערע אויף גענגסטער צו צוברעכן די אַר־בעטער־פעסטונג, — דאָ איז שוין קיין אַנדער וועג ניטאָ, ווי נאָר דער געריכט! אויף׳ן גרונט פונ׳ם געזעץ דאַרפן מיר פאָדערן, אז דער רויבער זיגמאַן זאָל דאָס געלט אומקערן און פאַר זיין רוי־בעריי באַשטראָפט ווערן.

ס׳האָט גערעדט דער פירער פון די פאָריער:

— ברידער און שוועסטער, קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער! מיר, פאָריער. גייען איצט ארויס אין אַן אַנטשיידענעם קאַמף מיט די באַלעבאַטים. אונזער סטרייק האָט א שייכות אויך צו אייער קאַמף. וועלן מיר געווינען דעם קאַמף, וועלן מיר פאַרפעסטיגן

אונזער יוניאָן, וועט עס הייסן אויך א געווינס פאר אייך, קלאָוק־מאכער און דרעסמאַכער! מיר נויטיגן זיך אין אייער הילף. מיר דערוואַרטן פון אייך הילף סיי מיט געלט, און סיי מיט אייער אנטייל אויף אונזערע פיקעט־ליינס! די אַמאַלגאַמיישאַן פון דער נאָדל־טרייד וועט דערמיט אויף אַ בעסטן אופן דעמאָנסטרירט ווערן. אונזער קאַמף איז איינער און דער זעלבער: קאַמף פון אַרבעט און איינינקייט געגן קאַפּיטאַל און פאַררעט!

אַ יוניאָן־סקווער אויפברויז

די ווענט פון קופּער־יוניאָן, פון וועבסטער האָל און מאַנהעטן לייסעאום, האָבן מער ניט געקאָנט איינהאַלטן אין זייערע ד׳ אמות דעם שטורמדיגן ארבעטער־עולם.

האָט זיך דער שטורם ארויסגעריסן אויף יוניאָן סקווער.

מחנות פּאָליסלייט זיינען געשטאַנען ארום און ארום אויף דער וואַך, אז די מענטשן־כוואַליעס זאָלן ניט אריבערפּליסן די באַשטימטע גרעניצן... אין דער הויך איבער דעם ים קעפּ, פלאַטערן פּלאַקאַטן, וואָס דריקן אויס דעם האַס און צאָרן פון דעם אויפגעשטורעמטן עולם:

— נידער מיט׳ן גענגסטעריזם אין דער אַמעריקאַנער ארבעטער־באַוועגונג!

— מעטיו וואָל און זיגמאַן דינען די באָסעס!

— שטעלט אָפּ די האָלסייל־ארעסטן אויף דער פּיקעט־ליין!

* * *

ס׳איז נאָך פרי. אויף די טריבונעס זעט מען נאָך ניט קיין רעדנער. דער געדיכטער עולם באַוועגט זיך הין און צוריק. די שטימונג איז אַ שטורמדיגע. דער קאַמף איז ביטער, דער קאַמף איז שווער, נאָר ס׳איז דאָ אפּרייד אין קאַמף, ס׳איז דאָ אַ באַפריידיגונג אין דער פּראָלעטאַרישער איינִיגקייט, וואָס מאַכט מעגלעך אזעלכע גראַנדיעזע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס.

— זאָל די קאַפּיטאַליסטישע וועלט זען, אז דער אַרבעטער איז שוין ניט קיין שקלאַף! זאָלן די גיינגסטער, די „פּאָרווערטס“־שליחים, וואָס וואָגן ניט צו באַווייזן זיך אין די איבערגעפּאַקטע פאַרזאַמלונג־פּלעצער, זאָלן זיי אויך זען, ווי שטאַרק איז די אַרבעטער־אחדות, וואָס די זיגמאַנס און די מעטיו וואָלס האָבן זיך פאַרמאָסטן צוצוברעכן.

אין דערוואַרטונג אויף די אַרבעטער־רעדנער, וואָס דאַרפֿן אַרויסטרעטן אויף דער דעמאָנסטראַציע, גייט אָן א שמועס אין די געדיכטע קרייזלאַך:

— נעכטן האָב איך זיך געטראָפֿן מיט א פּאָר רעכטע אין א רעסטאָראַן, — דערציילט א קלאָוקמאַכער: — זאָג איך צו זיי: אָלרייט, איר זענט רעכטע, אָבער א קאָפּ איז פאַראַן ביי אייך אויף די פּלייצער? אויגן האָט איר? אויערן האָט איר? פאַרשטייט איר דען ניט, זעט איר דען ניט, אז די גרויסע ארבעטער־מאַסן זיינען פאַרביטערט, האַסן, ווי שפּינען, די זיגמאַנס און די מעקגריידיס? ווער האַלט אָפּ ריזיגע מאַסמיטינגען, פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס? די רעכטע? האָט אַמאָל א זיגמאַן, א מעקגריידי געוואַגט צו רופֿן א קופּער־יוניאָן מיטינג, א יוניאָן־סקווער דעמאָנסטראַציע? אָט קומט, זאָג איך, אויף יוניאָן סקווער, וואו עס וועט מאָרגן זיין א פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע, וואָס די פאַראייניקטע לינקע דזשאָינט באָארדס פון פאַריער און קלאָוק און דרעסמאַכער האָבן פאַררופֿן — וועט איר זען, מיט וועמען זיינען די מאַסן־ארבעטער!

— וואָס־זשע האָבן זיי געענטפערט? — פרעגט מען אים.

— וואָס זאָלן זיי ענטפערן! בע... מע... איר ווייסט דאָך — זיי האָבן דען וואָס צו ענטפערן?

* * *

די פּאָליסלייט האַלטן פעסט די גרעניצן, מ׳קאָן זיך שוין ניט באַוועגן אויף דעם אָפּגעצאַמטן פּלאַץ, מ׳מוז שוין שטיין. א גליק, וואָס עס בלאָזט א קיל ווינטל. די לייכטע וואָלקענדלעך פאַרשטעלן אביסל די ברענענדיגע זון — א ניט וואָלט מען גע־קענט דערשטיקט ווערן.

פּלוצלונג טוט זיך א וויג דער פיל־טויזנט־קעפּיגער עולם. דאָס האָט זיך באַוויזן צווישן דעם עולם גאָלד.

עס קנאַלן שוין אין דער לופֿטן הענט־קלאַפּערייען, הורא־אויס־געשרייען.

דער עולם כוואַליעט אין איין ריכטונג, צו דער מיטלסטער טריבונע, וואו גאָלד איז שטיין געבליבן. די מאַסן פרעסן זיך צונויף. באַלד באַווייזן זיך אויף אַלע דריי טריבונעס ארבעטער־

געשטאַלטן. אין איין אויגנבליק ווערט דער פּלאַץ פּאַרפּלייצט פון נייע שטראָמען מענטשן, וואָס זיינען געווען צושפּרייט ארום דעם סקווער. די פּאָליסלייט קאָנען שוין מער ניט איינהאַלטן די כוואַליעס אין די גרעניצן, זיי מוזן זיך אונטערגעבן אונטער דעם דרוק פון דעם מאַסנאויפבראָז.

איך בלייב שטיין אין דערמיט. ס'איז שווער צו אָטעמען, דער שוויים גיסט. אַלע דריי רעדנער — יעדערער אויף זיין אייגנ־אַרטיגן שטייגער, מיט זיין אינדיווידועלן ברען — פלאַקערן אויף די טריבונעס — שטורמען אויף דעם ריזיגן אַרבעטער־עולם!

מ'דערמאַנט די שוואַרצע נעמען „זיגמאַן", „פּאַרוועטס", „מעטיו וואָל", „מעקגריידי". ווי האַרמאַטן דונערן די „בו־בו"־אויסגעשרייען, וואָס רופן אַרויס די שוואַרצע נעמען.

אַלץ מעכטיגער און מעכטיגער קנאַלן די הענט־קלאַפּערייען נאָך יעדן פייערדיגן רוף צום קאַמף. די רופן הילכן אָפּ מיט טויזנ־טער ווידער־קול'ן, שטויסן זיך אָן אָן די ווענט פון די אַרומיגע הימל־קראַצערס און צושיטן זיך מיט א „טראַך־טאַראַ־ראַך", ווי פון הונדערטער קוילנוואַרפערס — מיט הענט־קלאַפּערייען...

* * *

געגנאיבער דעם ברוויזנדיגן ים פון צונויפגעפּרעסטע מאַסן אַרבעטער שטייען אויף דער הילצערנער באַלקאָני רעפּאָרטערס און היטער פון „געזעץ און אָרדנונג": מ'האָט זיי דאָ אוועקגעשטעלט — שטייען זיי, זיי קריגן דערפאַר באַצאָלט. זייערע פּנים'ער זיינען אַפּאַטיש רואיג.

עס זיינען אָבער געווען מאָמענטן, ווען אפילו די „היטער" האָבן אויפגעהערט צו גענעצן, אפילו די פּען־קנעכט זיינען פאַר־כאַפּט געוואָרן...

דאָס איז געווען, ווען עס האָט דורכגעמאַרשירט א לאַנ־קייט פון אָפּגעצערטע קינדער פון די פאַראָרימטע סטרייקערס, אין זייערע אָפּגעריסענע בגדים'לעך...

א צווייטער אזא שטורמדיגער מאָמענט איז געווען, ווען עס האָבן זיך באַוויזן אויף די טריבונעס די הויפּט־פירער פון די פּאָ־ריער און קלאָוק־ און דרעסמאַכער.

ווי א ווייכער וואָלט אַלע הוטן פון די קעפּ א הויב געטאָן.

הענט און הוטן האָבן געפּאָכעט אין דער לופטן און א פּיל־טויזנט־שטימיגער אויסגעשריי האָט אויפגעריסן די לופט:

— הוריי פאַר בען גאָלד!... הוריי... הוריי...

— הוריי פאַר לואיס היימאַן!.. הוריי... הוריי...

דער עלטסטער פון די פּאָליסלייט, דאָרטן אויף דער באַלקאָני, האָט אפּנים ניט געקענט פאַרטראָגן דעם לאַנג־דויערנדיגן אפּלאָז, האָט ער אָפּגעקערט דעם פּנים זיינעם און א בייזער קנייטש האָט זיין שטערן צוטיילט אויף צווייען...

די מאַסן האָבן גע׳יובל׳ט — אָן א ברעג, אָן א סוף, אָן אן אויפהער.

נאָך איידער די הויפּט־רעדנער טרעטן ארויס פאַר דעם פּיל־טויזנט־קעפּיגן אַרבעטער־עולם אויף די טריבונעס, ווערט פאַר־געלייענט א רעזאָלוציע, וואָס רעכנט אויס אַלע פאַרברעכנס פון די זיגמאַנס און מעטיו וואָלס, פונ׳ם „פאָרווערטס" און פּאָליס־דע־פּאַרטמענט — און פאָדערט אויף די גאַנצע אמעריקאַנער אַרבעטער־שאַפט צו פּראָטעסטירן געגן די גוואַלדטאַטן, וואָס ווערן באַגאַנ־גען מיט די נאָדל־אַרבעטער.

אן איינשטימיגן „אי" און א געדיכטער וואַלד אויסגעשטרעק־טע הענט באַצייכנט, אז די רעזאָלוציע ווערט איינשטימיג אָנגע־נומען.

ערשט נאָך דעם האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס פון די יוניאָן־טוער. ערשט איצט איז דער גאַנצער יוניאָן־סקווער פאַרכאַפּט געוואָרן פון זודיגע שטראָמען...

געענדיגט האָבן זיך די רעדעס. דער עולם האָט גענומען לאַנג־זאַם מאַרשירן אין דער ריכטונג צו דער „פריהייט"־געביידע. דאָס מאָל האָט די פּאָליציי פאַרגעסן צו פאַרצאַמען דעם וועג צו דער „פריהייט", ווי ס׳איז געטאָן געוואָרן ביי דער סאַקאָ און וואַנזעטי דעמאָנסטראַציע.

האָבן זיך די טויזנטער אַרבעטער און אַרבעטערינס א לאָז געטאָן איבער׳ן וועג צו דער „פריהייט".

אין איין אויגנבליק איז שוואַרץ געוואָרן די ברייטע גאַס.

די ברומענדיגע אויטאָמאָבילן זיינען שטיין געבליבן.

באַלד אָבער האָבן די אָרדנונג־היטער זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ טעות...

מיט די פערדישע מאָרדעס האָבן זיי אָפּגעשטעלט דעם מאַרש פון די מאַסן און צוטיילט דעם ריזיגן עולם אויף צוויי מחנות: איינע, אַ גרעסערע, איז געבליבן אָפּגעשניטן ארום דער „פרייהייט“־געביידע און אַ צווייטע—געגנאיבער, ביים זייט פון יוניאָן־סקווער. איך האָב זיך באַלד פאַרקליבן אויפ׳ן דריטן שטאָק און פון דעם אָפענעם פענסטער געקוקט אויף דער גראַנדיעזער בילד. דונער־דיגע הוראַ־אויסגעשרייען האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן, — טויזנטער און טויזנטער הוטן האָבן געפלאַטערט אין אויסגע־שטרעקטע הענט.

ס׳איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק:

— מיט אַ וואָך צוריק, פונקט אין דעם זעלבן טאָג און אין דער זעלבער שעה האָבן די זעלבע אַרבעטער־מאַסן געשטורעמט מיט האַס און צאָרן אויף ראָטגערס סקוועד געגן דער "פאָרווערטס" געביידע. דאָרטן האָבן געקנאַלט „בו־בו“־אויסגעשרייען; אויך די הענט זיינען געווען אויסגעשטרעקט, נאָר... פויסטן האָבן גע־פּאָכעט און די לופט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון קולות:

— „סקעבס!... פאַר...רעטער!“

... פון די אָפענע פענסטער פון דער „פרייהייט“געביידע שיט מען קופּעס־ווייז רויטע פּאַפּירלאַך. ווי קליינע רויטע פויגע־לעך פלאַטערן זיי אין דער זוניגער לופט און פאַלן אויף די קעפּ פון די יובל־דיגע מאַסן.

— לאַנג לעבן זאָל די „פרייהייט“!

— ... הוראַ... הוראַ...

דער עולם פאָדערט עס זאָל אימיצער רעדן פון דער רעדאַק־ציע. עס הערן זיך אויסרופן פון די נעמען פון די באַליבטע פּאַרטיי־חברים. איך זע, ווי פון דעם פענסטער, וואָס איז אונטער מיינעם מיט אַ שטאָק נידעריגער, באַווייזט זיך אַ קאָפּ מיט שי־טערלעכע בלאָנדע האָר און באַלד דערטראָגט זיך דער באַקאַנטער קול פון דעם באַליבטן פּאַרטיי־טוער, — חבר אָלגין:

— חברים! די היינטיגע גראַנדיעזע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַ־ציע האָט באוויזן, אז איר, קעמפנדיגע פּאַריער און קלאָוק־ און דרעסמאַכער, זיינט שטאַרקער און מעכטיגער ווי מיט א יאָר צו־ריק! די שונאים פונ׳ם ארבעטער־קלאַס ווילן מוזן מיט א ווייַ־טאָג אין זייער הארצן צוגעבן, אז ס׳איז ניטאָ די מאַכט, וואָס זאָל קענען פארשקלאָפן דעם אויפגעוואכטן פּראָלעטאַריער! אייער קאַמף איז א גערעכטער, חברים! שווער איז דער קאַמף, נאָר מיט פאראייניגטע כחות, מיט׳ן אייזערנעם ווילן וועט איר אייער רעכט אויסקעמפן! — — —

די קורצע פלאַמיגע רעדע פאַלט ווי א בליץ אין די געדיכטע מאַסן, און דער גאַנצער געגנט ארום און ארום ווערט אויפגעטריי־סעלט פון דונערנדיגע הענט־קלאַפּעריַיען און הורא־אויסגעשריַיען.

די פּאָליסלייט האָבן דערזען, אז ס׳הויבט זיך אָן א נייע דע־מאָנסטראַציע... האָבן זיי גענומען ארבעטן מיט די פערדישע מאָר־דעס, מיט די פערדישע הינטנס און קאָפּיטעס, כדי אָפּצורייניגן די ברייטע גאַס פון דעם ברויזנדיגן עולם.

זיי שניידן זיך אריין מיט זייערע פערד אין די געדיכטע מאַסן. עס הילכט אָפּ ווי א דונער דער לעצטער „הורא״ און מ׳צעשווימט זיך אין צוויי ריזיגע שטראָמען.

אָט פאַרקערעווען שוין די ערשטע מארשירנדיגע רייען אויף דער פערצנטער גאַס, אלץ שנעלער און שנעלער. איך רייס ניט אָפּ מיינע אויגן פון דער קאָליר־דייכער בילד, וואָס באוועגט זיך, וואָס לעבט און אַנטפּלעקט פאַר דער ארומיגער באַפעלקערונג די גוואַלדיגע קראַפט פון מאַסנקאַמף!

א טייל פון דעם מארשירנדיגן עולם איז געבליבן שטיין ביי דער געביידע פון דער „וואָרקערס פּארטי״ אויף דער פערצנטער גאַס און האָט באַגריסט די פּארטיי־פירער.

עטלעכע טויזנט פּאַריער און קלאָוקמאַכער האָבן אוועקגע־מארשירט צום „צענשטאַקיגן״ און דאָרטן אויסגעלאָזט צו אים זייער ביטער האַרץ...

דער „פאָרווערטס״ האָט באַלד ארויסגערופן פּאָליציי, האָט

מען גענומען צעטרייבן די דעמאָנסטראַנטן: אַ סך אַרבעטער זיי־
נען אַרעסטירט און צו׳מזיק׳ט געוואָרן.

* * *

ווי אין אַ בינשטאָק הודזשעט אין אַלע דורכגאַנגען, אין אַלע קאָרידאָרן פון דער „פרייהייט״־געבײדע. די פרייד פון קאַמף, דער יובל איז גרויס.

עס אַרבעטן פיבערהאַפט הענט מיט פעדער, עס קלאַפּן האַסטיג שרייב־מאַשינען: מ׳פאַרצייכנט דעם מאַסנאויפברויז אויף יוניאָן־סקוועד שבת דעם 25טן יוני, אינ׳ם יאָר 1927.

אויף דער פּיקעט-ליין

נאָך דער גראַנדיעזער פּראָטעסט-דעמאָנסטראַציע אויף יונאָן-סקווער איז געווען צו דערוואַרטן, אז די מאַנטאַגדיגע פּיקעט-ליין אין פּאָר-דיסטריקט וועט זיין איינע פון די איינדרוקספולסטע, סיי לויט דער צאָל פון פּיקעטס, וואָס וועלן זיך באַטייליגן, און סיי לויט דער צאָל ארעסטן, וואָס וועלן געווים געמאַכט ווערן.

אזוי איז עס טאַקע געווען.

ארויסקומענדיג פון סאָבוויי, האָב איך שוין פון דערווייטן דערזען די געדיכטע מאַסן ארבעטער און ארבעטערינס, וואָס האָבן זיך געצויגן אין דער ליינג פון ביידע זייטן פון דער 29טער גאַס, צווישן זעקסטער און זיבעטער עוועניו.

דער זייגער האָט געוויזן ערשט אַ פערטל נאָך זיבן.

מען מאַרשירט שטיל, רואיג, צו צוויי אין אַ ריי. מ'איז פאָרזיכטיג ניט צו פאַרבלאָקירן די גאַס, כדי ניט געבן די אָרדנונג-היטער קיין געלעגנהייט אָנהויבן „ארבעטן" מיט די קלאָבס.

דער מענטשן-שטראָם פליסט רעגלמעסיג. פּאָליסלייט שטייען אין דער ליינג פון גאַס אין די צענדליגער,—זיי טרייבן אונטער:

— גאָו אַהעד! טייק אַ וואָק! טייק אַ וואָק!

די ארבעטער שמייכלען, זיי ווייסן שוין, וואָס דער „טייק אַ וואָק" באַדייט: עס דערנענטערט זיך די מינוט פון ארעסטן, מוזן זיי, די בלויע רעק, פאַר זיך אליין יוצא זיין...

איך שפּאַן דורך די גאַס, פאַרקירעווע אויף דער זיבעטער עוועניו, און דאָ דערזע איך:

אַ מחנה סטרייקער, ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט פּאָליסלייט, מאַרשירן מיר אַנטקעגן. סיי דער טראָט זייערער, אַ מער איילנדיגער, און סיי די פינקלדיגע אויגן, וואָס האָבן אַ גלאַנץ

פון אויפרעגונג, זאָגן דייטלעך, אז ס'איז ניט קיין צופאַל, וואָס די פּאָליסלייט מאַרשירן צוגלייך מיט זיי... איך צייל איבער די פּאָר־לעך: אכצן פּאָרלעך און איינער אָן אַ פּאָר, סך־הכל זיבן־און־דרייסיג...

— אַרעסטירט?

— אַרעסטירט.

געווען אַ צוזאַמענשטויס?

— קיינע צוזאַמענשטויסן. מ'צאַמט ארום און מען הייסט גיין אין פּאָלים־סטיישאָן — דאַצאָל.

דער אַרבעטער זאָגט עס ארוים אזוי רואיג, ווי אנדערש קאָן גאָרניט זיין...

מ'פירט זיי דורך דער דרייסיגסטער גאַס צו אַ טונקל־גרויען מויער מיט אַ שילד „פּאָלים־סטיישאָן", און זיי ווערן פאַרשוואונדן צוזאַמען מיט די פּאָליסלייט אין דעם ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטן שטיינערנעם טויער...

איך קער זיך אום צוריק אויף דער זיבעטער עוועניו.

דער שטראָם מאַרשירנדיגע איז געוואָרן נאָך געדיכטער.

איך גיי אנטקעגן דעם שטראָם, קום צו צום ראָג, און דאָ טרעף איך אַ צווייטע בילד: אַ גרופּע אַרבעטערינס, אַ צען־פופצן אין צאָל, זיינען ארומגערינגלט פון אַ מחנה פּאָליסלייט, כמעט אזויפיל, וויפיל אַרבעטערינס... די אַרבעטערינס שטייען רואיג, די אויגן שמייכלען. בלויז איינע, אַ דאַרע און קאַנטיגע אַ נער־וועזע, וויל בשום אויפן ניט זיין אַרעסטירט. זי טוט זיך אַ ריס פון דעם ארומגעצאַמטן קרייז. כאַפּן זי אונטער צוויי פּאָליסלייט און שליידערן זי אריין צוריק אין קרייז. זי הויבט אָן פאָדערן מ'זאָל איר זאָגן, פאַרוואָס פאַרהאַלט מען זי, זי האָט ניט קיין צייט דאָ צו שטיין — און טוט זיך ווידער אַ ריס — רייסט זיך ארויס און נעמט לויפן... די פּאָליסלייט יאָגן זי אָן — צוויי געזונטע, שטאַרקע יונגען יאָגן זיך נאָך איין פרוי, אַ דאַרע, אַ שוואַכע... די פּאָליסלייט כאַפּן זי פאַר די הענט: איינער פאַר דער רעכטער, אַ צווייטער פאַר דער לינקער. מ'פאַרדרייט איר די הענט אויף הינטן, און אנשטאַט צו אומקערן זיך מיט איר צו די איבעריגע

אַרעסטירטע, טוען זיי זיך מיט איר אַ לאָז צום פּאָליציי־צירקל...

די פאַרבייגייער בלייבן שטיין און קוקן מיט סטאַרע אויגן, ווי צוויי פּאָליסליוט שלעפּן אַ שוואַכע פרוי. זי דרייט זיך אונ־טער זייערע געזונטע הענט. זי שווייגט, נאָר עס דוכט זיך, אַז דער גאַנצער קערפּער אירער שרייט ארויס:

— מערדער! לאָזט מיך אָפּ! איך האָב גאָרניט געטאָן! איך האָב בלויז געפּיקעט מיין שאַפּ, וואו דער באָס האָט אויסגזויגן מיין בלוט!

עס פליען אָן פון אַלע זייטן צייטונג־פאָטאָגראַפן: „צאַק־צאַק" — מאַכן זייערע פאָטאָגראַף־אַפּאַראַטלעך.

די פּאָליסליוט זיינען קאַנטיג, צופרידן, וואָס מען פאָטאָ־גראַפירט זיי: די „דעמאָקראַטישע" רעגירונג וועט זיי באַגנאַדיגן פאַר זייער „העלדישקייט".

* * *

ארום הונדערט און פופציג ארבעטער און ארבעטערינס האָט מען אין דעם פּרימאָרגן ארעסטירט און אָפּגעפירט צום פּאָליציי־צירקל.

איך קער זיך אום צום פּאָליציי־צירקל. עס שטייען שוין רעפּאָרטער־פאָטאָגראַפערס גרייט אָראָפּצונעמען בילדער, ווען מען וועט די אַרעסטירטע אָפּפירן אין לאַנגע פּאָלים־וועגענער אין גע־ריכט־הויז.

עס גייען דורך אַ מינוט פינף־צען. אָט באַווייזט זיך פון דעם אייזערנעם טויער דער ערשטער וואָגן, איבערגעלאָדן מיט אַרעס־טירטע. דער אויטאָמאָביל־וואָגן ברומט און פון אינווייניג טומט אַ קנאַל אַ רעוואָלוציאָנערער געזאַנג פון די אַרעסטירטע. מיט הוראַ־אויסגעשרייען באַגעגענען דעם וואָגן די אַרומיגע ארבעטער.

פינף אַזוינע איבערגעלאָדענע וועגענער זיינען פון פּאָלים־סטיישאָן אַרויסגעפלויגן, אויף יעדן וואָגן צענדליגער קאַמפּס־לוס־טיגע באַוואוסטזיניגע אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס ווייסן פאַרוואָס זיי קעמפּן און ווייסן געגן וועמען זיי קעמפּן...

נאָך אַ היסטאָרישער טאָג

צו דער גרויסער צאָל היסטאָרישע טעג, וואָס מיט זיי זיינען פארבונדן די וויכטיגסטע עטאַפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַר־בעטער־באַוועגונג אין די פאַראייניגטע שטאַטן איז צוגעקומען נאָך איין היסטאָרישער טאָג:

— „ד ע ר ז י ב ע ט ע ר י ו ל י 1927“.

דער צוקונפטיגער היסטאָריקער וואָס וועט צוטרעטן אויס־פאָרשן די אַנטוויקלונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק פון די אַרבעטער אין דער „גאָלדענער מדינה“; וואָס וועט נעמען אַנאַ־ליזירן די געשעענישן, וועלכע האָבן געטריבן די האַרעפּאַשנע מאַסן צו רעוואָלוציאָנערע טאַטן, — וועט ניט קאָנען איגנאָרירן דעם „ז י ב ע ט ן י ו ל י פ ו ן י א ָ ר 1927“: דער דאַטום וועט פאַרנעמען אין זיין פאָרשונג אַ בכבוד׳יגן אָרט.

* * *

אין דריי באַזונדערע ערטער האָט די היסטאָרישע פּאַסירונג געקראָגן דעם פולן אויסדרוק: אין מאַנהעטן לייסעאום, אויף יוניאָן־סקווער און ארום דער געביידע פון קופּער־יוניאָן.

אויף איינעם אַזייגער באַטאָג איז געווען אַנאָנסירט אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג אין וועבסטער האָל, און פיר באַטאָג דאַרפן די נאָדל־אַרבעטער אויך קומען אויף יוניאָן־סקווער צו דער פּראָטעסט־דע־מאָנסטראַציע וועגן סאַקאָ־וואַנזעטי.

סיי באַם אַריינגאַנג און סיי אויף דער גאַס און ארום און ארום איז געווען שוואַרץ פון מענטשן: ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער מאַס־מיטינג איז שוין פאַרענדיגט און דער עולם האַלט אין פאַר־לאָזן דעם פאַרזאַמלונג־פּלאַץ.

ערשט ס׳ווייזט זיך ארויס, אַז מ׳שטייט דאָ אין מאַסן, ווייל ס׳איז אוממעגלעך אַריינצוקומען—דער זאַל איז איבערגעלאָדן —

פּשוט ניט געווען קיין מעגלעכקייט דורכצושטופּן זיך אינווייניג.

ניט נאָר אַלע פֿלעצער אונטן און אויבן זיינען געווען גע־דיכט באַזעצט — נאָר אפילו די דורכגאַנגען, באַ די זייטן, ארום דער פּלאַטפאָרמע און הינטער די זיץ־פּלעצער זיינען געשטאַנען מענטשן קאָפּ אויף קאָפּ צונויפגעפּרעסט, ווי הערינג אין אַ פּאַס.

ס'האָט גערעדט דער הויפּט־פירער פון די קלאָוק־ און דרעס־מאַכער, לואיס הײמאַן.

דער באַליבטער פירער איז גוט באַוואוסט, אַלס אַ מייסטער אויף בילדרייכע שילדערונגען פון די פאַרברעכערישע מעשים פון דער זיגמאַן־„פאָרווערטס"־חברה. זיינע הומאָריסטישע גלייכ־ווערטלעך, פאָלקסטימלעכע ביישפּילן גיבן דעם ארבעטער־עולם בע־סער צו פארשטיין און טיפער צו אריינדרינגען אין די פּלאַנטערס, וואָס די ארבעטער־פאררעטער שאפן, כדי צו פארטומלען די אַרבעטער־מחות.

אויף זיין פאָלקסטימלעכן שטייגער גיט ער איבער, ווי אַזוי דער „פאָרווערטס" פאַרטיידיגט זיגמאַנ'ס „קוני איילאַנד":

— . . . איר הערט אַ מעשה: ווי באַלד דער פּרעזידענט זיג־מאַן, — זאָגט דער „פייפער", — איז געצוואונגען צו פארקויפן האָט־דאָגס אין זיין קוני איילאַנד, איז דאָך אַ סימן, אַז ער קאָן ניט מאַכן קיין לעבן פון דעם קוני־איילאַנד. . . איר הערט דעם אידיאָטישן איינפאַל? אויף דעמזעלבן אופן קאָנען זיי קומען און זאָגן, אַז ראקעפעלער איז גאָרניט אזא מיליאָנער, ווי אַלע גוואלדע־ווען, ווייל ער האָט געעפנט רעסטאָראַנען. . . דאָס הייסט, אַז די אויל־קוואַלן, וואָס ער פארמאָגט, גיבן אים ניט גענוג צום לעבן, האָט ער, ראקאפעלער, געמוזט נעבאַך עפענען רעסטאָראַנען. . . — דאָס, וואָס זיגמאַן באקומט הונדערט און פופציג דאָלאַר אַ וואָך, אַ חוץ די עקספּענסעס, דאָס איז, לויט דעם „פאָרווערטס", קנאַפּ אויף צום לעבן. דאָס, וואָס זיגמאַן פארקויפט די אַרבעטער צו די באַלעבאַטים און לעקט אָפּ דערפון אַ ביינדל, — דאָס איז פאַר אים אויך ווייניג. האָט ער, נעבאַך, געמוזט זיך איינפיקסן אַ קוני־איילאַנד מיט קאבארעס, מיט. . . דער שווארץ יאָר ווייסט וואָס.

און אזוי ווי דאָס גיט אים נאָך אַלץ ניט גענוג צום לעבן האָט ער נעבעך גענומען פארקויפן „האָט־דאָגס“...

עס ברעכט אויס אַ הילכיגער געלעכטער. באַלד טוט אַ קנאַל אַנ׳אַלגעמיינער אַפּלאָז: דאָס זײַנען אַרײַנגעקומען אין זאַל צוויי באַפרייטע קלאָוקמאַכער.

די באַפרייטע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָבן אַרײַנגעטראָגן אין לואיס הײַמאַנס רעדע אַ הייסן שטראָם:

— איינער פון די באַפרייטע איז דאָס דער „קאָמוניסטישער גענגסטער“, ווי דער פאַרדאַמטער „פאָרווערטס“ האָט אים אָנגערופן פּונקט דעם זעלבן טאָג, ווען ער האָט באַדאַרפט שטעלן זיך פאַר׳ן געריכט!

דער פאַררעטערישער „פײַפער“ האָט אָנגעוויזן, אַז ער האָט אַ רײַכן „פּאָליציייאיש רעקאָרד“, ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן די „פאָרווערטס“־מסירה, און מ׳האָט דעם אָרנטלעכן אַרבעטער גע־מוזט פרײַלאָזן, ווײַל ס׳איז ניט געווען קיין שום באַווײַזן געגן אים! די מוסרים פון „פאָרווערטס“ האַלטן כסדר אין איין אויפדעקן „פּאָליציייאישע רעקאָרדן“ בײַ אונזערע קעמפער. אַ פּאָליציייאישער רעקאָרד איז נאָך ניט קיין באַוויז, אַז דער, וואָס האָט אים, איז ניט קיין שיינער מענטש! די גרעסטע רעוואָלוציאָנערע מאַרטירער האָבן געהאַט רײַכע „פּאָליציייאישע רעקאָרדס“! ראָזע לוקסעמבורג און קאַרל ליבקנעכט זײַנען געווען באַוואוסט בײַ דער גאַנצער פּאָ־ליציי, זײַנען געזעסן אין אַלע טורמעס — פונדעסטוועגן האָט אפילו דער „פאָרווערטס“ גערופן זײַנע „סאָציאַליסטן“ צום יער־לעכן אָנדיינק פון די גרויסע מאַרטירער. עס ווענדט זיך פאַרוואָס מ׳האָט אַ „פּאָליציייאישן רעגאָרד“!

מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט מען אויסגעהערט דעם באַפרייטן „קאָמוניסטישן גענגסטער“. ער האָט אַדרעסירט די פאַרזאַמלונג און אין קורצע ווערטער איבערגעגעבן איינציגע איינ־צעלהייטן וועגן דעם פאַרראַט און מסירה געגן אים מצד זיגמאַנ׳ען און דעם „פאָרווערטס“.

— צום לעצט האָט גערעדט גאָלד —

אין די צען־פופצן מינוט פון זיין קרעפטיגער רעדע האָט ער אריינגעהויכט אין דעם ארבעטער עולם אזא פייער, אזא רעוואָלו־ציאָנערן פלאַם, אז דער רוף זיינער:

— אַלע אויף דער פּיקעט ליין! —

האָט ארויסגערופן א שטורם פון הענט־קלאַפּערייען און הורא־אויסגעשרייען.

— . . . די קומענדיגע וואָך הויבן מיר אָן דעם קאַמף אויף דאָס־ניי. דער שונא איז געבראָכן, דער שונא איז פארצווייפלט. אונזער קאַמף איז נאָענט צום זיג. אַלע אויף דער פּיקעט־ליין! דעם קאַמף מוזן מיר געווינען און מיר וועלן אים געווינען!

דער שטורמדיגער עולם האָט זיך א הויב געטאָן פון די ערטער.

— אין געשלאָסענע רייען צום יוניאָן־סקווער! — האָט דער פּאָרזיצער אויסגעשריען.

דער עולם האָט זיך א לאָז געטאָן צום ארויסגאַנג.

דער גרויסער עולם, וואָס האָט ניט געקאָנט אריין אין וועבּ־סטער האָל, האָט זיך פארזאַמלט אין מאַנהעטן לייסעאום.

צו דער זעלבער שעה איז אויך דאָרטן פארענדיגט געוואָרן און ביידע שטראָמען — פון וועבסטער האָל און מאַנהעטן ליי־סעאום — האָבן זיך צוזאמענגעגאָסן אויפ׳ן וועג צו יוניאָן־סקווער.

* * *

אין דער גאַנצער ליינג פון דער פערטער עווניו, אָנהויבנדיג פון דער פערטער גאס ביז דער פערצנטער, האָט זיך געצויגן דער מאַרש פון די מאַסן.

דער גרויסער יוניאָן־סקווער פּלאַץ איז שוין געווען פארפלייצט מיט אַן עולם. דאָס ערשטע, וואָס האָט ארויסגערופן א דער־שטוינונג, איז געווען, וואָס בלויז צוויי פּלאַטפּאָרמעס האָבן זיך געזען אויף דעם גרויסן פּלאַץ, ווייט אָפּגעזונדערט איינע פון דער צווייטער. די געדיכטע מאַסן צווישן די פּלאַטפּאָרמעס האָבן קיין איין וואָרט ניט געקאָנט הערן.

אויף די פּלאַטפּאָרמעס זיינען געשטאַנען עפּעס אומבאַקאַנטע פּאַרשוינען.

דער גרויסער ארבעטער עולם איז דערזעלבער, וואָס איך זע אים אויף אַלע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס, אויף די מעדיסאָן סקווער גאַרדן מיטינגען, אויף די קופּער־יוניאָן פאַרזאַמלונגען פון דער לינקער ארבעטער־באַוועגונג.

באַלד איז קלאָר געוואָרן, אַז די גאַנצע סאָציאַליסטן האָבן פאַרכאַפּט די טריבונעס.

איך שטרענג אָן מיין געהער צו כאַפּן א וואָרט, אָבער ווייט זיינען די טריבונעס, וואָס קוקן אויס ווי פאַר׳יתום׳טע אין דעם ים מענטשן; צו בלאָז און צו נישטיג זיינען די ווערטער, וואָס דערטראָגן זיך פון דאָרטן — אָן א פייער, אָן א ברען.

פּלוצלונג: ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואַלט ארומגעכאַפּט גאַנץ יוניאָן סקווער. אין איין אויגנבליק איז דער ריזיגער פּלאַץ פאַרהילכט געוואָרן פון דונערדיגע הענט־קלאַפּעריייען און הוראַ־אויסגעשרייען. עטלעכע מינוט האָבן די וויטערדיגע רייען ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס האָט פּאַסירט. נאָר אָט האָט א בליץ געטאָן דער נאָמען „גאָלד“. שטום זיינען געבליבן שטיין די אַר־בעטער־פאַררעטער אויף די טריבונעס: זיי זעען, ווי שטייפע אַר־בעטער־הענט טראָגן גאָלד׳ן אין דער הויך צו דער טריבונע. עס ברעכט אויס אַן אַלגעמיינער אַפּלאוז. די רעפּאָרטערס שטעלן אָן זייערע פאָטאָגראַף־אַפּאַראַטן. גאָלד כאַפּט זיך אָן די פּאַרענטשעס פון דער טריבונע, ווייל ארויפשטעלן א פוס אויף די ברעטער. די פאַרכאַפּער, וואָס באַלעבאַטעווען אויף דער טריבונע, טוען אים א שטופּ אָפּ... גאָלד דראַפּעט זיך אויף די פּאַרענטשעס, דרייט אויס דעם קאָפּ פון די סטורכאַטשעס מיט די פיס, וואָס די „סאָ־ציאַליסטישע פירער“ אויף דער פּלאַטפאָרמע זיינען אים מכבד...

אָט טוט איינער פון זיי אים א רייס אראָפּ פון די פּאַרענטשעס און ער פליט ארונטער פון דער פּלאַטפאָרמע אויף די אויסגע־שטרעקטע הענט פון די ארבעטער־מאַסן...

דאָס בלוט פון די צענדליגער טויזנטער ארבעטער ווערט אויפ־געקאָכט. א וואַלד פויסטן פּאַכן אין דער לופטן:

— פאַררעטער!

— סקעבס!

— דאַון!
— ווי וואַנט גאָלד! ווי וואַנט גאָלד!
— גאָלד... גאָלד... גאָלד...

ניטאָ קיין איין מענטש צווישן די צענדליגער טויזנטער אויף גאַנץ יוניאָן־סקוועד, וואָס זאָל ניט שרייען דאָס וואָרט „גאָלד".

גאָלד באַווייזט זיך ווידער אין דער הויך ביי דער זייט פון דער פּלאַטפאָרמע. ער שטעלט אַ פוס אויף די טרעפּלעך. ווי נאָר ער איז אַרויף, האָבן די „סאָציאַליסטן" אים באַגעגנט מיט פויסטן, גענומען שטופּן אויף צוריק, און ווידער אראָפּגעשטויסן אים פון דער פּלאַטפאָרמע.

אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף דעם דערצאָרנטן עולם פּאָליסלייט אויף פערד. ווי די אַמאָליגע רו־סישע קאָזאַקן, האָבן זיי זיך אַריינגעשניטן אין די געדיכטע מאַסן. אַ ווילדע פּאַניק האָט אויסגעבראָכן. אַ האַרצרייסנדיגער יאָמער פון פרויען און קינדער האָט די לופט אויפגעריסן.

אַ בילד פון דער אַלטער צאַרישער רוסלאַנד:

. . . קאָזאַקן — פערד — צעטראָטענע מענטשן־גופן — קולות — קללות — קלעפּ מיט די קלאָבס — — —

די פערד טוען זייער פערדישע אַרבעט מיט'ן גאַנצן פערדישן כח. דער גרעסטער טייל פונ'ם קאָכעדיגן עולם איז שוין פאַר־יאָגט, צוגעפּרעסט צו די גראַטעס פונ'ם סקוועד, און מיט די פּאָכענדיגע פּאָליציייאישע קלאָבס ווערן די מאַסן געטריבן אין דער לייינג פון דער גאַס.

* * *

אָפּגערייניגט איז שוין גאַנץ יוניאָן־סקוועד.

דער עולם פאַרהאַלט זיך לעבן דער „פרייהייט"־געביידע, און עס חזר'ט זיך איבער דאָס זעלבע בילד, וואָס האָט זיך דאָ ניט לאַנג אָפּגעשפּילט נאָך דער גרויסער דעמאָנסטראַציע פון די פאָ־ריער און קלאָוק און דרעסמאַכער.

די אָפּגעבראָכענע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע ווערט פאָרטגע־זעצט דאָ אויף דער ברייטער גאַס. מ'פאָדערט אַ רעדנער פון דער „פרייהייט"־רעדאַקציע.

און עס באַווייזט זיך אין פענסטער חבר אַלגין. אים געלינגט אַרויסרעדן עטלעכע פלאַמיגע ווערטער און די קאָזאַקן פאַנגען ווי־דער אָן.

אונטער דעם דרוק פון די פערד שווימט דער עולם ווייטער און צושפּרייט זיך איבער די אַרומיגע גאַסן.

אַ טייל לאָזט זיך גיין צו קופּער־יוניאָן.

אַרום דער געביידע פון קופּער יוניאָן

די מאַסן האָבן מאַרשירט צו קופּער־יוניאָן.

דעם זאַל האָבן אויך פאַרכאַפּט די פאַררעטער... דער אַריינ־גאַנג איז געווען פריי, נאָר באַלד האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז דאָס מוזן זיין די לינקע, און מ׳האָט אָפּגעשטעלט דעם שטראָם, גע־נומען פאָדערן אַ „זיגמאַן־ביכל“.

פאַרטזעצן דעם מיטינג האָבן זיי שוין מורא געהאַט און אין איילעניש און אין כאַפּעניש האָבן זיי דעם מיטינג געשלאָסן...

מיט רעוואָלוציאָנערע לידער האָט דער אָנגעקומענער עולם גענומען מאַרשירן אַרום דער געביידע; די קייט פון געשלאָסענע רייען איז געוואָרן אַזוי לאַנג, אַז זי האָט שוין אַרומגעכאַפּט אַלע פיר גאַסן אַרום דער געביידע.

די ספּאָנטאַנע דעמאָנסטראַציע, — מיט די פּלאַקאַטן אין די הענט, מיט׳ן כאָר־געזאַנג פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל—איז ווידער אָפּגעבראָכן געוואָרן פון דער פּאָליציי.

האָבן זיך אַ קירעווע געטאָן די פּלאַקאַטן־טרעגער אָן אַ זייט, אַ פּראַל געטאָן איבער׳ן ברייטן וועג און גענומען מאַרשירן אין דער לייגג פון דער פערטער עוועניו.

ערשט דאָ איז געוואָרן קלאָר, ווי גרויס איז די קייט פון די מאַרשירנדיגע רייען, ערשט דאָ האָבן גענומען קלינגען די רע־וואָלוציאָנערע לידער — אויף ענגליש, אויף אידיש, אויף איטאַ־ליעניש. די פערטע עוועניו איז געוואָרן דערשטוינט פון דעם פּלוצלונגדיגן קאַרניוואַל.

צענדליגער, הונדערטער פאַרבייגייער זיינען שטיין געבליבן,

פאַרכאַפּט געוואָרן פון די קרעפטיגע שטימען, מ׳לייענט די אויפ־שריפטן אויף די פּלאַקאַטן:

— „סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען אומשולדיג!“

— „מיר פאָדערן די באַלדיגע באַפרייאונג פון סאַקאָ און וואַנזעטי!“

— „סאַקאָ און וואַנזעטי דאַרפן לעבן!“

עס שליסן זיך אָן נייע גרופּן אין דעם מאַרש.

— הורא פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי! — שרייט אויס א יונ־גער קלינגדיגער קול — און דער הורא טוט זיך א קייקל איבער אַלע רייען און רופט זיך אָפּ אין דער הויך מיט א פילשטימיגן ווידער־קול.

בא דער פערצנטער גאַס ווערט די פּראָצעסיע נאָך גרעסער, נאָך איינדרוקספולער.

די מאַרשירנדיגע מאַסן זיינען ווידער צוגעקומען צו דער „פרייהייט“־געביידע, און עס האָבן זיך איבערגע׳חזר׳ט די יובל־דיגע אויסגעשרייען:

— הורא פאַר די „פרייהייט“!

— הורא פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי!

— טהרי טשירס פאַר די „דיילי וואָרקער“!

— הורא... הורא... הורא!..

איך געפין זיך ניט ווייט פון די פּלאַקאַטן־טרעגער. צווישן זיי זע איך איינעם, א קליינגעוואקסיגן, א מיטליעריגן. אין דער רעכטער האַנט טראָגט ער אַף א לאַנגן שטעקן דעם פּלאַקאַט מיט אַן אויפשריפט: „סאַקאָ און וואַנזעטי זיינען קרבנות פון קלאַסן־יוסטיץ“, מיט דער לינ־קער האַנט פירט ער נאָך זיך א אינגעלע פון א יאָר זעקס־זיבן. דאָס אינגעלע שפּאַנט צוגלייך מיט׳ן פאָטער און זינגט מיט זיין דין קול׳עכל דאָס באַפרייאונג־ליד... הינטער זיי מאַרשירן צוויי מיידעלעך אין דער עלטער פון עלף־צוועלף יאָר. זיי קוועלן אָן פון דעם אינגעלע, וואָס פאַרגיסט זיך ווי א קאַנאַריקל מיט׳ן געזאַנג. זיינען דאָס ניט זיינע שוועסטערלעך?

מיר שפּאַנען פאַרביי דער „פרייהייט"־געביידע, דערנענטערן זיך צום ראָג פון דער פופצנטער גאַס.

פּלוצלונג פליען אַן פּאָליסלייט ווי משחיתים און מיט א ווילדן אימפּעט וואַרפן זיי זיך אויף די פּלאַקאַטן־טרעגער. די קלאָבס פּאַכן אויף רעכטס, אויף לינקס.

די קלאָבס זייערע לאָזן זיך אַראָפּ אויף קעפּ, אויף פּלייצעס. איינגעבויגענע רוקנס דרייען זיך אויס פון אונטער די פאָכנדיגע פלאָקנס, די פּלאַקאַטן וואַלגערן זיך שוין אויף דר'ערד...

וואו איז דער פאָטער מיט דאָס קינד? האָט אויך דעם קינד א קלאָב דערלאַנגט איבער'ן קאָפּ?

די מאַסן זיינען צענויפגעדריקט אין איין קנויל, עס הערן זיך קולות, האַרצרייסנדע געשרייען פון פרויען...

די קלאָבס אַרבעטן אָן אַן אויפהער. ווייזט אימיצער ארויס דעם מינדסטן ווידערשטאַנד, ווערט ער ארויסגעכאַפּט פאַרן קאָל־נער און גע'מזיק'ט — —

* * *

דער גרויסער שטורם־רעגן, וואָס האָט באַלד אויסגעבראָכן, האָט מיט דונערן און בליצן פאַרענדיגט דעם היסטאָרישן טאָג, דעם זיבעטן יולי.

אין געריכט-הויז

פון די מאַסמיטינגען און פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס צו די פּיקעט־ליינס — פון די פּיקעט־ליינס אין פּאָליס־סטיישאָן — פון פּאָליס־סטיישאָן אין קאָורט — פון קאָורט אין — טורמע...

אָט דאָס איז דער דאָרנדיגער וועג פון די אויפגעוואַכטע אַר־בעטער־מאַסן, וואָס קעמפן פאַר זייער עקזיסטענץ אין דער „פריי־ער דעמאָקראַטישער" אַמעריקע.

*. * *

איך קום אריין אין דזשעפערסאָן־מאַרקעט קאָורט.

דער געריכט־זאַל איז איבערפול. אַלע פּלעצער זיינען באַ־זעצט. אין הינטערגרונט, הינטער די זיץ־פּלעצער, שטייט א גע־דיכטע מאַסע פון צונויפגעפּרעסטע קערפּערס. די זעלבע פּנים'ער, וואָס איך זע אין קופּער־יוניאָן, אין מאַנהעטן ליסעאום, אויף דער פּיקעט־ליין.

הינטער די פּאַרענטשעס, וואו דער דזשאָדזש זיצט אויבן־אָן, וואו דער דיסטריקט אטוירני און די לאָיערס געפינען זיך — דאָרטן איז אויך געדיכט: א גרויסע גרופּע ארבעטער און אַרבעטערינס — טאַקע די זעלבע, וואָס מ'האָט פאַר מיינע אויגן פאַרנומען אויף דער פּיקעט־ליין — שטייען אין דערוואַרטונג אויף זייער גורל... זיי פּאָלגן נאָך דעם געראַנגל צווישן זייער לאָיער און דעם דיסט־ריקט אטוירני, וואָס זוכט מיט אַלע מיטלען צו מאַכן שווערער זייער שטראָף.

פאַר דעם לאָיער דעם פאַרטיידיגער. איז די אַרבעט פון פאַר־טיידיגן ניט שווער: עס קומט אים ניט אוים זיך אָנצושטריינגען: ס'איז ניטאָ פארוואָס צו משפּט'ן און צו באַשטראָפן: אַרבעטער סטרייקן — דאָס איז דערלויבט. ארבעטער פּיקעטן — דאָס איז אויך געזעצליך. קיינע אומאָרדנונגען זיינען ניט פאָרגעקומען —

דאָס באַשטעטיגן אליין די פּאָליסלייט ,די אינדאָסטריאַל־סקוואַד־ניקעס.

איך זע, ווי אַ נידעריג מענטשל מיט אַ פּליכעוואַטן קעפּל שושקעט אַלע ווײַלע אַריין דעם דיסטריקט אַטוירני עפּעס אין אויער.

— ווער איז אַט־יענער, מיט'ן פּליך — פרעג איך מיין שכן.

— וואָסערער?

— אָט־דער־אָ, וואָס שטייט און קאַלופּעט איצט דעם נאָז.

— דאָס איז דאָך דער פּאַסקודנער זינגמאַנ'ס לאָיערל!

— אַזאַ משעה... דערפאַר איז ער אַזאַ גוטער־ברודער מיט'ן דיסטריקט אַטוירני...

— וואָס־זשע דען! איין לייב און איין נשמה...

דער דזשאָדזש הערט זיך ניט איין אין די טענות פון לאָיער, אין די ענטפערס פון די אַרבעטער, וואָס ווערן גענומען אויף אַ קרייץ־פאַרהער. ער גיט דעם דיסטריקט אַטוירני די פולע מעגלעכקייט צו מאַכן די שולד שרעקלעך־גרויס, און פּסקנ'ט:

— פינף טעג פאַר די מענער און דריי טעג פאַר די פרויען.

ווערט אָנגעצונדן דער דיסטריקט־אַטוירני:

— סטייטש, ער האָט אַזוי שווער געאַרבעט, געמאַכט שוואַרץ אַלץ, וואָס דער פאַרטיידיגער האָט ריינגעוואַשן, און דער דזשאָדזש פּסקנ'ט אַזוי מילד...

— איך פּראָטעסטיר! — שרייט דער דיסטריקט אַטוירני מיט שוים אויף די ליפּן: — יור האָנאָר פּסקנ'ט צו מילד!

דער עולם קען שוין ניט איינהאַלטן דעם גרימצאָרן און ברעכט אויס מיט אַ פילשטימיגן „בו־בו" און מיט אַ האַנט־פּאַטשעריי פאַר די פאַר'משפּט'ע אַרבעטער, וואָס מען פירט אוועק — אין אַן אַנדער צימער.

עס ווערט אַ מהומה אין געריכט־זאַל. די געריכט־באַדינער וואַרפן זיך צום עולם, נאָר אַלע שווייגן שוין — גיי טרעף, ווער האָט העכער, צי ווער האָט דער ערשטער דעם האַנט־קלאַפּ געגעבן, צי דעם „בו־בו" אויסגעשריען: אַלע האָבן אַפּלאָדירט, אַלע האָבן

געשריען „בו־בו" אין איין צייט אין איין און דערזעלבער מינוט, סטיכייאיש, ספּאָנטאַן. אויב שולדיג — זיינען אַלע שולדיג.

די „דעמאָקראַטישע גערעכטיגקייט" אורטיילט אָבער אַנדערש — פּונקט אַזוי, ווי עס האָט פּראַקטיצירט אַמאָל דער רוסישער צאַריזם: ארויסגעכאַפּט איינעם, צוויי, דריי — און באַשטראָפט זיי פאַר אַלעמען...

האָבן די באַדינער ארויסגעכאַפּט פון דעם עולם צוויי פרויען און איינעם א יונגן בחור'ל. דער בחור'ל — א דאַרינקער, א שעמעוודיגער, נאָר א באַוואוסטזיניגער, אַן איבערגעגעבענער דער ארבעטער־באַוועגונג מיט לייב און לעבן.

מ'האָט די דריי קרבנות אוועקגעשלעפּט מיט רציחה הינטער די פאַרענטשעס, און אין א זייטיגן צימער ארייַנגעשטופּט.

דער דיסטריקט אַטוירני איז אָבער נאָך אַלץ ניט צופרידן: זיינע נעזלעכער בלאָזן זיך אַלץ שטאַרקער פאַנאַנדער און די פּאָר־שפּיצטע אויגן זיינע קוקן און זוכן אויס נאָך קרבנות... פּלוצ־לונג פאַלט ער צו צו דער פּאַרענטשע און ווענדעט זיך דראָענדיג מיט'ן פינגער צו א יונגן בחור'ל, וואָס זיצט ניט ווייט פון מיר אין דער פאָדערשטער רייע:

— זאָלסט מיר מער ניט וואַגן צו מאַכן קיין „פּייסעס"!

דער בחור'ל האָט געקייט „טשואינג־גאַם", און האָט ניט גע־וואוסט פון וואָס צו זאָגן. זיין פּנים האָט זיך גענומען בייטן אין אַלערליי קאָלירן און, ווי עס טרעפט אין אַזא צושטאַנד, האָט זיך אויף זיינע ליפּן באַוויזן א קרומער שמייכל, ווי איינער זאָגט:

— וואָס טשעפּעסטו זיך צו מיר...

איז צו אים צוגעשפּרונגען א באַדינער מיט א בלעכל, א כאַפּ געטאָן אים פאַר'ן קאַרק און גענומען ארויספירן פון געריכט־זאַל. ווען ער איז צוגעקומען מיט אים צום ארויסגאַנג, האָט א צווייטער באַדינער זיך מישב געווען, אַז דאָס איז צו א גרינגע שטראָף, און האָט אים גענומען שלעפּן צוריק, איבער'ן זאַל, ארייַנגעשלעפּט הינ־טער די פאַרענטשעס און ארייַנגעשטופּט אין יענעם צימער, וואו די פריערדיגע דריי...

* * *

דער דיסטריקט אטוירני האָט געזיגט.

ווען ס'איז געקומען צום ארויסטראָגן א פסק־דין פאַר דער צווייטער גרופע סטרייקער, האָט שוין דער שטאָלצער, אומאָפּהייני־גיגער דזשאָדזש צוגע'פסקנ'ט:

— פופצן טעג פאַר די מענער און צען טעג פאַר די פרויען...

פאַר דער דריטער גרופע:

— דרייסיג טעג פאַר די מענער און צען טעג פאַר די פרויען...

איינע און די זעלבע „פאַרברעכער", איינע און די זעלבע „פאַר־ברעכנס" — געסטרייקט, געפּיקעט, ניט געשטערט די רו, ניט גע־מאַכט קיין אומאָרדנונג, — און די שטראָף איז שוין געוואקסן אין צווייען, אין דרייען, אין זעקסן...

ס'איז געקומען צו די ארויסגעכאַפּטע פונ'ם עולם פאַר דעם אפּלאַז און פאַר'ן „בו־בו", וואָס האָט ספּאָנטאַן אויסגעבראָכן.

האָט דער דזשאָדזש גע'פסקנ'ט:

— זעקס חדשים טורמע!

דער דיסטריקט אטוירני האָט זיך געפילט, ווי א פיש אין וואסער...

דער לאָיערל פונ'ם אינטערנײשאָנאַל האָט געגלעט זיין פליך.

די „גערעכטיגקייט" איז אָנגעגאַנגען מיט איר גרויזאַמער ארבעט...

„פון דער טורמע אויף דער פּיקעט־ליין“

דורך דעם בראַזג און קלאַנג פון דער רוישיגער פּערצנטער גאַס טראָגן זיך באַקאַנטע רעוואָלוציאָנערע טענער.

— ווער זינגט עס ?

עס פליט דורך אַן אויטאָ־באַס און אין זיינע פענצטערלעך פּאַכען אויסגעשטרעקטע הענט, זעען זיך פרויען־פּנים׳ער, לאַכנדיגע, פריידיגע. זיי זינגען אויפ׳ן קול :

— סאָלי—דאַ—רי—טי — פאָר — — עווער — סאַדי — דאַרי — טי — פאָר — עווער —...

עס דוכט זיך, אַז דער פליענדיגער אויטאָבאָס איז ווי אין פלאַמען... אין דעם ערשטן מאָמענט איז געווען שווער צו פאַרשטיין, ווער זינגט דאָס די קאַמף־לידער אין דעם אָנגעפּאַקטן אויטאָמאָביל־וואָגן ? ערשט איך הער : אימיצער שרייט ארויס פון א פענצטערל מיין נאָמען. איך לויף צו צום אויטאָבאָס, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט —

— אַ... באַקאַנטע פּנימ׳ער ! דאָס זיינען דאָך די אַרבעטערפרויען, וואָס זיינען מיט אַנדערהאַלבן וואָכן צוריק געווען אַרעסטירט אויף דער פּיקעט־ליין און פאַר׳משפט אין טורמע.

— פון טורמע ? באַפרייט ?

— יאָ, „פון טורמע אויף דער פּיקעט־ליין !“ — ענטפערן זיי מיט א געלעכטער.

עס פראַלט אויף א טירל, איך שטופּ זיך אריין אינווייניג.

— איר זעט, דאָס איז אַ באָבע פון פינף אייניקלעך. ניט געוואָלט מען זאָל איר ארויסנעמען אויף בייל :

— אויב זיצן, זאָלן אַלע זיצן — און אויב אויף בייל — איז אַלע אויף בייל. — אזוי האָט זי געזאָגט.

די „באָבע“ מיט א יונגן פּנים און באַזילבערטע האָר וויל ניט

לײדן, װאָס מ׳שטעלט זי אַרױס פֿאַר אַ „העלדין״: זי מאַכט צו יענער מיט דער האַנט, זי זאָל אױפֿהערן לױבן.

— צום דזשאָינט באָארד! — הערט זיך אַ באַפֿעל צום „דרײַ־װער״ און דער װאָגן טוט זיך אַ ריס פֿון אָרט, פֿאַרקערעװעט אױף יוניאָן־סקװער, פֿליט פֿאַרבײַ דער „פֿרײַהײט״־געבײדע.

מיט הורא־אױסגעשרײען באַגעגענען די פֿאַרבײַגײענדיגע אַר־בעטער דעם פֿליענדיגן װאָגן, און נאָך שטאַרקער טראָגט זיך דער כאָר־געזאַנג פֿון די אָפֿענע פֿענצטערלעך...

דער „באָס״ קומט צו צו דער געבײדע פֿון דזשאָינט באָארד.

אַ מחנה אַרבעטער און אַרבעטערינס שטײען שױן אין דער־װאַרטונג. עס פֿראַלן אױף אַלע טירלעך, די באַפֿרײַטע סטרײַ־קער קומען אַרױס אױף דער פֿרײַער לופֿט, און די גאַנצע גאַס װערט אױפֿגערודערט פֿון די יובלדיגע אױסגעשרײען.

מ׳פֿאַלט אײנער דעם צװײטן אױפֿן האַלז, פֿרײדן־טרערן שטײ־ען בײַ פֿילע אין די אױגן.

די „באָבע״ מיט׳ן „זײדן״ (איר מאַן) זײַנען אַרומגערינגלט פֿון יונגע מײדלעך און בחורים, מ׳באַגריסט זײ, מ׳קוקט אױף זײ מיט שטראַלנדיגע אױגן. —

גרױ זײַנען די קעפּ זײערע, נאָר די פּנים׳ער זײַנען יונג, די אױגן פֿינקלען מיט יוגנטלאַכן פֿײער.

די גאַס — שטענדיג אַ שטילע, אַ רואיגע, אַ פּוסטע — װערט אין אײן אױגנבליק אױפֿגערודערט.

עס װאַקסט אױס אַ פּאָליסמאַן.

— מיר קומען פֿון דזשײל! — זאָגט צו אים אַן אַרבעטערין מיט אַזאַ טאָן, פּונקט װי זי װאָלט געקומען פֿון אַ פֿרײלעכער הו־ליאַנקע. דער פּאָליסמאַן כמורעט די ברעמען, און באַפֿעלט מ׳זאָל זיך פֿאַנאַנדערגײן.

— גאָט, זײער גוט איז דאָרטן! אַן אמת׳ע קאַנטרי... ניטאָ װאָס צו זאָגן... מ׳קאָן גײן װידער אױף דער פּיקעט־ליין...

— צו דער יוניטי הױז! דאָרט איז שױן צוגעגרײט אַ קבלת פּנים!

מיר לאָזן זיך גײן צו דער יוניטי הױז.

דער יוניטי הויז איז אויך אָנגעפּאַקט מיט א יונגן ארבעטער־עולם.

אז דער עולם זעטיגט זיך אָן מיט האַלזן און קושן מיט די באַפּרייטע, דערטראָגט זיך א גלעקל־געקלאַנג, און באַלד נאָך דעם א קול:

— חברים און חבר'טעס! היינט איז ביי אונז א גרויסער יום־טוב. דער קאַמף געגן די פאַררעטער ברייננגט אַלע טאָג אַלץ נייע און נייע קרבנות. מ'ארעסטירט פרידלעכע פּיקעטס, מ'פאַר־שפּאַרט אין דזשייל. אָבער די קעמפער שרעקן זיך ניט אָפּ פאַר די פאַרפאָלגונגען. מ'גייט אין דזשייל און מ'קומט צוריק, מען וואַרפט זיך ווידער אריין אין קאַמף. היינט זיינען באַפּרייט גע־וואָרן אויף בייל עטלעכע צענדליג קעמפערינס און קעמפער. איך בעט דעם עולם האַלטן אָרדנונג און אויסהערן, וואָס די „פּריזאָ־נערס" אונזערע האָבן צו דערציילן וועגן די ניין טעג געפענגעניש, וואָס זיי האָבן דורכגעלעבט.

עס ווערט שטיל, און איינע פון די באַפרייטע טרעט ארויס מיט א קורצער רעדע:

— ברידער און שוועסטער! איך בין ניט קיין רעדנערין. איך וועל לאַנג ניט ריידן. איך וויל נאָר אייך זאָגן, אז ס'איז גאָר ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר „דזשייל". די ניין טעג האָבן מיר פאַר־בראַכט אין געזאַנג און אין פריילעכער פאַרוויילונג. דאָס עסן איז אויך ניט געפערלאַך. מ'געוואוינט זיך צו... ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך. היינט זיינען מיר ארויס פון דזשייל פאַר פּיקעטן, און מאָנטאַג וועלן מיר ווידער זיין אויף דער פּיקעט־ליין!

א צווייטע „ארעסטאַנטקע" הויבט זיך אויף פון אָרט — א יונגע, א בלאָנדע, א פלאַמיגע.

מיט רוישיגע אַפּלאָדיסמענטן באַגעגנט איר דער עולם. האַלב ערנסט און האַלב הומאָריסטיש שילדערט זי די איבערלעבונגען אין טורמע. אירע קרעפטיגע ווערטער הויבן אריין א נייעם פונק פייער אין די צוהערער.

— נו, קאָן מען פאַרלירן דעם קאַמף, אז מ'האָט אזוינע קעמ־פערינס! — זאָגט צו מיר מיין שכן.

— נעווער! — שרייט ער אוים באַגייסטערט.

— די באָבע זאָל זאָגן א פּאָר ווערטער! — רופט אוים דער־פאָרזיצער.

נאָר די „באָבע“ איז שעמעוודיג.

— זאָל רעדן דער זיידע.

און דער „זיידע“ — א קרעפטיגער אַלטער מיט א יונגן פּנים און באַזילבערטע האָר טרעט אריוס פאַר׳ן עולם, און זאָגט אַרויס עטלעכע וואַרימע ווערטער, וואָס פון זיי ווערט קלאָר, אז דער זעכציג יאָריגער אַרבעטער איז א באַוואוסטזיניגער קעמפער:

— . . . דאָרטן אין דזשייל באַקומט מען א קלאָרן באַגריף וועגן דעם „פרייען לאַנד“. זאָל יעדערער פאַרזוכן דעם טעם פון דזשייל. דאָס וועט אים שטאַרקן אין זיין קאַמף געגן דער עקזיס־טירנדיגער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג. שרעקט זיך ניט פאַר׳ן „דזשייל“. ס׳איז ניט געפערלעך, און איך פאַרזיכער אייך, אז דער, וואָס וועט פאַרזוכן די טורמע, וועט נאָך מיט מער פייער אריינוואַרפן זיך אין קאַמף געגן די פאַררעטער!

* * *

געענדיגט האָבן זיך די קורצע, קאַמפּסלוסטיגע רעדעס, און דער עולם האָט זיך צוזעצט ביי געגרייטע טישן.

די בלאָנדע קעמפערין האָט אָנגעפירט מיט׳ן געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער. מ׳האָט אָבער ניט פאַרגעסן די יעניגע, וואָס זיינען נאָך געבליבן זיצן אין די טורמעס: העכער הונדערט דאָלאַר איז ביי די טישן באַלד געזאַמלט געוואָרן, און איינער פון די באַפרייטע האָט זיך געווענדעט צום עולם מיט אזא פאָרשלאַג:

— אין דעם נאָמען פון אַלע באַפרייטע זאָל געשיקט ווערן צו דעם פאַרדאַמטן „פאָרווערטס“ א פּראָטעסט געגן זיינע פאַרלוימ־דונגען. ער האָט אויף זיינע שמוציגע שפּאַלטן אויסגעדרוקט א „רחמנות צו די אומשולדיגע אַרבעטער, וואָס זיינען א דאַנק די קאָמוניסטישע פּראָוואָקאַציעס פאַרשיקט געוואָרן אין „דזשייל“. מיר, די באַפרייטע, פאַרדאַמען דעם פּראָוואָקאַטאָרישן „פאָר־

ווערטס" און דריקן אויס אונזער טריישאַפט און איבערגעבנקייט צו דער לינקער דזשאָינט באָארד, וואָס באַקעמפט די אַרבעטער-פאַררעטער מיט'ן „פאָרווערטס", זייער הויפּט-אָרגאַן!

* * *

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דער אַרבעטער-עולם געפייערט די ציטוויילינגע באַפרייאונג פון די קעמפנדיגע אַרבעטער-פרויען.

זיגמאַנ׳ס פּאָגראָם

אינמיטן א העלן פרימאָרגן, ציניש און אכזריות׳דיג האָט דער טרויעריג־באַוואוסטער זיגמאַן פּאָגראָמירט צוויי וויכטיגע ארבע־טער־אָרגאַניזאַציעס: לאָקאַל 2 און די דעפּענס קאָמיטע פון די פּאַריער און קלאָוקמאַכער.

א כאָפּטע באַצאָלטע אונטערוועלט־יונגען האָבן געשלעפּט טישן, בענק, געשניטן טעלעפאָן־דראָטן, געשליידערט פּאַפּירן, וויכטיגע דאָקומענטן — מיט דער זעלבער רציחה, ווי די אַמאָליגע פּאָגראָמ־שטשיקעס אין די צאַרישע צייטן.

א טרויעריגע בילד האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַלע דריי צימערן פון דער דעפּענס קאָמיטע, פּונקט ווי נאָך א פּאָגראָם אין א קעשענעוו: קופּעס פּאַפּירן, ביכער, צעבראָכענע בענקלעך, שטרוי־ענע הוטן, מאַנטלען — צונויפגעדרייט, צונויפגעוואָרפן אין איין קופּע.

ארום דעם חורבן שטייען א פּאָר צענדליג ארבעטער און קוקן מיט פאַרשאַרפטע בליקן אויפ׳ן חורבן פון זייערע צוויי וויכ־טיגע אָרגאַניזאַציעס.

ס׳איז שטיל, מ׳שווייגט, נאָר בא יעדן איינעם קאָכט דאָס בלוט:

— א קופּע אַש האָט די זיגמאַנשטשינע געמאַכט פון דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן. איצט האָט זי זיך פאַרמאָסטן דאָס צו טאָן אויך מיט דער דעפּענס קאָמיטע.

— מ׳וואָלט דאָס גענאַרפט פאָטאָגראַפירן, אָט דעם חורבן, און ווייזן פאַר דער וועלט, אויף וואָס די זיגמאַנשטשינע איז פייאיג.

און ווי נאָר די ווערטער ווערן ארויסגערעדט, באַווייזט זיך אין די ברייט־אויפגעעפנטע טירן א רעפּאָרטער מיט א פאָטאָגראַף־אפּאַראַט. דער אַפּאַראַט פאַראייביגט די פּאָגראָמירטע קופּעס פּאַ־פּירן און ביכער.

דער איינציגער טעלעפאָן, וואָס איז גאַנץ געבליבן פון דעם פּאָגראָם, האַלט אין איין רינגען: דאָס קלינגען אָן ארבעטער־אָר־גאַניזאַציעס, ארבעטער פון די שעפּער. זיי פרעגן זיך נאָך, צי ס׳איז אמת, אַז „זיגמאַן מיט זיינע גאָרילאַס האָבן געמאַכט אן איי־בערפאַל אויף דער דעפּענס קאָמיטע?"

ס׳איז קיין וואונדער ניט, וואָס די ארבעטערשאַפט רעאַגירט אזוי שארף אויף דער געשעעניש: טאָג און נאַכט האָבן דאָ מענטשן געארבעט צו העלפן ארויסראַטעווען די פאַר׳משפּט׳ע פון הינטער די אייזערנע גראַטעס, צו שפּייזן די פאַר׳יתומ׳טע פאַמיליעס, וואָס זיצן אָן ברויט, א דאַנק דער זיגמאַנשטשינע.

מ׳גיט מיר איבער די איינצעלהייטן פון דעם פּאָגראָם:

— איר ווייסט דאָך, מסתמא, וועגן דעם, אַז זיגמאַן האָט גע׳פּועל׳ט בא די קאַפּיטאַליסטישע דזשאַדזשעס צו פאַרנעמען די פּוירניטשור פון לאָקאַל 2, נו האָט ער אויף דעם סמך באַשלאָסן צו פּאָגראָמירן די דעפּענס־קאָמיטע אויך. זיגמאַנ׳ס גענגסטערס זיינען געקומען אהער מיט פּאָלים האַלב נאָך צען אינדערפרי און האָבן געמאַכט אָט דעם חורבן. צום אומגליק איז ניט געווען דערביי קיין לאָיער פון אונזער זייט, וואָס זאָל אָפּשטעלן דעם פּאָ־גראָם. ערשט צום סוף זיינען אָנגעקומען די לאָיערס. זיי האָבן געפאָדערט פונם סאַרדזשענט, אַז ער זאָל ארעסטירן דעם שעריף און זיגמאַנ׳ס גענגסטער, וואָס האָבן אומגעזעצלעך, אינמיטן העלן טאָג זיך אריינגעריסן אין אָן אָפּיס און רואינירט א געזעלשאַפט־לעכן אַנשטאַלט.

דער סאַרדזשענט, פאַרשטייט זיך, האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, אָבער דער פּאָגראָם איז פונדעסטוועגן אָפּגעשטעלט געוואָרן. איר וואָלט זען, מיט וואָס פאַר א רציחה זיי האָבן דאָס געריסן און געשליידערט, פּונקט ווי די אַמאָליגע רוסישע פּאָגראָמשטשיקעס, זאָל פעלן א האָר!

פינף מינוט צייט האָבן זיי געגעבן אויף אויסצולייריגן די טישן, בשעת דאָס האָט געדאַרפט נעמען א פיר פינף שעה. מ׳האָט גע־נומען מיט זיי איינ׳טענה׳ן, אַז ס׳איז אוממעגלעך אין פינף מינוט צייט דאָס צו מאַכן, האָבן זיי זיך „מרחם" געווען און געגעבן...

צ ע ן מ י נ ו ט. אז די צען מינוט זיינען פאַריבער אין אַ פּי־בערהאַפטער אַרבעט צו ראַטעווען אַלע דאָקומענטן, וויכטיגע פּאַפּירן פון דער דעפענס־קאָמיטע, האָבן די פּאַגראָמשטשיקעס אויף קיין זאַך ניט געקוקט און גענומען שליידערן און וואַרפן און פּאַגראָמירן...

* * *

אַרום זעקס דעם זייגער בין איך צוגעקומען צום לאָקאַל 2.

ווי צעבושעטע בינען זעען אויס די הונדערטער אַרבעטער און אַרבעטערינס אַרום דעם אַריינגאַנג.

דאָרטן, אינווייניג, דורך די אָפענע פענסטער איז צו זען און צו הערן, ווי ס'קומט פאָר אַ מיטינג פון די קלאָוקמאַכער, וואָס אַרבעטן אין די שעפער אויף דער 22טער גאַס.

דאָ אויף דער גאַס קומען אויך פאָר עטלעכע מיטינגען: מען שטייט אין געדיכטע קרייזן און עס פלאַקערט באַ יעדן דער צאָרן געגן די פּאַרגאָרמשטשיקעס.

פון אינווייניג דורך די אָפענע פענסטער, טראָגט זיך אַ הייזעריגער קול פון אַן אַרבעטער־רעדנער:

— .... מיט'ן פאַרכאַפן די בילדינגס, מיט'ן פאַרכאַפן די פוירניטשור וועט דער הויפּט־גענגסטער משה זיגמאַן די קלאָוקמאַכער ניט אַריינקריגן!

— ער זעט, אַז זיין רעגיסטראַציע העלפט ניט, אַז די גאַריבאַ־מעטאָדן העלפן ניט, אַז אפילו די, וואָס האָבן מיט צוואַנג זיך געמוזט רעגיסטרירן, צאָלן ניט קיין דיוס צו זיין סקעב־קרעמל — האָט ער זיך גענומען צו פּשוט'ע פּאָגראָמען... ער מעג שפּרינגען העכער פון די דעכער, ער מעג קייען די ערד, אָבער די אַרבעטער, די מיטגלידער פון דער יוניאָן, וועט ער מיט גוואַלד ניט נעמען!

די „בילדינגס“, די „פוירניטשור“ — די אַלע טויטע זאַכן, זיינען מיט זיגמאַנ'ען.

די קלאָוקמאַכער און די דרעסמאַכער, די לעבעדיגע מיטגלידערשאַפט פון דער יוניאָן, איז מיטן לינקן דזשאָנט באַאָרד.

דער ענטפער צו די פּאַגראָמשטשיקעס

ניט געקוקט אויפ׳ן רעגן און ווינט, אין א וואָכעדיגן דאָנערשטאג, נאָך א טאָג שווערער האַרעוואַניע, איז קופּער יוניאָן געווען אָנגעפּאַקט מיט א גרויסן אַרבעטער־עולם פון קלאָוק־ און דרעסמאַכער, וואָס זיינען געקומען אויסדריקן דעם צאָרנדיגן פּראָטעסט געגן זיגמאַנ׳ס פּאָגראָם.

— . . . דער היינטיגער מיטינג איז גערופן געוואָרן צו געבן אַן ענטפער אויף די לעצטע פּאָגראָם־מאַנעווערעס פון זיגמאַנ׳ען מיט זיין קליקע. שוין ניין חדשים צייט גייט אָן זיגמאַנ׳ס אַלגעמיינער פּאָגראָם אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס בכלל און אויף אונזער יוניאָן בפרט. אַלע מיטלען האָט ער שוין אויסגענוצט: פּראָוואָקאַציע, גענגסטעריזם, פּאָליציי, טורמע — ס׳העלפט ניט: די מיטגלידערשאַפט וויל אים ניט וויסן, האָט ער געפּרובירט מיט דער הילף פון די באַלעבאַטים צו ברעכן די אייניגקייט פון די מיטגלידער, צווינגען א טייל פון זיי צו גיין זיך „רעגיסטרירן“ אין זיין סקעב־קרעמל. האָט דאָס אויך ניט געהאָלפן. איז ער ארויס, דער עובר־בטל, פון די כלים און גענומען בויאַנעווען, ווי א פּשוט׳ער פּאָגראָמשטשיק. . .

אויף דער פּלאַטפאָרמע זיצן די פירער פונ׳ם דזשאָינט באָארד. אויסגעמאַטערטע, אָפּגעצערטע פּנימ׳ער. דער פאָרזיצער גיט איינעם פון זיי דאָס וואָרט צו באַריכטן וועגן דער פּאַסירונג:

— . . . דאָס, וואָס זיגמאַן האָט איצט אָפּגעטאָן, ד. ה., מיט פּאָגראָם־מיטלען צונעמען די עטלעכע שרייב־טישן און שטולן ביים לאָקאַל 2, האָט ער איינגעטלעך געקאַנט טאָן גלייך פון אָנפאַנג פון קאַמף: די „דזשאָדזשעס“ און די פּאָלים זיינען דאָך שטענדיג געווען מיט אים. פאַרוואָס־זשע האָט ער גאַנצע ניין חדשים זיך מישב־געווען? פאַרוואָס האָט ער די דאָזיגע גרויסע

„העלדישקייט“ ניט ארויסגעוויזן פריער? גאָר פשוט: ער האָט געהאָפט, אז ער וועט קריגן די קלאָוק־ און דרעסמאַכער, וועלן שווין די טישן און די שטולן במילא זיין ביי אים. ניין חדשים האָט ער מיט דער הילף פון אַלע שוואַרצע כחות געפּרוואווט אויף אַלערליי אופנים קריגן אויף זיין זייט די מיטגלידערשאַפט. נו, האָט ער געקראָגן? די מעמבערס זיינען דאָך ניט קיין „פּאַרני־טשור“, זיי קאַן מען מיט גוואַלד ניט שלעפּן. האָט געפּלאַצט דער געדולד ביי זיגמאַנ׳ען און פון פאַרצווייפלונג האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די „פּאַרניטשור“ — דערמיט, הייסט עס, וועט ער אריינכאַפּן די יוניאָן...

דער עולם לאַכט. דער רעדנער אַליין האַלט אויך איין קוים דעם געלעכטער. ס׳איז דאָך אין דער אמת׳ן זייער פריילעך, ווען מ׳זעט, ווי דער שונא קריכט אויף די גלייכע ווענט אויס פאַר־צווייפלונג און פאַרלאָרנקייט.

— ... איר וואָלט זען די „טיפּן“, וואָס האָבן געשלעפּט די „פּאַרניטשור“! — סאַבקאָנטראַקטאָרס און קאָנטראַקטאָרלאַך, גע־וועזענע און איצטיגע, וואָס דאַרפן האָבן זיגמאַנ׳ס יוניאָן צוליב די עקספּלואַטאַטאָרסקע אפּעטיטן זייערע. האָבן זיי געשלעפּט די טישן און די שטולן. עס זיינען געווען צווישן זיי אַ פּאָר בחורים פון די פאַרפירטע, וואָס האָבן קיין גרויס נחת פון דעם „דזשאָב“ ניט געהאַט. ס׳האָט זיי אביסל געעגבערט: וואָס טוען זיי? זיי באַראַבעווען דאָך די אייגענע יוניאָן! זיי העלפן רואינירן זייער אייגענע פעסטונג. איינער פון זיי זאָגט צו מיר:

— נו, ברודער באָרוכאָוויטש... וואָס־זשע וועט זיין, אַ? מיר גייען דאָך צו גרונט!

ענטפער איך אים:

— וואָס ווילט איר נאָך? איר האָט די „בילדינגס“, די „פּאָר־ניטשור“ — נאָך אַלץ ווייניג?

טוט ער אַ קראַץ די פּאַטילניצע און זאָגט:

— וואָס מיר „בילדינגס“, וואָס מיר „פּאַרניטשור“... דאָס האָט דאָך אַ פּנים פון חוזק — — —

די לעצטע ווערטער רופן ארויס אַ הילכיגן געלעכטער.

— . . . וואָס זיינען געווען די אויסזיכטן פון זיגמאַנ׳ען און זיינע אדיוטאַנטן, ווען ער האָט באַשלאָסן אָפּטאָן זיין מיאוס׳ן, לעַ־כערלאכן „דזשאָב״? ער האָט מיט זיין „קלוגער״ קאָפּ אויסגעַ־רעכנט, אז מיר, לינקע, זיינען דאָך היץ־קעפּ, וועלן מיר זיך געווים שטעלן אַנטקעגן, וועט אפשר אויסברעכן א געשלעג, — אָדער: מיר וועלן זיך דערשרעקן און איינזען אין דעם אונזער סוף. . .

מיר האָבן זיי קאַלטבלוטיג געזאָגט:

— איר ווילט נעמען די „פּאָרניטשור״? — נאַט, נעמט. די „פּאָרניטשור„ איז ניט די יוניאָן. שלאָגן זיך פאר די אַלטע שמאַטעס וועלן מיר ניט. איינלייגן פינף־און־צוואַנציג טויזנט דאלאר, ווי איר האָט עס געטאָן, וועלן מיר געווים ניט: מיר וועלן קריגן די נויטיגע מעבל פאר וועלוועלער. און טאַקע באַלד נאָכ־דעם, ווי זייער טראָק מיט די „פּאָרניטשור״ איז אָפּגעפאָרן, איז צוגעקומען אונזער טראָק מיט׳ן נויטיגן מעבל — מיר האָבן זיך באַזאָרגט. אָט־דאָ האָבן זיי דערזען, ווי מיאוס זיי זיינען דורכ־געפאַלן. . .

— וואָס איז אָבער דער פּועל יוצא פון דער גאַנצער געשיכטע?

— צינדט זיך אָן דער רעדנער: — דער שונא איז פארצווייפלט, דער שונא האָט פארלאָרן דעם קאָפּ. דאַרפן מיר מיט באַנייטע כחות, מיט א פאראייניגטן פראָנט א קלאַפּ טאָן איבער׳ן שונא און אָפּראַמען אים פון וועג!

ס׳ברעכט אויס אן אַלגעמיינער אפּלאָז.

* * *

שפּעט איז שוין געווען די שעה, ווען דער הויפּט־פירער פונ׳ם דזשאָינט באָארד, לואיס היימאַן, האָט גענומען דאָס וואָרט.

קורץ איז געווען זיין רעדע, נאָר ס׳האָט אָפּגעקלונגען ווי א טאַלאַנטפולע הומאָריסטישע דערציילונג.

אָן אן אויפהער האָט געדונערט אין זאַל דער אַלגעמיינער געַ־לעכטער. ס׳איז געווען א מאָמענט, ווען מ׳האָט זיך ממש געהאַלטן פאר די זייטן און געקייכט, געפאַלן פון די שטולן פון געלעכטער:

— . . . א פרעסער זאָגט צו מיר היינט, — דערציילט היימאַן:

— איר ווייסט, ברודער היימאַן, פארוואָס זיגמאַן איז דאָס

פלוצלונג אריין אין „פּאַרניטשור ביזנעס“? פאַרוואָס ער יאָגט זיך דאָס משוגע׳נערווייז נאָך טשערס? גאָר פשוט: אז זיינע „איידזשענטס“, „אָרגאַנייזער“ קומען „אָרגאַניזירן“ די שעפּער, קערן זיך אום די אַרבעטער צו זיי מיט די הינטנס... זיגמאַנ׳ס באָיעס זיינען דאָך גראָבע קעפּ, פאַרשטייען ניט קיין חכמות. דער־זען אזוי פיל „זייט־זשע־מוחל׳ס“, האָבן זיי פאַרשטאַנען מיט זייער שכל, אז די אַרבעטער גיבן זיי דערמיט צו וויסן, אז מ׳דאַרף האָבן טשערס, מעבל, — נו, האָט מען זיך אַ יאָג געטאָן נאָך „פּאַרניטשור“...

נאָך און נאָך קאָמישעביישפּילן דערציילט דער רעדנער אויף זיין איינגנאַרטיגן פּאָלקסטימלעכן שטייגער.

צום שלום צינדט זיך אין אים אָן דער צאָרן:

— ... יעדער איינער, וואָס איז היינט געקומען, ניט קוקנ־דיג אויפ׳ן שלעכטן וועטער, ווייסט און פאַרשטייט, אז אונזער קאַמף איז אַ גערעכטער, אז מיר קעמפן פאַר׳ן וואוילזיין פון די אַרבעטער, צו פאַרפעסטיגן אונזער יוניאָן. דאַרף מען אריבער־טראָגן דעם גייסט, וואָס עס הערשט דאָ אויפ׳ן מיטינג, צווישן די גרויסע מאַסן קלאָוק־ און דרעסמאַכער! זאָלן אַלע דורכגעדרונגען ווערן מיט דער קאַמפּסלוסטיגקייט, מיט דער אַנטשלאָסנקייט צו באַזיגן די שוואַרצע כחות, און דאַן וועט די מיטגלידערשאַפט האָבן איר פעסטונג — די יוניאָן!

די פריילעכע שטימונג וואָס האָט געהערשט אויפ׳ן מיטינג, און די באַגייסטערונג פון די פאַרזאַמלטע פאַר אַן אַנטשיידענעם קאַמף איז געווען דער ענטפער צו די פּאָגראָמשטשיקעס. די מיאוסע און לעבערלעכע אַטאַקעס זייערע האָבן נאָך מער פאַראייניגט די מיטגלידערשאַפט צו געבן אַ טויט־קלאַפּ דעם שונא.

נאָך אַ מעדיסאָן-סקווער-גאַרדן מיטינג

עס האָט ניט געהאָלפן זיגמאַנ'ס „באַפעל" צו די שעפּער, וואָס געפינען זיך נאָך אונטער זיין קאָנטראָל, אַז שבת, דעם 10טן סעפּטעמבער (1927), ווען עס דאַרף פאָרקומען דער גרויסער מאַס־מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן, גערופן פונ'ם לינקן דזשאָינט באָארד, זאָל מען אַרבעטן דעם גאַנצן טאָג...

עס האָט אויך ניט געהאָלפן די פּראָוואָקאַציע פון זיגמאַנ'ס אַגענטן, וואָס האָבן זיך צושטעלט בא דעם אַרויסגאַנג פון סאָבוויי אין דער 49טער גאַס און פּרובירט אָפּשטעלן דעם שטראָם פון די אַרבעטער מיט אַ ליגן, אַז דער מאַסמיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן איז אָפּגעלייגט... — עס האָט ניט געהאָלפן!

די דערצאָרנטע געגן זיגמאַנ'ס פּאָגראָם קלאָוק־ און דרעסמאַכער האָבן אין גרויסע מאַסן אָנגעפילט דעם מעדיסאָן סקווער גאַרדן און מיט באַנייטע כחות דעמאָנסטרירט זייער קאַמפסגייסט.

* * *

... איך באַטראַכט דעם גרויסן עולם, וואָס האָט פּאַרפלייצט דעם אומענדלעך גרויסן פאַרזאַמלונג־פּלאַץ. קוק זיך איין אין די פּנים'ער פון די נאָענטערע רייען, הער זיך צו צו די געשפּרעכן אַרום, — און באַוואונדער, ווי אומדערמידלעך מ'שטייט אין קאַמף לאַנגע־לאַנגע חדשים, חדשים פון הונגער און נויט, געגן אַ באַנדע פאַררעטער, וואָס האָבן צו זייער דינסט די רעגירונג־מאַשין — די פּאָליס, די „דזשאָדזשעס", די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע און די גאַנצע אונטערוועלט.

אַרום האָט גערוישט און געברויזט פון די גרויסע מאַסן אַרבעטער און אַרבעטערינס, וואָס זיינען געקומען אויפן רוף פון דעם לינקן דזשאָינט באָארד צו באַנייען דעם קאַמף געגן די דם־שונאים פונ'ם אַרבעטער־קלאַס, אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון זיגמאַנ'ען און פון זיינע אַרויסהעלפער — די באַלעבאַטים.

— . . . מיט צען חדשים צוריק האָבן מיר, די לינקע דזשאָינט באָארד, אין דעם זעלבן מעדיסאָן סקווער גאַרדן אייך געוואָרנט, אַז דער אָבער־פּאַגראָמשטשיק, מאָריס זיגמאַן, וועט פאַרניכטן אַלע דעראָבערונגען, וואָס די מיטגלידערשאַפט פון אונזער יוניאָן האָט אויסגעקעמפט, און וועט דערפירן די יוניאָן צום אָפּגרונט. היינט, נאָך צען חדשים פון זיגמאַנ׳ס פּאָגראָם־טעטיגקייט, האַלטן מיר אָפּ דעם צווייטן מעדיסאָן סקווער גאַרדן מיטינג, און מיר קאָנ־סטאַטירן, אַז אונזערע וואָרנונגען זיינען געווען גערעכטע, אַז פון אונזער יוניאָן זיינען שוין פאַרבליבן רואינעס —

— . . . צען חדשים, אַז מיר בלוטיגן. צען חדשים, אַז מיר טראָגן איבער שרעקלעכע ליידן, הונגער און נויט. מ׳וואַרפט אונז פון די שעפּער, מ׳נעמט צו דאָס שטיקל ברויט פון אונזערע פאַמיליעס, מ׳פאַרשקלאַפט אונז צו די באַלעבאַטים — אוים יו־ניאָן באַדינגונגען! עס האָבן שוין דערוואַכט אפילו די אָפּגע־שטאַנענסטע, עס האָבן זיך געעפנט די אויגן אפילו בא די פאַר־בלענדעטע און פאַרפירטע. עס האָט שוין לאַנג געשלאָגן די שעה אַראָפּצוואַרפן פון זיך זיגמאַנ׳ס פּאָגראָם־באַנדע!

— . . . און לאָמיר אייך זאָגן, שוועסטער און ברידער, אַז ניט מיט אַפּלאָדיסמענטן אפילו אויף אַ מעדיסאָן סקווער גאַרדן מיטינג וועלן מיר אונזער קאַמף אויסקעמפן, און די אונטערדריי־קער אונזערע פון זיך אַראָפּוואַרפן! אין די שעפּער און אויף די פּיקעט־ליינס וועלן מיר אונזער רעכט אויסקעמפן!

מיט אַ נערוועזן ציטער ווערן די ווערטער אַרויסגערעדט פון אַן אַרבעטער, און דער ציטער גיט זיך איבער דעם פילטויזנט־קעפּיגן עולם:

— אין די שעפּער און אויף די פּיקעט־ליינס וועלן מיר אונזער קאַמף געווינען! — מיט די ווערטער פאַרענדיגט ער זיין קורצע שניידנדיגע רעדע און גאַנץ מעדיסאָן סקווער גאַרדן דונערט מיט האַנט־קלאַפּערייען.

ערשט צום סוף זיינען ארויסגעטראָטן די הויפּט־פירער.

דער גרויסער עולם האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דאָס לעצטע וואָרט פון די פירער, וואָס פאַרקערפּערן מיט זיך דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין פון די אַרבעטער־מאַסן.

אין די לאַנג־דויערנדיגע אַפּלאָדיסמענטן, מיט וועלכע זיי זיי־נען אויפגענומען געוואָרן, און אין די יובל'דיגע אויסגעשרייען, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער'ן זאַל, האָט זיך געפילט ניט נאָר אַכטונג, איבערגעבנקייט און גלויבן אין די אויסדערוויילטע פי־רער, — נאָר אויך פאַרדאַמונג, האַס און צאָרן געגן די פאַררעטער, געגן די זיגמאַנ'ס און מעקגריידיס, געגן „פאָרווערטס" און זיינע גוט־באַצאָלטע משרתים.

ווי מאַניפעסטן האָבן אָפּגעקלונגען די צוויי מייסטערהאַפטע רעדעס פון די פירער היימאַן און גאָלד:

— . . . ניט צו דעמאָנסטרירן פאַר דער וועלט—מיט וועמען איז די גרויסע מיטגלידערשאַפט פון די קלאָוק־ און דרעסמאַכער יוניאָן—מיט אונז צי מיט זיגמאַנ'ען, איז דער היינטיגער מיטינג גערופן געוואָרן! די צענדליגער טויזנטער אַרבעטער און אַרבעטע־רינס פון דער נאָדל־טרייד ווייסן גאַנץ גוט, ווער עס זיינען זייערע פריינט און ווער — די פיינט! זיי ווייסן, אַז די לינקע זיינען די יעניגע, וואָס זיינע גרייט צו מקריב־זיין זיך פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן. דער היינטיגער מעדיסאָן סקווער גאַרדן מיטינג איז גערופן געוואָרן צו מאָביליזירן די כחות אונזערע, אָנהויבן אויף דאָס־ניי דעם קאַמף געגן די פאַררעטער, צו געווינען די יוניאָן פאַר די אַרבעטער! אָט דאָס איז דער ציל, דאָס איז די אויפגאַבע פון היינטיגן מאַסמיטינג! — —

— . . . האָט זיגמאַן ווען עס איז געוואַגט צו רופן א מע־דיסאָן סקווער גאַרדן־מיטינג און רעדן דירעקט צו דער גרויסער מיטגלידערשאַפט?

— ער רעדט צו די מיטגלידער דורך פּאַלים און דזשאַדזשעס, דורך גענגסטער און טורמע. ער איז פאַרהאַסט און פאַרדאַמט פון דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט און ער האָט ניט די מוט צו באַווייזן

זיין טרפה'ענעם פּרצוף פאַר די צענדליגער טויזנטער מיטגלידער, וואָס ער האָט מיט גוואַלד אַרויפגעצוואונגען אויף זיי זיין הער־שאַפט! די פאַררעטער פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז מיר זוכן מיט זיי שלום צו מאַכן. יאָ, מיר ווילן שלום אין דער יוניאָן, נאָר ניט אַפן חשבון פון דער מיטגלידערשאַפט! מיר וועלן קיינמאָל ניט איינגיין אויף אַ שלום, וואָס פירט צו פאַרשקלאַפן די אַרבעטער ביי די באַלעבאַטים און ביי דער זיגמאַן־באַנדע! אויף אַזאַ שלום וועלן די לינקע קיינמאָל ניט איינגיין! מעג זיך דער קאַמף ציען נאָך צען חדשים, נאָר די פאַררעטער, די קאָרופּטע „לייבאָר־טשפּס", די אונטערוועלט־יונגען מוזן פון די אַרבעטער־רייען פאַרטריבן ווערן! היינט זיינען מיר געקומען אין מעדיסאָן סקווער גאַרדן צו מאָביליזירן אונזערע קרעפטן, צו פאַראייניגן אונזערע רייען. אונ־זער איינציגער לאָזונג איז:

— ז אָ ל ז י ג מ אַ ן ג י י ן צ ו אַ ל ד י ש וו אַ ר־צ ע י אָ ר!

עס האָט געדונערט און געבליצט אין דעם מעדיסאָן סקווער גאַרדן.

די פייערדיגע ווערטער האָבן זיך אַרויסגעריסן פון אַ פייערדיג האַרץ, און מיט זייער ברען, מיט זייער גלי אויפגעפלאַמט צענדלי־גער טויזנטער אַרבעטער הערצער.

די גרויסע מיטגלידערשאַפט פון דער קלאָוק־ און דרעסמאַ־כער יוניאָן האָט שבת דעם 10טן סעפּטעמבער פונ'ם יאָר 1927, אויפדאָסניי אויפגענומען דעם קאַמף געגן די בלוטיגע שונאים זיי־ערע, געגן די פאַררעטער פונ'ם אַרבעטער־קלאַס.

וואָרט און טאַט

— עס מוז איינמאָל פאר אַלע מאָל נעמען א סוף צו דעם פּאָגראָם, וואָס די זיגמאַנס און די מעקגריידים מיט'ן „פאָרווערטס" פירן אָן חדשים־לאַנג אויף די קלאָוק־ און דרעססמאַכער, אויף די פּאַריער און אַנדערע קלענערע יוניאָנס! עס מוז נעמען א סוף!

אָט דאָס איז דער געשריי, וואָס טראָגט זיך איבער דער אידישער ארבעטער־גאַס פון צענדליגער טויזנטער ארבעטער.

דעם אָפּקלאַנג פון דעם וויי־געשריי האָט מען געהערט אויף א קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון צענדליגער ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אין אוירווינג פּלאַזא.

די דעלעגאַטן זיינען אָפּגעזעסן לאַנגע שעה'ן, אויסהערנדיג די באַריכטן פון שעפּער און אויסארבעטנדיג פּלענער, ווי אַזוי אָפּצושטעלן דעם פּאָגראָם פון די אַרבעטער־שונאים.

דער פירער פון די קלאָוק־ און דרעס־מאַכער האָט זיין רעדע דאָס מאָל אין ענגליש, ווייל עס זיינען דאָ א סך פאָרשטייער פון ניט־אידישע ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס. ער איז קאָנצענטרירט אין זיין רעדע, טיף־ערנסט, קורץ, שאַרף—און איבערצייגנד.

עס איז גוט, וואָס אזא וואָרט ווערט געזאָגט אויף אָן ארבעטער־קאָנפערענץ, וואו עס זיצן פאָרשטייער פון העכער אכציג אר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס. זיי וועלן די טיפע, ערנסטע געדאַנקען אוועקטראָגן צו די צענדליגער טויזנטער מיטגלידער, וועלן איבער־געבן די פּרינציפּן, וואָס דער פירער האָט אזוי בולט און קלאָר און דייטלעך ארויסגעבראַכט.

דאָס איז שוין אויף העלפט א פאַרזיכערונג, אז די גרויסע ארבעטער־מיטגלידערשאַפט וועט דורכגעדרונגען ווערן מיט די דאָ־זיגע געדאַנקען און פּרינציפּן, און דער סם פון א „פאָרווערטס", פון א זיגמאַן וועט צו זיי קיין צוטריט ניט האָבן...

— גערדיינקט, פאַרגעסט ניט, מר. הײמאַן, — האָט מיר דאָ ניט לאַנג געזאָגט א פירער פון דעם אינדאָסטריאַל קאונסיל, — איר קעמפט ניט נאָר געגן זיגמאַנ׳ען, — איר קעמפט געגן דער אַמעריקאַנער רעגירונג...

און דער רעדנער שטרייכט אונטער דעם אָפענעם בונד פון אַלע רעאַקציאָנערע כחות, וואָס ווערן געשטיצט פונ׳ם רעגירונגס־אַפּאַראַט געגן די פּראָגרעסיווע ארבעטער, ווייל אזוי פאָדערט דער קאַפּיטאַל.

* * *

נאָך א שטאַרק וואָרט, וואָס איז געווען וויכטיג, נויטיג און באַלערנד, האָבן די דעלעגאַטן אויף דער קאָנפערענץ געהערט פון דעם פּאַרוואַלטער פון דער דעפּענס קאָמיטע.

ניט ער האָט גערעדט, נאָר די בלוטן זיינע האָבן אין אים געשריען:

— ווען ניט די דעפענס קאָמיטע, וואָלטן נאָך הונדערטער און טויזנטער ארבעטער אין פּריזאָן אוועקגעשיקט געוואָרן! מען וואָלט שוין לאַנג די פירער פון דער לינקער ארבעטער־באַוועגונג פון וועג אָפּגעראַמט! איך מיין דאָ ניט צו זאָגן, אז מיר, די פּראַק־טישע טוער פון דער דעפענס־קאָמיטע, האָבן דאָס געטאָן. אָן אייך, אָן דער גרויסער אַרבעטערשאַפט, זיינען מיר גאָרניט. אויך די פירער זיינען אָן אייך, מיטגלידער פון ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, מאַכטלאָז. מיר צוזאַמען מיט אייך זיינען פעלזן־שטאַרק, וואָס קיין כח וועט ניט קאָנען איינברעכן!

ער לייענט פאָר א לאַנגן צעטל פון ארבעטער־נעמען, וואָס זיינען אַרעסטירט און פאַרשיקט געוואָרן אין טורמע — בלויז פאַר זייער אַקטיוויטעט אין צייט פון סטרייק. ער רעכנט אויס וויפיל געלט איז געזאַמלט געוואָרן פאַר דער פאַרטיידיגונג פון די קרבנות, פאַר שטיצן די פאַמיליעס זייערע:

— אויף יעדן דאָלאַר, וואָס די דעפענס גיט אויס, וואָלטן די זיגמאַנס פאַרטאַכלעוועט א טויזנטער, ווען זיי וואָלטן דאַרפן אָנפירן מיט אזא אַרבעט, וואָס די דעפענס פירט אָן!

דאָס וואָרט איז געזאָגט געוואָרן.

די מידקייט באַ די דעלעגאַטן איז פאַרשוואונדן.

מען דאַרף אָנהויבן טאָן!

— וואָס איז די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ?

שאַפן די נויטיגע מיטלען.

די קאַסע פון דער דעפענס לײדיגט זיך שוין אויס. פאַרטײדיגן די קרבנות דאַרף מען. אַרויסרײסן פון די נעגל די, וואָס שטײען שוין אויפ׳ן צעטל פון דעם קאַפּיטאַליסטישן געריכט, מוז מען! עס פאָדערן זיך שווערע טויזנטער. ווי אַזוי שאַפט מען זיי?

— דאָס ערשטע און דאָס וויכטיגסטע איז אַ שטענדיגער פאָנד. דאַן וועט די דעפענס קאָנען אָנגײן מיט דער פאַרטײדיגונג־אַרבעט. און דאָס מוז געשאַפן ווערן. ווי אַזוי?

די לינקע אַרבעטער־באַוועגונג פאַרמאָגט אַ הונדערט טויזנט אַרבעטער. עס מוזן צוגעצויגן ווערן טויזנטער און טויזנטער אַרבעטער, וואָס זאָלן וויליג זײן בײטראָגן יעדע וואָך אַ פופציג סענט צו דער דעפענס! די יעניגע, וואָס זײנען ניט אַזוי קלאַסנבאַוואוסטזיניג און אויף אַ שטענדיגן בײטראַג זײנען זיי נאָך ניט רײף, וועלן אויך זײער דאָלאַר געבן. מ׳דאַרף זיך אַרײנוואַרפן אין דער אַרבעט. איר, דעלעגאַטן, איר קאָנט, און איר דאַרפט, און איר מוזט די דאָזיגע נײע טויזנטער אַרבעטער צושטעלן. ווי שווער די לאַגע פון די אַרבעטער זאָל ניט זײן, נאָר אויף דער דעפענס מוז יעדערער געבן! קײן אַנדערע קוואַלן האָבן מיר ניט. די באַלעבאַטים וועלן אונז ניט געבן אויף צו פאַרטײדיגן אונזערע קרבנות, ווי זיי גיבן דאָס זיגמאַנען אויף אַרײנזעצן אונז אין טורמע. דער „פאָרווערטס" וועט אונז אויך ניט געבן, ווי ער האָט געגעבן זיגמאַנ׳ען. די „פרײהײט" וואָלט געוויס געגעבן, האָט זי נעבעך ניט... טאָ ווער־זשע, אַז ניט די אַרבעטערשאַפט אַלײן?

נאָך און נאָך פאַרשײדענע מיטלען, ווי אַזוי צו שאַפן די נויטיגע סומען געלט, לײגט פאָר דער רעדנער.

די מיטלען ווערן באַגעגנט מיט צופרידנקייט און גרײטקייט צו פאַרווירקלעכן זיי אין לעבן.

די קאָנפערענץ איז באַלד צוגעטראָטן צו אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט.

ווען איינער פון די דעלעגאַטן איז אַרויס מיט אַ פאָרשלאַג — איבעררייסן די זיצונג אויף דרייסיג מינוט, כדי די דעלעגאַטן זאָלן קאָנען גיין עפּעס צובייסן — מ'זיצט פון אינדערפרי און דער זייגער איז שוין האַלב נאָך דריי, — האָט די קאָנפערענץ איינשטימיג דעם פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן...

די נויטיגע אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט איז דורכגעפירט געוואָרן: עס איז געשאַפן געוואָרן אַ שטענדיגע קערפּערשאַפט פון אַכציג מיטגלידער, וואָס יעדער איינער שטעלט מיט זיך פאָר אַן'אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. די דאָזיגע קערפּערשאַפט וועט שטיין אין איינגן קאָנטאַקט מיט דער דעפּענס, וועט העלפן דורכפירן די פּלענער, אָנפירן די גרויסע אַרבעט צו פאַרטיידיגן די קרבנות, וואָס דער קאַמף געגן די אַרבעטער־פּאַרטעטער האָט געבראַכט און וועט נאָך ברייגגען.

וואָרט און טאַט! דאָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו אויף דער אַרבעטער־קאָנפערענץ אין אווירווינג־פּלאַזאַ.

זיגמאַנ׳ס „קוני-איילענד"

זיגמאַן האָט אַנגעקלאָגט די „פרייהייט".

זיגמאַן איז באַליידיגט, וואָס די „פרייהייט" טראַכט אויס אויף אים א בלבול, אז ער פאַרמאָגט א גרויסן מאַיאַנטעק. א „קוני-איילענד"-פאַרוויילונג-פּלאַץ.

איז געווען דער פאַרהער אין געריכט.

איך בין געשטאַנען נאָענט צום עדות-שטול, וואָס אויף אים איז געזעסן דער טרויעריג-באַוואוסטער „פּרעזידענט", מאָריס זיגמאַן. איך האָב זיך איינגעקוקט אין זיין פאַרקרימטן פּנים, אין זיינע אומרואיג-לויפנדיגע אויגן, אין זיינע „קרעמענעם"-שמייכעלעך, האָב זיך איינגעהערט אין זיין ציטערנדיגן קול, און געטראַכט:

— איז זיגמאַן דער אַנקלאָגער, צי דער אַנגעקלאָגטער?

און ווי איך טראַכט אזוי, שושקעט מיר אריין אין אויער מיין שכן:

— ס׳ איז א וואונדער, ווי אזוי נעמט דאָס א מענטש, אויב ער איז נאָר ביים פולן פאַרשטאַנד, און מאַכט זיך אליין צו שאַנד און צו שפּאָט! אנ׳אַלטער שפּריכוואָרט זאָגט: „אז גאָט וויל שטראָפן א מענטשן, נעמט ער ביי אים אוועק דעם שכל".

די לאָיערס פון דער לינקער דזשאָינט באָאַרד ציען ארויס ווי מיט צוואַנגען די ענטפערס פון זיגמאַנ׳ען. סיי די פראַגן, סיי די ענטפערס באַלויכטן מיט א העלער שיין זיגמאַנ׳ען — דעם „אַנקלאָגער", וואָס ווערט פאַרוואַנדלט אין גאַנג פון דעם קרייץ-פאַרהער אין זיגמאַנ׳ען דעם אַנגעקלאָגטן.

די לאָיערס לייגן ארויס א פּאַק דאָקומענטן, וואָס פון זיי ווערט קלאָר ס׳אַרא ווערטפולע איינריכטונגען עס געפינען זיך אין זיגמאַנ׳ס קוני-איילענד"—פּולרומס, ביליאַרדס, קאַרוסעלן, מואווי-פּיקטשורס, שיפלאַך, קאָנצערט-זאַלן, טאַנץ-זאַלן, אָרקעסטער מו-

זיך קנאַלט דאָרטן ניט נאָר אין די יום־טובים טעג, נאָר אויך אין די מאנטאגס און אין די דאנערשטאגס.

א דערשלאָגענער זיצט דער „פּרעזידענט פון׳ם אינטערניישאָ־נאַל". ער פּרואווט נאָך אַלץ מאַכן דעם אָנשטעל, אז ער איז גאָט די נשמה שולדיג.

די אַרבעטער, וואָס זיצן צווישן דאָס פּובליקום, ווערן אַלע ווילד אָנגעצונדן:

— אז אָך־און־וויי איז צו אונז, אז אַזאַ פאַרשוין איז דער פּרעזידענט פון איינער פון די גרעסטע יוניאָנס!

* * *

דער קרייץ־פאַרהער מאַכט קלאָר, אז זיגמאַן באַזיצט גרויס פאַרמעגן, וואָס שטעקט אין דעם „אַמיוזמענט־פּאַרק", דאָס באַ־שטעטיגן די דאָקומענטן וועגן גרויסע שטרעקעס לאַנד צוגעקויפ־טע, וועגן נייע געביידעס צוגעבויטע, וועגן נייע פאַרוויילונג־פּלע־צער איינגעאָרדנטע אויף אַ „קוני־איילאַנד"־מאַסשטאַב.

די אַרבעטער, וואָס זיצן אין געריכט, טריאומפירן, וואָס עס ווערט קלאָר פאַר אַלעמען, אַז דער קאָרופּטער לייבאָר־טשיף זיג־מאַן האָט אַנגעראַבעוועט א פאַרמעגן.

— באַ וועמען אַנגעראַבעוועט? באַ די אַרבעטער!

— ווער אַט דער פּראָצעס ניט העלפן פּטור צו ווערן פון אים? קאָן דען דאָס געמאָלט זיין, אַז נאָך אַלעם זאָל ער אַלץ פאַרבלייבן פּרעזידענט פון דער אינטערנייִשאָנאַל?

איין אַרבעטער טוט אַ זאָג אין דער שטיל:

— אַ שאָד, וואָס דער פּראָצעס קומט פאָר אין אַ קליינעם געריכט־זאַל. דאָס האָט באַדאַרפט פאָרקומען אין אַ מעדיסאָן סקוועער קאַרדן, צי גאָר אין אַ יענקי סטאַדיום, אַז צענדליגער טויזנטער אַרבעטער זאָלן קאָנען בייאָווינען אָט־דעם וואונדערבאַרן ספּעקטאַקל, וואָס הייסט: „מאָריס זיגמאַן אויפ'ן עדות־שטול“.

* * *

אַז דער אָנקלאָגער מאָריס זיגמאַן איז גאָר אַנ'אָנגעקלאָגט: ווערט אַלץ קלאָרער מיט יעדער מינוט פון דעם קרייץ־פאַרהער. מ'זעט באַשיימפּערלעך, אַז דער „פּרעזידענט“ האָט זיך אליין ארויס־געשטעלט אויף לייטישן געלעכטער, אליין געגעבן אַ גלענצנדע געלעגנהייט, עס זאָל פאַר אַלעמען ארויסגעבראַכט ווערן זיין „קאָר־ני־איילענד־ביזנעס“.

מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם הערט זיך צו דער עולם אַרבעטער און אַרבעטערינס צום קרייץ־פאַרהער, וואָס אונטער זיינע שפּיזן צאַפּלט זיך דער „פּרעזידענט פון אינטערנייִשאָנאַל“.

— . . . ניין, ער, זיגמאַן, האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם אַמיוזמענט־פּאַרק אין סטאָרם־לייק, אַהייאַ — זיין ווייב פירט אָן מיט די ביזנעס. . .

ער קנייטשט דערביי דעם שטערן, דער הער פּרעזידענט, ער דרייט זיך אויפ'ן שטול און אַ שמייכעלע אַזאַ כלומר'שטדיגע שליינגלט זיך אויף זיינע ציטערנדיגע ליפּן. שווער קומט אים נעבעך אָן דאָס שמייכעלע, ער מידט זיך מיט דעם צו פאַרמאַסקירן דעם אינערלעכן פּחד זיינעם, וואָס שפּאַרט ארויס פון אַלע שטריכן

פון זיין געזיכט... דער גאַנצער אויסזען זיינער וויל איינרעדן, אַז ער האָט ניט מורא...

— ... די געשעפטס־פּאַפּירן? יאָ, ער האָט זיי אונטערגע־שריבן, אָבער דער אַמויזמענט פּאַרק געהערט צו זיין ווייב. ער איז בלויז א פּרעזידענט פון דער אינטערנייִשאַנאַל.

— איז די ווייב א שותפ׳טע אין זיינע ביזנעס?

— געוויס א שותפ׳טע... כע־כע... ווי אַזוי אַנדערש? כע־כע...

בלויז די ליפּן לאַכן ביי דעם „העלד" דעם „פּרעזידענט". די אויגן אָבער קוקן מיט שרעק אַרויס פון די אויגן־לעכער. די ציטערנדיגע הענט דריקן צונויף די פינגער, פּונקט ווי ער וואָלט אין דעם מאָמענט ליידן פון א שרעקלעכן בויכווייטאָג...

מאָרים זיגמאַן איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן צו שאַנד און צו שפּאָט.

ס'איז דאָ א האָפענונג, אַז דאָס וועט העלפן פּטור ווערן פון אים...

קרבנות פון פאַרראַט

— איר וועט קומען צו דער פייערלעכער באַגעגעניש פון אונ־זערע באַפרייטע פון טורמע קלאָוקמאַכער?

מיט דער פראַגע האָט זיך צו מיר געווענדעט א באַקאַנטער אַרבעטער, וואָס איז אַקטיוו אין דער יוניאָן־באַוועגונג.

— ווען? וואו וועט די באַגעגעניש פאָרקומען?

— שבת, האַלב נאָך ניין אינדערפרי וועלן מיר פון לאָקאַל 22 אָפּפאָרן צום מוניציפּאַל־בילדינג. מ׳וועט זיי אַהין ברענגען פון פריזאָן — דורכמאַכן אַלע פאָרמאַליטעטן, — און פון דאָרטן וועלן מיר אונזערע באַפרייטע חברים אָפּפירן אין לאָקאַל 22, וואו עס וועט פאָרקומען די ערשטע פייערלעכע באַגריסונג.

ווען איך בין דעם שבת אַרום צען דעם זייגער אינדערפרי צוגעקומען צום לאָקאַל 22, האָב איך נאָך פון דערווייטן דערזען, ווי אַ גרופּע אַרבעטער נעמען אַראָפּ פון אַ טעקסי אַ גרויסן קראַנץ לעבעדיגע בלומען, מיט רויטע בענדער באַצירט.

מיט אײַלנדיגע טריט בין איך צוגעקומען, אַרײַנגעקוקט אין דעם אויפשריפט אויף די בענדער:

„גוד לאַק!" — איז געשטאַנען אָנגעשריבן מיט גאָלדענע אותיות.

אַרום איז געשטאַנען אַ גרופּע אַרבעטער. מ׳דערציילט מיר:

— דאָס האָבן מיר, סטרײַקנדיגע קלאָוקמאַכער, דעם קראַנץ בלומען געקויפט. מיר זײַנען געזעסן אַזוי אין לאָקאַל, ניט האָבנ־דיג וואָס צו טאָן, דאָ איז אָנגעקומען די בשורה, אַז די פּריזאָ־נערס אונזערע זײַנען אַ דאַנק דעם דזשאָינט באָארד ענדלעך באַ־פרייט געוואָרן, און הײַנט שבת וועלן זיי אַרויסגענומען ווערן פון הינטער די גראַטעס און וועלן ווידער זײַן אין אונזערע קעמפנדיגע רייען. האָבן מיר באַלד אויפ׳ן אָרט צונויפגעזאַמלט צוואַנציג

דאָלאַר און אַט־דעם קראַנץ בלומען געקויפט....

פון דעם ווייטערדיגן געשפּרעך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַ גרויסע צאָל אַרבעטער צוזאַמען מיט דער קאָמיטע פון דזשאָינט באָארד זיינען שוין אָפּגעפאָרן צום מוניציפּאַל בילדינג.

— זיי וועלן מסתמא באַלד זיין דאָ. פאָרן אַהין איצט איז שוין צו שפּעט, ווייל מ׳קאָן זיך נאָך פאַנאַנדערפאָרן.

איך האָב געהאַט באַשלאָסן בלייבן און וואַרטן צוזאַמען מיט די אַנדערע אַרבעטער.

פּלוצלונג איז צוגעקומען אַ טעקסי. פון פענסטערל האָט זיך אַרויסגערוקט אַ קאָפּ. אַ צוויי־דריי זיינען צוגעלאָפן צו דער טעקסי, איבערגעוואָרפן זיך מיט אַ פּאָר ווערטער — און די טעקסי האָט זיך ווידער געשווינד אַ טראָג געטאָן אין דער וויַיט.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער טעקסי איז געזעסן איי־נער פון די באַפרייטע אין דער באַגלייטונג פון אַ דעטעקטיוו.

— ער איז ניט אינגאַנצן באַפרייט, ווייל ס׳איז דאָ נאָך אַ קלאַגע אויף אים, פאַרהאַלט מען אים...

— ס׳איז גאָרניט. מ׳וועט אים אַרויסנעמען אויף ערבות און ס׳וועט זיין אַלרייט, — האָט איינער אַ זאָג געטאָן, ווי ענטפערנ־דיג אויף די שטומע פראַגן פון די אַרומיגע...

עס איז שוין געווען אַרום עלף דעם זייגער און די באַפרייטע האָבן זיך נאָך אַלץ ניט געוויזן. ס׳איז עפּעס געוואָרן אומרואיג. מיך האָט געצויגן צום מוניציפּאַל־בילדינג. דאָ איז צוגעקומען אַ חבר אין אַן אויטאָמאָביל, ער האָט מיך אַרויפגענומען און מיר האָבן זיך אוועקגעטראָגן אַהין.

* * *

אין דעם גרויסן אַריינגאַנג־צימער פון מוניציפּאַל־בילדינג זיי־נען געשטאַנען גרופּעס קלאָוקמאַכער אין דערוואַרטונג. עס האָט זיך באַלד דערפילט אַ געדריקטע שטימונג, אַן אומעט...

— נו? — טו איך ביי זיי אַ פרעג.

—דאָרטן אויבן געפינט זיך די קאָמיטע פון אונזער דזשאָינט באָארד. ס׳זיינען אויך געקומען זיגמאַנ׳ס „באָיעס“.

— וואָס האָבן זיי דאָ צו טאָן ?
— עפּעס צו אויפגעלייגט זיינען זיגמאַנ׳ס שלוחים...
— פּונקט ווי ניט זיי האָבן אָט די אומשולדיגע ארבעטער אין פּריזאָן אריינגעזעצט !

אזוי ווי מיר שטייען און שמועסן, האָבן זיך פון א זייטי־גער אריינגאַנג־טיר באוויזן די באַפרייטע אין דער באַגלייטונג פון א דעטעקטיוו. אין איין אויגנבליק זיינע זיי פארשוואונדן אין דעם עלעווייטאָר־טיר.

אלע האָבן זיך א לאָז געטאָן ארויף אין דער הויך און גענומען זיך שפּארן אין דער טיר פון דעם „פּאַראָל־באָארד", וואו די באַ־פרייטע דאַרפן קריגן די דערלויבעניש ארויסצוגיין אויף דער פריי.

די באַדינער האָבן פארשטעלט אונז דעם וועג, דורכגעלאָזט בלויז די, וואָס האָבן געקאָנט צייגן א פּאַפּירל, אז זיי האָבן דאָס רעכט אריינצוגיין. צווישן די, וואָס זיינען אריין אינווייניג, איז אויך געווען זיגמאַנ׳ס שליח...

ער איז געווען פריילעך, אויפגעלייגט, האָט זיך געסוד׳עט מיט די קרובים פון אייניגע פון די דריי באַפרייטע. באַלד איז ער צו־געקומען צו אונזער ווינקל, פאַרלייגט די גראָבע פינגער אונטער די אַרבל־לעכער פון דער וועסטל און מיט א שפּאָטישן געלעכטערל זיך א זאָג־געטאָן :

— נו... מאָרגן וועט איר שרייבן, אז די „פרייהייט" האָט באַ־פרייט די פּריזאָנערס, א ? כע... כע...

בלייך ווי קאַלך פון כעס און עקל צו דעם פּאַרשוין האָט איינער פון אונזער גרופּע אים געענטפערט :

— וואָס־זשע... דער „פּאָרווערטס" האָט זיי דאָס באַפרייט ? און אפשר גאָר זיגמאַן ?

זיגמאַנ׳ס „באָי" האָט שעלמיש צוגעזשמורעט אַן׳אויגל און איז ווידער צוגעגאַנגען צו די קרובים, גענומען זיך סוד׳ען מיט זיי...

* * *

די באַפרייטע האָבן דורכגעמאַכט אלע פאָרמאַליטעטן און זיי־נען צוגעקומען צום ארויסגאַנג־טירל פון הינטער די פּאַרענטשעס.

בלייך זיינען געווען זייערע פּנים'ער, אַ פאַרצווייפלונג האָט אַרויס־געקוקט פון זייערע פאַרשאַרפטע אויגן.

זיגמאַנ'ס שליח איז געגאַנגען זיי אַנטקעגן מיט צושפּרייטע אָרעמס; דער דעטעקטיוו, וואָס איז צוגעקומען צוזאַמען מיט די באַפרייטע, האָט אים אונטערגעהאָלפן זיי צו חנ'פע'נען.

דערשטוינט פון דעם בילד זיינען מיר געשטאַנען, אָנקוקנדיג ווי דער פאַרראַט צושפּרייט זיינע שוואַרצע פליגלען, כאַפּט אַריין אין זיינע שמוציגע נעגל די צעטומלטע באַפרייטע און פירט זיי צום אַרויסגאַנג...

טרערן האָבן זיך באַוויזן ביי אַ מיידל אַ קלאָוקמאַכערקע, אַ שטילער קרעכץ האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן:

— אַזוי פיל געוויינט, אַזוי פיל האָט דער דזשאָינט באָארד געאַרבעט פאַר זייער באַפרייאונג...

* * *

איך האָב זיך אומגעקערט אין לאָקאַל 22.

דער גרויסער קראַנץ בלומען שטייט פאַר'יתום'ט אינמיטן אָפּיס... אַלע צימערן זיינען פול מיט אַרבעטער. קיינער קאָן ניט באַגרייפן, ווי אַזוי האָט עס געקאָנט פּאַסירן... ווי אַזוי?

— זיי זיינען ניט שולדיג. די פאַררעטער האָבן אויסגענוצט זייער דערשלאָגנקייט, דעם אָפּגעשוואַכטן געמיט זייערן.

— זיי זיינען קרבנות פון פאַרראַט...

... אין אַ ווינקל שטייט די מיידל — די קלאָוקמאַכערקע, וואָס האָט ביינעוואוינט די שווידערלעכע בילד אין מוניציפּאַל ביל־דינג, און וויינט אין דער שטיל...

* * *

מיט אַ געבראָכן געמיט זיינען די טויזנטער קלאָוק־ און דרעס־מאַכער געגאַנגען צום מיטינג אין קופּער יוניאָן, מאָנטאַג גלייך נאָך דער אַרבעט.

ווי אַ דונער האָט יעדן איינעם געטראָפן די טרויעריגע פּאַסי־רונג מיט די באַפרייטע קלאָוקמאַכער, וואָס זיינען אַזוי אומדער־וואַרטעט אַריינגעפאַלן אין דעם זומפּ פון דער זיגמאַנשטשינע —

נאָך דעם, ווי זיי האָבן דורכגעמאַכט א 22־וואָכעדיגן קאַמף געגן די באַלעבאַטים, געגן די יוניאָן־ברעכער; נאָך דעם, ווי זיי זייַנען אָפּגעזעסן ניין חדשים אין תפיסה פאַר זייער דרייסטן קאַמף...

איך בין אריינגעקומען אין קופּער־יוניאָן ארום זעקס דעם זייגער. דער עולם האָט ערשט געהאַלטן אין אָנקומען. א געדריקטע שטימונג האָט געשוועבט אין דער לופטן.

ביים פּאַרזיץ־טישל האָט זיך באַוויזן א מיטגליד פון דזשאָינט באָארד. זיין אָפּגעצערט פּנים, די איינגעצויגענע באַקן און די טונקעלע פלעקן אונטער די טיף־איינגעפאַלענע אויגן האָבן געזאָגט עדות, ווי אָנגעשטריינגט איז די ארבעט פון׳ם דזשאָינט באָארד, ווי שווער איז דער קאַמף מיט דער זיגמאַנשטשינע — און ער האָט גענומען רעדן:

— מיר פייערן די באַפרייאונג פון אונזערע ברידער, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס זיי זיינען אין דעם לעצטן מאָמענט פאַרפירט געוואָרן פון די פאַררעטער... איך בין זיכער, אז זיי וועלן זיך כאַפּן און וועלן זיך אומקערן אין אונזערע רייען און צוזאַמען מיט אונז פאַרזעצן דעם קאַמף, ביז מיר וועלן ניט אויסקעמפן אונזער רעכט צו האָבן א שטאַרקע, א ריינע, א רעוואָלוציאָנערע יוניאָן, וואָס זאָל פאַרטיידיגן די טאָג־טעגלעכע ארבעטער־אינטערעסן און פירן אונז צו דער ענדגילטיגער באַפרייאונג פון די קאַפּיטאַליסטישע קייטן — —

די געדריקטע שטימונג האָט זיך ביסלעכווייז גענומען אויסלייטערן, ווען דער רעדנער האָט אָנגעהויבן שילדערן, ווי אזוי זיגמאַנ׳ס אגענטן זיינען פאַרלאָפן דעם וועג און האָבן פאַרנאַרט די באַפרייטע אין זיגמאַנ׳ס נעץ.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך פלוצלונג דערטראָגן אַפּלאָדיסמענטן פון לעבן דעם אריינגאַנג. די אַפּלאָדיסמענטן האָבן זיך געהאַלטן אין פאַרשטאַרקן, און זיינען אריבער אין אַנ׳אַלגעמיינעם אַפּלאָז, ווען די אריינגעקומענע האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרמע — —

דאָס זיינען געווען די באַפרייטע קלאָוקמאַכער — —

די מענטשלעכע שפּראַך האָט נאָך ניט געשאַפן די נויטיגע

ווערטער, וואָס זאָלן קענען איבערגעבן דאָס, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין קופער־יוניאָן...

שבת בייטאָג אין לאָקאַל 22 האָב איך געזען ביי פילע אר־בעטער און אַרבעטאָרינס טרערן פון טיפן טרויער...

מאָנטאָג אָוונט אין קופער יוניאָן האָב איך געזען טרערן פון טיפער פרייד און גליק...

און ווען די פאַרפירטע האָבן גענומען אויף זייער פּראָטעסט, פּשוט'ער שפּראַך זיך מודה זיין אין זייער שרעקלעכן פעלער, שלאָגן זיך על־חטא און בעטן מחילה ביים פילטויזנטקעפּיגן עולם אַרבע־טער — מ'זאָל זיי פאַרגיבן זייער זינד, ווייל זיי זיינען פאַרפירט געוואָרן, — איז ניט געווען קיין איין מענטש צווישן די טויזנטער, וואָס זאָל זיי ניט נאָר פאַרגיבן, נאָר צודריקן זיי ווי אמת'ע מאַר־טירער צום האַרצן, בויגן פאַר זיי דעם קאָפּ:

— דאָרט, וואו עס שטייט אַ בעל־תשובה, קאָן אפילו קיין צדיק ניט שטיין! — האָט אויסגעשריען איינער פון די רעדנער, און איך בויג מיין קאָפּ פאַר אייך —

ביי די ווערטער האָבן אויפגעשטראַלט די פּנים'ער ביי די באַפרייטע און זיי האָבן געקוקט מיט פאַרטרערטע אויגן דעם עולם אַרבעטער אין פּנים אריין, ווי אויסדערלייזטע, אויסגעלייטערטע אין פּיין און ליידן...

באַזונדערס קרעפטיג האָבן אָפּגעקלונגען די ווערטער פון דעם הויפּט־פירער פון דזשאָינט באָארד און פון דעם פאָרשטייער פון דער דעפּענס־קאָמיטע.

— ליגן, בלבולים, זלזולים, פאַרראַט, פאַרפירערשאַפט — אויף דעם האַלט זיך די קאַפּיטאַליסטישע וועלט פון אונטערדריקער און פאַגראָמשטשיקעס. איז דען אַ וואונדער, וואָס די שווארצע באַנדע האָט אריינגעכאַפּט אין זייער נעץ די אויסגעמאַטערטע פריזאָנערס־קלאָוקמאַכער און מיט אַלע נידערטרעכטיגע ליגנס פאַר־פירט זיי צו זיך אין קרעמל?

— ... זיי זיינען געקומען צו אונז צוריק, ווייל דאָרטן איז פאַרראַט, גענגסטעריזם, קאָרופּציע, מפּלה, — און דאָ ביי אונז, איז לעבן, קאַמף און עס וועט אויך זיין זיג! —

דער גרויסער יום טוב האָט זיך ניט פאַרענדיגט מיט'ן מיטינג אין קופּער־ יוניאָן. ער איז אין דעמזעלבן אָוונט פאַרגעזעצט געוואָרן אויך אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע אין די בראָנקס.

די פאַרוואַלטונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער קאָלאָניע האָט איינגעאָרדנט א קבלת פּנים פאַר די באַפרייטע—מיט מוזיק, מיט טענץ און מיט גוטע מאכלים.

ווידער האָבן די באַפרייטע געשוואָרן שטיין ביז'ן לעצטן טראָפּן בלוט מיט'ן לינק'ן דזשאָינט באָארד.

דער עולם ארבעטער פון דער קאָאָפּעראַטיווער היים האָט זיך מיט זיי משמח געווען ביז אין דער טיפער נאַכט אריין.

די קרבנות פון פאַרראַט האָבן זיך באַפרייט פון א צווייענדיגער תפיסה — פון דער קאַפּיטאַליסטישער און פון דער יוניאָן־ברעכערישער־סקעבישער תפיסה.

„זיגמאַן מאַסט גאָר"

ניט פון דעם לינקן דזשאָינט באָארד איז מאנטאג, דעם 14טן דעצעמבער, (1927) דער מאַס־מיטינג אין מעקא טעמפל גערופן געוואָרן, און ניט „קאָמוניסטן" האָבן מיט'ן מיטינג אָנגעפירט.

אַן אומפּאַרטייאישע „פּופּציגער קאָמיטע" איז אויף דער פּלאַטפּאָרמע געזעסן און פּשוט'ע ארבעטער, וואָס ווייסן ניט וואָס איז אזוינס קאָמוניזם, האָבן דעם מאַסמיטינג אדרעסירט.

און דאָך:

ס'האָט געהערשט דער גייסט פון אַנטשלאָסענעם קאַמף געגן דער זיגמאַנשטשינע אין מעקא טעמפל.

דער פירער פון דער קאָמיטע האָט געוואָלט איינרעדן אי זיך, אי די פאַרזאַמלטע טויזנטער קלאָוקמאַכער, אַז מען קען מיט פּשרה־מאַכעריי איינשטעלן שלום אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, אָפּשטעלן דעם פאַרביטערטן „ברודער־קריג", וואָס די זיגמאַן מאַשין האָט אָנגעצונדן.

ווי באַלאַנסירנדיג אויף אַן אָנגעצויגענעם שטריקל, האָט ער זיך נעבעך, געמאַטערט איינצוהאַלטן דעם גלייכגעוויכט — ניט אַ האָר אויף לינקס און ניט אַ האָר אויף רעכטס...

עס איז אָבער געווען זייער אַ שווערע ארבעט — צו בלייבן אויף דער הויך פון „אומפּאַרטייאישקייט", און שטעלן צופרידן יענע „גוטע מענטשן", וואָס העלפן ארויס מאַטעריעל די „פּופּציגער קאָמיטע", זי זאָל קענען אָנגיין מיט איר ארבעט.

ווי ער האָט זיך נישט געמאַטערט און ווי ער האָט זיך ניט געהיט פון אַ שטאַרקן אויסדרוק — האָט זיך דאָך פון זיין אר־בעטער־האַרץ געריסן אַ וויי־געשריי:

— ווי ווערט מען פּטור פון זיגמאַנ'ען!

באַלד פלעגט ער זיך אָבער כאַפּן, אַז ער מוז זיך אָפּטרייסלען

פון די „קאָמוניסטן“, ניט מאַכן זיך טריף אין די אויגן פון „אַמע־ריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר“, צו ווּעמען מען דאַרף זיך דאָס ווענדן נאָך יושר... און ווידער פלעגט זיך אָנהויבן זיין מאַטער־ניש צו פאַרטײַשן די ברוטאַלע אַטאַקעס פון די לייבאָר־טשיפס פון דער פעדערײשאָן געגן די קלאָוקמאַכער יוניאָן און אַלע אַנ־דערע יוניאָנס, וואָס ווערן רואינירט מיט דער ברכה פון די גרינס, מעטיו וואָלס און מעקגריידיס.

די פאַרזאַמלטע מאַסן האָבן אים נישט געלאָזט, ער זאָל אַזוי — ניט־דיר, ניט־מיר — אָפּ׳פּטר׳ן: מען האָט אים געצוואונגען צוגעבן, אַז די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר האָט צוויי מאָסן פון יושר:

— ווּעלן מיר טאַקע פרעגן די אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר: וואָס האָסטו צו אונזערע אידישע יוניאָנס? פאַרוואָס האָלסטו זיי אין איין צוברעכן און רואינירן?...

— די אַמעריקאַן פעדערײשאָן איז, מעגלעך, פאַרפירט גע־וואָרן, זי ווייס אפשר ניט די אמת׳ע לאַגע... זי מיינט אפשר, אַז זיגמאַן באַקעמפט טאַקע בלויז קאָמוניסטן און דערפאַר — ...

דער פּשרה־מאַכער גייט אַוועק אַזוי ווייט, אַז ער הויבט אָן אויך דעם „פאָרווערטס“ פאַרענטפערן:

— ... עס איז מעגלעך, אַז אויך דער „פאָרווערטס“ איז אַראָפּגעפירט געוואָרן פון גלייכן וועג, אַז אויך ער ווייסט ניט די אמת׳ע לאַגע —

דאָ קאָן שוין דער גרויסער עולם ניט פאַרטראָגן די נאַרישע פּלאַפּלעריי, און עס דערטראָגן זיך פון צווישן די מאַסן אַרבע־טער פיינטלעכע אויסגעשרייען. אַ שפּאָטישער געלעכטער טראָגט זיך פון איין עק זאַל ביז׳ן צווייטן.

כאַפּט זיך דער רעדנער, אַז ער רעדט טאַקע נאַרישקייטן, אַז זיין פּשרה־מאַכעריי קען ניט מאַכן פון שוואַרץ ווייס — ער ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ שענדלעכע ראָלע האָט דער „פאָרווערטס“ גע־שפּילט און שפּילט ביז היינט־צו־טאָג אין רואינירן די אַרבעטער־פעסטונגען:

עס דערטראָגן זיך קולות:

— ווען נישט דער שוואַרץ־מאה׳דיגער „פאָרווערטס״, וואָלט דאָך זיגמאַן קיין איין טאָג נישט עקזיסטירט!

דער רעדנער בלייבט שטיין צומישט — וואָס קאָן ער ענטפערן אויף דעם? ער ווייסט דאָך, אז דאָס איז אמת, ער אליין, אַלס אַר־בעטער, לײדט דען ווייניגער פון אַלע אַנדערע פאַגראָמירטע? מען האָט דאָך אים אויך צוזאַמען מיט נאָך פינף און צוואַנציג אַר־בעטער ערשט די וואָך אַרויסגעוואָרפן פון שאַפּ פאַר נישט „רע־

דזשיסטרירן זיך״... צינדט זיך אָן זיין אַרבעטער־האַרץ און ער הויבט אָן צונאָגלען דעם הויפּט־פּאַגראָמשטשיק צום שאַנד־קלאָץ:

— . . . זיגמאַן אליין האָט דאָך געזאָגט אַמאָל: „אויב איך וועל מיט צוואַנג־מיטלען וועלן פאַרבלייבן פּרעזידענט אין דער אינטערנייישאָנאַל, זאָלן די מעמבערס אים פאַרשפּייען, ווי א נבלה״. דאָס איז שוואַרץ אויף ווייס פאַרפּראָטאָקלירט אין איינער פון זיי־נע רעדעס. דער פּראָטאָקאָל איז אונטערגעשריבן מיט זיין איי־גענער האַנט...

דער פירער פון דער „פּופּציגער קאָמיטע“ דערמאָנט זיך, אַז דער מיטינג איז דאָך גערופן געוואָרן איינצושטעלן „פרידן“ און ניט פאַרטזעצן דעם קאַמף, — הויבט ער ווידער אָן שאַפן אילו־זיעס:

— מיר האָבן געקראָגן אַ פּראָמינענטע פּערזענלעכקייט, וואָס וועט אַדרעסירן דעם מיטינג. ער איז אַ באַוואוסטער דאָקטאָר און אַ קאָנגרעסמאַן דערצו... ער וועט טאָן אַלץ, וואָס עס וועט נאָר זיין מעגלעך, אַז דער הויפּט־צוועק פון׳ם מיטינג — איינצו־שטעלן „שלום־בית“ אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן — זאָל דער־גרייכט ווערן —

געדולדיג האָט מען אויסגעהערט דעם דאָקטאָר׳ס גוואַלדיגע לויב־געזאַנגען דער אַמעריקאַנער „פרייהייט און גערעכטיגקייט“. אמת, אין דער מיט פון זיינע לויבגעזאַנגען דער „דזשאָסטים אָוו אַמעריקע“ האָט זיך אַ טראָג געטאָן פון דער ערשטער באַלקאָני אַ שטעכיגע פראַגע:

— און וואָס איז מכּת סאַקאָ און וואַנזעטי?!

די פראַגע איז ניט פאַרענטפערט געוואָרן און די „פּראָמינענ־טע פּערזענלעכקייט“ האָט פאַרטגעזעצט דעם „ספּיטש“. עס האָבן ניט אויסגעפעלט באַ אים אויך „רעוואָלוציאָנערע“ פראַזן, וואָס דער עולם האָט עס צוגענומען פאַר אַ ריינער מטבעה, און ניט איינמאָל האָט מען איבערגעריסן זיין רעדע מיט רוישיגע אַפּלאָ־דיסמענטן.

דער דאָקטאָר האָט זיך אָנגעשטעקט מיט׳ן גייסט פון די פאַר־זאַמלטע מאַסן. עס האָבן געגומען קנאַלן פון זיין מויל שאַרפע רייד וועגן פרייהייט און גערעכטיגקייט, וועגן אַרבעט און קאַפּי־טאַל, אַז אַרבעט איז דער הויפּט־פונדאַמענט פון דער געזעלשאַפט און די אַרבעטער־מאַסן זיינען מער פון אַלע אַנדערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג באַרעכטיגט אויף יושר און גערעכטיגקייט.

— ער רעדט דאָך כמעט צו דער זאַך! — טוט אַ שעפּטשע אימיצער הינטער מיינע פּלייצעס.

דער דאָקטאָר איז אַלץ דרייסטער געוואָרן און ווי צוטרעטנדיג שוין צו זיין „מיסיע“, אַלס רעטער, האָט ער באַפעלן:

— זאָלן אויפשטיין אַלע די, וואָס באַלאַנגען צו דער קלאָוק־מאַכער יוניאָן!

דער גאַנצער פּילטוויזנט־קעפּיגער עולם האָט זיך אַ הויב־געטאָן פון די ערטער.

— זיינען דאָ אַלע מעמבערס פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן?

— יעס! — האָט זיך אַ טראָג־געטאָן אין אַלגעמיינער ענטפער.

— און איצט זאָלן אויפשטיין די יעניגע, וואָס באַלאַנגען צו דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי!

עס האָבן זיך אַ הויב געטאָן אַ פיר־פינף צענדליג מענטשן.

— דאָס גאָר? — האָט דער דאָקטאָר פאַרוואונדערט אָנגעקוקט. ער האָט זיך באַלד אַ קער־געטאָן צו די רעפּאָרטערס, וואָס זיינען געזעסן בײַ דעם פּרעס־טיש און געזאָגט:

— איך מאַך אויפמערקזאַם די פאָרשטייער פון דער פּרעסע, אַז צווישן דעם גרויסן פאַרזאַמלטן עולם קלאָוקמאַכער האָבן זיך געפונען בלויז עטלעכע צענדליג קאָמוניסטן. דאָס דאַרף וויסן די עפנטלעכע מיינונג פון אַמעריקע און די אַמעריקאַן פעדריישאָן אָוו לייבאָר. די גרויסע מאַיאָריטעט פון דער יוניאָן זיינען געוויינלעכע האָרעפּשאַניקעס, וואָס ווילן בלויז איין זאַך: דאָס רעכט צו האָבן פירער און באַאַמטע אין דער יוניאָן, וועמען זיי גלויבן! די פרייע אַמעריקע מוז דאָס דאָזיגע רעכט זיי געבן!

* * *

עס האָבן אַרויסגעטראָטן אַרבעטער פון די פאַרזאַמלטע און דאָ האָבן גענומען קלינגען אמת'ע פאַרבלוטיגטע ווערטער.

אַן אַלטער מאַן, מיט'ן נאָמען דזש. קאָהען, האָט מיט זיין רעדע אויפגעשטורמט דעם גאַנצן עולם. דער גרונד־געדאַנק פון זיין שטאַרקער רעדע איז געווען:

— „זיגמאַן מאַכט גאָו!“

דאָס איז אויך געווען דער באַשלוס פון דעם פיר־טויזנט־קעפּיגן עולם אין מעקא טעמפּל.

די פרייד פון קאַמף

שווער איז יעדער קאַמף, גרויס זיינען די ליידן פון די קעמפענדיגע מאַסן און נאָך מער פון די, וואָס שטייען אין די פאָדערשטע רייען, וואָס שטעלן אונטער זייער ברוסט פאַר די ערשטע פיילן פון׳ם שונא.

פאַרפאָלגונגען, טורמע, הונגער, נויט פון פרוי און קינדער — דאָס איז דער דאָרנדיגער וועג פון דעם קעמפער. דערפאַר אָבער — וואָס שווערער דער קאַמף און וואָס גרעסער עס זיינען די ליידן, אַלץ גרעסער איז די פרייד אין מאָמענטן פון דערלייכטערונג!

אַזא גרויסע פרייד פון קאַמף איז געווען דער קבלת־פּנים פאַר די באַפרייטע קעמפער־קלאָוקמאַכער.

*   *   *

לעבן טישל, וואו איך האָב פאַרנומען מיין פּלאַץ, זיינען זיך צופעליג צונויפגעקומען די פריילאַכסטע יאַטן. שוין באַלד פון אָנפאַנג האָב איך באַמערקט, אַז זיי, די יאַטן, האַלטן זיך אין איין סוד׳ען.

ווי עס האָט זיך ארויסגעוויזן, האָבן זיי דאָס געהאַלטן אין אויסאַרבעטן א סיסטעמאַטישן פּלאַן, ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען דעם קבלת־פּנים אין א קוואַל פון פרייד, פון ברויזנדיגער לוסטיגקייט.

דער הויפּט־אָנפירער איז געווען דער באַקאַנטער וויצן־טרייבער אונזערער, אָנקל סעם. אין פולן קאָנטאַקט מיט אים האָבן געאַרבעט נאָך א דריי־פיר יאַטן. זייערע אויגן האָבן געברענט פון אויסאַרבעטן דעם פּלאַן פון „טריקס“...

דער טעלער־געקלאַפּ און מעסער־גאָפּל־געקלאַנג האָט זיך שוין געטראָגן איבער׳ן גאַנצן זאַל בא די געגרייטע טישן.

די יאַטן טוען זיך אַ שושקע און מ'באַשליסט:

— מ'דאַרף זיך נעמען צו דער אַרבעט!

אינמיטן דעם עסן און טרינקען, טוען זיך די יאַטן אַ הויב־אויף און מיט קרעפטיגע שטימען טוען זיי אַ קנאַל:

— שטייט־אויף אירע אַלע, ווער... ווי... שקלאַפן...

מיט די גאָפּל אין די הענט, מיט די ביסנס אין מויל האָט זיך דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־עולם אַ הויב־געטאָן פון די ערטער, אונטערגעכאַפּט דעם הימן...

די שוואַרצע אייגעלעך בלישטשען ווי דימענטלעך, די ברייטע לאָקנס ביי אָנקל סעם'ען הייבן אַראָפּ איבער דעם פאַרשוויצטן שטערן. זיי גייען אָן מיט זייער אַרבעט — זיי סוד'ן זיך ווידער — און מ'באַשליסט:

— קיינע רעדעס... אויס רעדעס. זאָל זיין דער לאָזונג — ניט „גענודיעט!" אויב דאַרטן אויבן־אָן וועט זיך באַווייזן אַ טאָסט־מייסטער, דאַרפן מיר ווייסן וואָס צו טאָן...

דאָס ווייטערדיגע פון זייער שמועס הער איך ניט, נאָר די פּנים'ער זייערע זאָגן, אַז דער פּלאַן איז שוין פאַרטיג.

ביים דריטן געריכט הויבט זיך אויף אויבן־אָן איינער פון די פּערזענלעכע פריינט פון די באַפרייטע פּריזאָנערס, ער טוט אַ קלאַפּ אין טיש:

— חברים, ברידער און שוועסטער!...

ווי ער רעדט נאָר אַרויס די עטלעכע ווערטער, טוען די יאַטן ביים טיש אַ דונער אַ פּריילעך לידל. די נאָענטע טישן כאַפּן עס אונטער. דער „טאָסט־מייסטער" בלייבט שטיין. איינער פון דער אָרדנונג־קאָמיטע, אַ פּינקטלעכער חבר, וויל טאָן זיין פליכט:

— ווער מאַכט דאָרטן אין דער בעק אַ טומל?

— דאָס פאָלק זיצט דאָ! — ענטפערן די יאַטן אין איין קול. עס ברעכט אויס אַ געלעכטער.

— אַ פאָרשלאָג, חבר טאָסטמייסטער! אַ פאָרשלאָג!

— וואָס פאַר אַ פאָרשלאָג?

— דאָס פאָלק האָט דאָ באַשלאָסן: קיין שום טאָסט־מייסטערס און קיין שום רעדעס; מ'זאָל זיך בלויז משמח זיין!

עס טוט אַ קנאַל אַן׳אַלגעמיינער אַפּלאָז. די לוסטיגקייט צע־גיסט זיך איבער׳ן גאַנצן זאַל מיט געזאַנג און מיט פרײדיגן גע־לעכטער. דער טאָסטמייסטער לאָזט זיך אַראָפּ אויף זיין אָרט. וואָס קאָן ער דאָ מאַכן? מ׳באַדאַנקט אים מיט רוישיגע אַפּלאָ־דיסמענטן.

די חברה־יאַטן זיינען ממש אַנטציקט פון זייער זיג. די שוואַר־צע אויגעלעך מיט׳ן ברייטן לאָקן סוד׳ען זיך שוין ווידער און מ׳באַשליסט:

— נו, אַלע צוזאַמען, הויבט אָן: „היימאַן זאָל זינגען" — גיבן זיי אַ באַפעל צו אַלעמען ביי אונזער טישל.

— זאָל היימאַן זינגען! — קנאַלט דער טיש.

דער איינפאַל געפינט אָן אָפּקלאַנג ביי די אַנדערע טישן, און עס שטורעמט שוין פון אַלע זייטן, אין איין קול:

— זאָל היימאַן זינגען! זאָל היימאַן זינגען!

דאָרטן אויבן־אָן ווערט רירעוודיג. מ׳בעט זיך ביי היימאַנ׳ען, ער זאָל טאַקע זינגען, אָבער עס העלפט ניט.

— ער קאָן דען זינגען? — פרעג איך ביי איינעם פון די יאַטן.

— וואָס איז דאָ צו קענען? מיט וואָס איז זינגען שווערער פון האַלטן אַ רעדע?

עס געלינגט זיי אָבער ניט צו פאַרוואַנדלען דעם הויפּט־רעד־נער אין אַ הויפּט־זינגער...

ביי די טישלעך זינגט מען שוין אַלערליי פאָלקסלידער.

* * *

פון די רעדעס האָט מען זיך פאָרט ניט אַרויסגעדרייט.

ווידער איז דער טאָסטמייסטער פון זיין אָרט אויפגעשטאַנען און שוין מיט אַן ערנסטן טאָן אויפגעפאָדערט דעם עולם, מ׳זאָל זיך האַלטן אין אָרדנונג, „איבערהויפּט דאָרטן אין דער בעק"...

מיט אַ ברייטער פאָררעדע האָט ער גענומען פאָרשטעלן דעם ערשטן רעדנער.

— קורצערע פאָררעדעס, חבר טאָסטמייסטער! און ווער פון די רעדנער וועט רעדן לייגנער ווי פינף מינוט, וועלן מיר אים

בעטן זיך זעצן! דאָס איז די פאָדערונג פון פאָלק דאָ אין דער „בעק" !...

פון דעם טאָסטמייסטער׳ס פאָררעדעס, וואָס האָבן זיך אָנ־שטאט פאַרקירצן נאָך מער פאַרלייגנגערט, האָט מען געקאָנט לייכט אָנשטויסן זיך, ווער עס וועט רעדן. דאָס האָט די פריילעכע קאָמפּאַניע ביי אונזער טישל אויסגענוצט אויף אַ קינסטלערישן אופן. יעדער רעדנער איז באַגעגנט געוואָרן מיט אַ באַזונדער לידל, וואָס דער אינהאַלט און דער מאָטיוו האָט אמבעסטן אויסגעטייטשט ווער איז דער רעדנער.

אזוי, למשל, ווען דער טאָסטמאַסטער האָט פאַרענדיגט זיין פאָררעדע פאַרשטעלנדיג צום וואָרט דעם פירער פון דזשאָינט באָארד, האָט דער טיש באַלד אַ קנאַל געטאָן :

— „העי אוכ־ניעם... יעשטשאָ ראַ־זאָק... העי דא אוכנעם...

אז מ׳האָט די פריזאָנערס צום וואָרט אויפגערופן, האָבן די יאַטן אונזערע זיי באַגעגנט מיט׳ן געזאַנג פונ׳ם „אינטערנאַציאָ־נאַל" און „אַלע אינאיינעם אַ ליד וועלן מיר זינגען"...

קיין רעדעס האָט דער עולם טאַקע ניט געוואָלט, נאָר אייניגע פון די רעדעס זיינען געווען אזוי קרעפטיג און גלענצענד, אז מ׳איז ממש געווען פאַרכאַפּט.

די פרייד פון קאַמף איז אָנגעגאַנגען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

די שטימע פון אַרבעטער־פאָלק

פון די טיפענישן פון די רענק און פיילער האָט זיך ארויסגע־ריסן א זודיגער שטראָם. זעכציג טויזנט ארבעטער פאַמיליעס ליי־דען גרוים נויט שוין א יאָר צייט און אלץ אַ דאַנק דער זעלבער קליינער גרופּע פאַרברעכערישע עלעמענטן, מיט מאָרים זיגמאַנ׳ען אין דער שפּיץ.

אין דער פאָרם פון א „פּופּציגער קאָמיטע" האָט זיך דער שטראָם באַוויזן מיט א חדשים ניין צוריק, און די גאַנצע צייט האָט די קאָמיטע געבלאָנדזשעט אין דער פינסטער, באַנוצנדיג אַ ניט־קלאָרע שפּראַך, פאַרשלייערט אין אַ געדיכטן נעפּל...

דער מעקא־טעמפּל מיטינג, וואָס די „פּופּציגער קאָמיטע" האָט פאַררופן אין נאָוועמבער, האָט די אנוועזנדע טויזנטער ארבעטער קיין אויסוועג ניט אָנגעוויזן.

אמת, אויך דאמאלסט איז דער מיטינג דורכגעפירט געוואָרן אונטער דעם הויפּט־לאָזונג:

— זיגמאַן מאָסט גאָו!

דאָס איז אָבער געגאַנגען ניט פון דער „פּופּציגער קאָמיטע", נאָר פון די מאַסן רענק און פיילער, וואָס האָבן זייער שאַרפן וואָרט דאמאלסט פון דער פּלאַטפאָרמע ארויסגעזאָגט. די פירער פון דער קאָמיטע האָבן דאמאלסט געוואָלט פאַרטוישן מיט אלע מעגלעכקייטן דאָס, וואָס פאַר אַלעמען איז קלאָר; זיי האָבן געהאַט מורא אָנ־צורופן מיט׳ן נאָמען די אמת־שולדיגע אין דעם פאַגראָם. לשם „אומפּאַרטייאישקייט" איז מען געווען גרייט אפילו דעם „פאַר־ווערטס" ריינוואַשן, אפילו די קאָרופּטע טשיפּס פון אמעראַקאַן פע־דערייישאָן אָוו לייבאָר פאַרשטעלן ווי „אומשולדיגע בתולות"...

די גרויזאַמעווירקלעכקייט האָט אָבער געטריבן די „פּופּציגער קאָמיטע" צו קלאָרערע דבורים, צו א מער דרייסטער שטעלונג.

דאָס האָט זיך אין דער גאַנצער ברייט און טיף אַנטפּלעקט אויף דער צוויי־טאָגיגער קאָנפערענץ פון שאַפּ־פּארטרעטער, וואָס איז געווען פארהופן פון דער זעלבער „פופציגער קאָמיטע“.

פערצן הונדערט שאַפּ־פארטרעטער, וואָס האָבן מיט זיך פאָר־געשטעלט נאָענט צו זעקס הונדערט שעפּער, זיינען געקומען אויפ’ן רוף פון דער „פופציגער קאָמיטע“.

שוין לאַנג־לאַנג האָט זיך ניט געפילט אזא געהויבענע שטי־מונג אין די רייען פון די דערשלאָגענע, אויסגעהונגערטע און טע־ראָריזירטע קלאָוקמאכער. דער גרויסער פארזאמלונג־פּלאַץ האָט ווידער דערזען ביי זיך א מוטיגן עולם ארבעטער, וואָס איז גרייט צו א באַנייטן קאַמף געגן די צושטערער און צוברעכער פון דער ארבעטער־פעסטונג.

מיט א שטארקן דרייסטן קול לייענט פאָר דער פאָרזיצער פון דער קאָמיטע זיין איינלייטונג־רעדע צו דער קאָנפערענץ.

דוקא דאָס, וואָס ער לייענט פאָר זיין רעדע, מאכט א גרויסן איינדרוק: א מענטש פון פאָלק, אן ארבעטער פון שאָפּ, ניט קיין געניטער רעדנער, לייענט פאָר אָט דעם גרויזאַמען באַשולדיגונגס־אקט געגן דער זיגמאַן־פּאָגראָם־פירערשאַפט אין דער אינטערנעי־שאָנאַל.

יעדע שורה, יעדעס וואָרט האמערט אין דער לופטן און עס הילכן אָפּ פון ציט צו צייט דונערדיגע האַנט־קלאַפּערייען פון דעם איבערגעפילטן זאַל:

— . . . האָבן מיר אויסגעקליבן א קאָמיטע פון אונזער „פופ־ציגער קאָמיטע“ און מיר זיינען אוועק צו דער אינטערנעישאָנאַל אויפפאָדערן, אז דער בלוטיגער ברודער־קריג זאָל אָפּגעשטעלט ווערן. מיר האָבן געזאָגט צו זיגמאַנ’ען: די יוניאָן ווערט דאָך רואינירט!

האָט אונז זיגמאַן געענטפערט: די יוניאָן איז שוין סיי ווי רואינירט, ניטאָ וואָס צו ראַטעווען, און איך נויטיג זיך ניט אין אייערע עצות! איך וויים, וואָס איך טו! איר זענט אַלע קאָמוניסטן. רעדזשיסטרירט זיך און — דאַצאָל!...

מען האָט די שליחים פון דער „פופציגער קאָמיטע“ ארויס־געוואָרפן פון דעם אינטערנייישאַנאַל אָפיס.

דאָס איז געווען דער קורצער זין פון דעם לאַנגן קרעפטיגן באַריכט, וואָס איז געווען די איינלייטונג־רעדע, צו דער קאָנפערענץ.

א הייסער שטראָם פון בלוטיגע ווערטער האָט זיך א טראָג־געטאָן.

— . . . אָט! איצט הערן מיר פון דער „פופציגער קאָמיטע“ קלאָרע דיבורים! איצט זעען מיר, אז זי גייט אויפ׳ן ריכטיגן וועג!

— . . . א צעקראַכענע פאָליסי האָט די „פופציגער קאָמיטע“ די גאַנצע צייט געפירט: זי האָט געוואָלט שטיין מיט איין פוס אין דער „פרייהייט“ און מיט דער צווייטער אין „פאָרווערטס“. . .

עס ברעכט אוים אַן אַלגעמיינער געלעכטער.

די פאָרשטייער פון דער קאָמיטע שמייכלען אויך.

— . . . אזא צעקוואַטשעטע שטעלונג האָט ווייניג וואָס גע־קאַנט העלפן. איצט זעען מיר, אז די „פופציגער קאָמיטע“ הויבט אָן גיין אויף דעם ריכטיגן וועג! אויב אָט דעם וועג וועט די „פופציגער קאָמיטע“ אָנהאַלטן, וועלן מיר זי שטיצן מיט אַלע אונזערע קרעפטן!

איז אַרויף א צווייטער, א דריטער, א פערטער פאָרשטייער פון די שעפּער. און אַלע, ווי איינער:

— . . . מיר באַגריסן די פופציגער קאָמיטע, וואָס זי האָט זיך ענדלעך באַפרייט פון די אילוזיעס — מאַכן שלום מיט זיג־מאַנ׳ען! מיט זיגמאַנ׳ען קאָן קיין שלום ניט זיין! טראַכט זיך נאָר אריין, ברידער און שוועסטער, וואָס עס קומט פאָר. זעכציק טויזנט קלאָוק־ און דרעסמאַכער ווערן פּאָגראָמירט, פאַראָרימט, זייערע ווייב־ און קינדער ליידן נויט און הונגער — און דורך וועמען? דורך א הייפעלע אויסוואורפן מיט א הויפּט־פּאָגראָמ־שטשיק אין דער שפּיץ! ווי לאַנג וועלן מיר אָבער בלויז רעדן? לאָמיר עפּעס טאָן! ווען מיר זאָלן אַלע ווי איין מענטש נאָר וועלן, קאָנען מיר דאָך אין איין האַלבע שעה ארונטערשליידערן אָט־די צעפוילטע מאַשין, אָט־די באַנדע אונטערדריקער! און עס וואָלט שוין לאַנג גענומען א סוף צום פּאָגראָם. טאָ לאָמיר אויפהערן

האַלטן רעדעס. לאָמיר זיך נעמען פאַר דער ארבעט! אַ סוף זאָל נעמען צום פּאָגראָם! נידער מיט דער עקלהאַפטער ברוטאַלער זיגמאַנשטשינע!

— . . . ברידער און שוועסטער, אונזער גורל ליגט אין אונזערע אייגענע הענט! אַלע ווי איינער, לאָמיר זיך אַ נעם טאָן: מיר ווילן מער ניט קיין ארויפגעצוואונגענע הערשאַפט! מיר קאָנען דאָך אָפּשטעלן די גאַנצע ארבעט אין דער טרייד! די באַלעבאַטים קאָנען דאָך קיין קלאָוקס און קיין דרעסעס ניט מאַכן און זיי וועלן דאָך זיך מוזן רעכענען מיט אונז!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ נייער שטראָם פון דערמוטיגונג האָט ארומגעכאַפּט די פערצן הונדערט שאָפּ־פּאַרשטייער פון זעקס הונדערט שעפּער, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די גרעסטע, די לעבעדיגסטע טייל פון דער גרויסער יוניאָן־מיטגלידערשאַפט פון דער קלאָוק־ און דרעסמאַכער יוניאָן.

אויסאַרבעטן די פּלענער האָט מען אריבערגעטראָגן אויפ׳ן צווייטן טאָג פון דער קאָנפערענץ.

* * *

אויפ׳ן ערשטן טאָג פון דער קאָנפערענץ איז פּלוצלונג אָנגעלאָפן אַ שוואַרץ וואָלקנדל. אין סאַמע ברען פון דערמוטיגונג איז ארויף אויף דער פּלאַטפאָרמע איינער פון די פערצן הונדערט שאָפּ־פּאַרטרעטער און האָט אַזוי געזאָגט:

—איך שרייב זיך אונטער מיט ביידע הענט, וואָס דער פאָרזיצער פון דער „פּופּציגער קאָמיטע“ האָט דאָ אונז פאָרגעלעזן. איך וויל אָבער עס זאָל קלאָר ווערן איין זאַך: דער איניציאַטאָר פון דער „פּופּציגער קאָמיטע“ האָט אין דער פּרעסע געגעבן אָנצוהערעניש, אַז הינטער דער „פּופּציגער קאָמיטע“ שטייט אַ פּערזאָן, וואָס איז גוט באַוואוסט אין דער אידישער יוניאָן־באַוועגונג, און אַז ער איז גרייט ארויסצוהעלפן — אָפּשטעלן דעם ברודערקריג און מאַכן שלום אין אונזער יוניאָן. פרעג איך: ווער איז אָט־די פּערזאָן, וואָס די „פּופּציגער קאָמיטע“ לייגט אויף אים אַזוי פיל האָפענונג? זאָל מען אים אָנרופן מיט׳ן נאָמען — —

די דאָזיגע ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען, ווי א דונער... אַלע האָבן זיך צוגעהערט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם, עס האָט זיך גע־פילט, אז די דאָזיגע פראַגע ליגט ביי יעדן איינעם אויף די ליפּן...

אין גרויס פאַרלעגנהייט איז געשטאַנען דער „פירער" פון דער „פּופּציגער קאָמיטע" אויף דער פּלאַטפאָרמע:

— ... מ'האָט מיר דאָ געשטעלט א גערעכטע פראַגע. אויף דער פראַגע מוז געגעבן ווערן א קלאָרער ענטפער... איך וועל דעם ענטפער געבן. מיר דוכט אָבער, אז לטובת דער גרויסער אַרבעט, וואָס אונז שטייט פאַר אָפּצוטאָן אויף דער קאָנפערענץ, וואָלט זיין ראַטזאַמער, אז מ'זאָל מיר דערלויבן געבן דעם ענטפער ניט איצט, נאָר צום סוף פון דער קאָנפערענץ...

דער מאָמענט איז געווען א שפּאַנענדער. אינסטינקטיוו, האָט דער פאַרזאַמלטער עולם געפילט, אז פון דעם ענטפער הייננגט אָפּ די זיכערקייט און די ווייטערדיגע אַרבעט פון דער קאָנפערענץ... אַפילו די יעניגע, וואָס האָבן זיך אָנגעשטויסן, ווער די „פּערזאָן" איז, זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם, אז דער ענטפער זאָל אָפּגע־לייגט ווערן צום סוף...

* * *

ווי דער ערשטער טאָג, אַזוי אויך דער צווייטער טאָג פון דער קאָנפערענץ איז דורכגעגאַנגען אין א פיבערהאַפטער טעטיגקייט. אין דער צייט, ווען די רעזאָלוציע־קאָמיטע איז געזעסן שעה'ען־לאַנג אין א באַזונדערן צימער, אויסאַרבעטנדיג אַלע רעזאָלוציעס, וואָס דאַרפן אָנצייכענען די פּלענער און ווירקזאַמע מיטלען, ווי אַזוי אָפּצושטעלן דעם ברודער־קריג, — זיינען אין דעם איבערגע־פּאַקטן זאַל אָנגעגאַנגען די אַרויסטרעטונגען פון די שאָפּ־פּאַרטרע־טער, וואָס האָבן מיט שאַרפע ווערטער געשילדערט דעם טרויעריגן צושטאַנד אין דער יוניאָן.

— ... זיגמאַן וויל איינרעדן די וועלט, אז ער באַקעמפט בלויז „קאָמוניסטן". אויב אַזוי, טאָ פאַר וואָס האָט ער מיך אַרויסגע־וואָרפן פון שאָפּ? ער ווייסט דאָך, אז איך בין ניט קיין קאָמוניסט! איך שטיי פאַר א שטאַרקע, גערעכטע יוניאָן, וואָס זאָל דינען די אינטערעסן פון די אַרבעטער און ניט די אינטערעסן פון די באַלע־

באטים. אויב דאס הייסט זיין לינק, בין איך א לינקער! אויב דאס הייסט זיין א קאמוניסט — בין איך א קאמוניסט!

— . . . איך בין זיך מודה, זאגט א צווייטער: איך האב גע־גלויבט, אז זיגמאן איז ניט קיין פאררעטער. אז ער וויל באמת פירן די יוניאן לטובת דער מיטגלידערשאפט. דרייצן טעג האב איך אין אים געגלויבט!

עס ברעכט אוים א געלעכטער.

א קול דערטראגט זיך פון צווישן די שאפ־ארבעטער:

— צו לאנג האט איר אין אים געגלויבט!

— . . . ווען איך האב אבער דערזען, אז דער זיגמאן האט זיך גענומען פארבינדן מיט די באלעבאטים, מיט די גענגסטער, מיט דער גאנצער אונטערוועלט; אז ביי אים איז רעכט געווען צו צעברעכן די יוניאן, אבי בלייבן דער הערשער, — האב איך זיך אפגעטרייסלט פון אים און זאג: אונטער אלע אומשטענדן מוז די זיגמאנשטשינע אויסגעראטן ווערן פון אונזער יוניאן!

— . . .זיגמאן ווארפט פון דער יוניאן יעדן ארנטלעכן באַ־וואוסטזיניגן ארבעטער! ווער עס איז געגן אים — איז שוין דער־מיט אליין א קאמוניסט.

זיגמאן איז דער שולדיגער אין אלע אונזערע איצטיגע צרות און לײדן! ער האט פארקויפט אונזער יוניאן צו די באלעבאטים! א דאנק אים גייט אן דער בלוטיגער ברודער־קריג, — דארף זיך די „פופציגער קאמיטע" פאראייניגן מיט'ן לינקן דזשאינט באארד און צוזאמען מיט אונז, מיט דער גאנצער מיטגלידערשאפט אויס־ראטן די זיגמאנשטשינע פון אונזער יוניאן!

* * *

די רעזאלוציע־קאמיטע איז אריינגעקומען מיט די אויסגעאר־בעטע רעזאלוציעס:—דער פארזיצער פון דער קאמיטע באריכטעט:

— שווער איז אונז אנגעקומען צו פארפאסן די רעזאלוציעס. די „פופציגער קאמיטע" האט גענומען אויף זיך די אויפגאבע אפ־צושטעלן דעם ברודער־קריג; דעריבער האבן מיר זיך באדארפט היטן מיט אווארט, ניט אנרירן קיינעם מיט א ניט־געלונגענעם אויסדרוק — — —

ביים פאַרלעזן די רעזאָלוציעס האָט מען ערשט געקאָנט זען, ווי באַוואוסטזיניג איז די קלאָוקמאַכער־מיטגלידערשאַפט. יעדער פּאַראַגראַף, יעדער שורה האָט ארויסגערופן לאַנג־דויערנדיגע דע־באַטן, און איז גוטנגעהייסן געוואָרן נאָך א לעבעדיגן מיינונג־אויס־טויש, נאָך א גרינטלעכער אויסבעסערונג.

ווען די רעזאָלוציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן און די קאָנ־פערענץ האָט זיך שוין באַדאַרפט שליסן, איז ערשט געקומען דער דראַמאַטישסטער מאָמענט: דאָס איז געווען דער ענטפער פון דעם „פירער" פון דער „פופציגער קאָמיטע" אויף דער פראַגע:

— „ווער איז יענע פערזאָן", וואָס אויף אים ליגט די „פופ־ציגער קאָמיטע" אזויפיל האָפענונגען?

מיט א לאַנגער הקדמה איז צוגעטראָטן דער פּשרה־מאַכער „ברודער שעלי" צו זיין ענטפער. מ'האָט געזען, אז ער מאַטערט זיך אויפ'ן טויט און האָט מורא פאַרצובריינגען דעם נאָמען... ענדלעך, האָט ער דעם טרפה'נעם נאָמען ארויסגערעדט:

— ש ל ע ז י נ ג ע ר...

ס'האָט אויסגעבראָכן א שטורם פון פּראָטעסט. דער גרויסער עולם איז פון די ערטער אויפגעשפרונגען. עס האָבן זיך פויסטן געהויבן. קללות האָבן די לופט אָנגעפילט.

דער „פּשרה־מאַכער" איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע ווי אנ'אָפּגעשמיסענער, א פאַרלאָרענער...

דער צאָרן פון די אויפגעברויזטע מאַסן איז געשטילט גע־וואָרן מיט דעם, וואָס דער פאָרשטייער פונ'ם דזשאָינט באָארד האָט באַמערקט:

— דאָס איז דאָך בלויז א מיינונג פון איין מענטשן — ניטאָ וואָס צו קאָכן זיך... מאַלע וואָס אימיצן וועט איינפאַלן א משוגעת...

די צוויי־טאָגיגע קאָנפערענץ האָט באַוויזן די פאַר'עקשנ'טע שונאים, און די, וואָס פּרובירן זיצן אויף צוויי שטולן, אז קיי־נעם וועט ניט געלונגען אריינשלעפּן די קלאָוק־ און דרעסמאַכער אין א נייעם זומפּ...

דער חורבן

איך בין געזעסן אויפ'ן מיטינג אין סטייוועסאַנט קאַסינאָ, וואָס איז געווען קאָפּ־אויף־קאָפּ באַזעצט מיט אַקטיווע קלאָוק און דרעסמאַכער; האָב זיך איינגעהערט אין דעם לאַנגן באַריכט פון דעם דזשאָינט באָארד וועגן דעם חורבן אין דער נאָדל־אינדוסטריע אַ דאַנק דער זיגמאַנשטשינע. מיין בליק איז געפאַלן אויף אַ קלאָוקמאַכער אין די מיטעלע יאָרן, וואָס איז געזעסן איינגעהוי־



קערט, ניט ווייט פון מיר. אין זיין טרויעריגן געשטאַלט האָב איך געזען די גרויסע מאַסע קלאָוקמאַכער, אויסגעמאַטערטע און דער־שלאָגענע. זיינע שטאַרק־אָפּגענוצטע בגדים, דער ברודיגער קאָל־

נערל האָבן נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם אָפּגעצערטן געזיכט; אין די טיפע קנייטשן אויף זיין שטערן, אין די איינגעפאַלענע אויגן איז געווען פאַרגליווערט א טיפער טרויער. באַ יעדן זאַץ פון באַריכט האָט ער צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ — פונקט, ווי דאָס זאָלן זיין זיינע ווערטער, זיינע געדאַנקען. פון צייט צו צייט — דאָרט וואו עס האָט זיך גערעדט וועגן זיגמאַנ'ס פאָרגאָרם־מעשים — האָט ער צוגעקרעכצט:

— אה... ימח שמו וזכרו!

— . . . ווען אפילו דער סעזאָן זאָל זיין א גוטער, איז צו דערוואַרטן, אז עס וועלן זיין א סך אַרבעטסלאָזע, ווייל די יוניאָן־באַדינגונגען עקזיסטירן שוין מער ניט אין דע שעפּער: מ'אַרבעט אַלע זיבן טאָג און שטונדן וויפיל מ'קאַן...

באַ די ווערטער לאָזט מיין שכן אַראָפּ נידעריג דעם קאָפּ, ווי דאָס זאָל האָבן א דירעקטע שייכות צו אים פּערזענלאַך: ער וועט געווים פאַרבלייבן צווישן די אַרבעטסלאָזע, אפילו ווען דער סעזאָן וועט זיך שוין אָנהויבן...

אז דער באַריכט־אָפּגעבער הויבט אָן שילדערן די מחלוקת און רייסערייען אין זיגמאַנ'ס לאַגער, — ווערן אויפגעשטראַלט די אויגן ביי מיין דערשלאָגענעם שכן־ דעם קלאָוקמאַכער: ער גלייכט זיך אויס אויפ'ן שטול און שלינגט, שלינגט די ווערטער:

— . . . אין דעם שונא'ס לאַגער איז גרויסע צרות. דאָרטן קעמפן צווישן זיך אַלערליי גרופּירונגען. זיגמאַן איז אַרומגעריגגלט מיט פיינט אין זיין אייגענעם „אינטערניישאָנאַל". פאַראַן פּרעטענדענטן אויף זיין פּרעזידענט־„טראָן". דער שטאַרקסטער קאָנקורענט זיינער איז ברעסלאוו, וואָס האַלט שוין אין זיינע הענט דעם גאַנצן רודער. כל זמן מ'האָט געהאָפט אויסראָטן די לינקע, די „קאָמוניסטלעך", איז מען געווען פאַראייניגט. האָט מען אָבער נאָך לאַנגע חדשים מסירה, פאַרראַט, גיינגסטעריזם ענדלעך איינגעזען, אז „אויסראָטן די לינקע" הייסט — פאַרניכטן די יוניאָן —

— אהאַ! — רייסט זיך אַרויס באַ מיין שכן.

— . . . זיינען זיגמאַנס אַרויסהעלפער געקומען צום געדאַנק,

אַז מ׳דאַרף שליסן שלום מיט די לינקע, אַז אָן די לינקע קאָן מען קיין יוניאָן ניט אויפבויען. אָבער זיגמאַן האָט ניט וואָס אָנצור־ווערן: ער ווייסט, אַז ער איז שוין טויט פאַר דער יוניאָן, דערי־בער וויל ער, אַז דער קאַמף זאָל דויערן וואָס לייַנגער...

— אָט אַ באַנדיט! — ברומט מיין קלאָוקמאַכער.

— . . . דער דאָזיגער צושטאַנד פון צעפוילונג אין זיגמאַנ׳ס לאַגער איז פאַר אונז אַ דערפרייענדע דערשיינונג! ווען צוויי אר־מייען שטייען אין קאַמף און אין די רייען פון איינער הויבן זיך אָן בונטן, איז דאָס פאַר דער צווייטער אַרמיי אַ געווינס. זיגמאַנ׳ען אַרט ניט, אַז די יוניאָן וועט אינגאַנצן פאַרניכטעט ווערן — ער האָט ניט וואָס אָנצואָווערן. דאָס אַרט אָבער זיינע געגנער, וואָס האָבן אויסזיכטן צו געוועלטיגן אין דער יוניאָן... ווילן זיי ניט דערלאָזן צו אַ פולשטענדיגן פּאָגראָם, ווייזן זיי אַרויס אַ נייגונג צו געפינען אַן אויסוועג. רייסט מען זיך. דאָס איז אַ גוטער סימן: דער שונא איז געבראָכן, צעשפּאָלטן. דאָס מיינט נאָך ניט, אַז ס׳וועט אַזוי גיך נעמען אַ סוף צו די איבלען אין דער טרייד: ס׳איז גרינג פאַר זיגמאַנ׳ען צו צעברעכן אַ יוניאָן, נאָר ניט אַזוי גרינג איז צוריק אויפבויען. מיר וואָרענען די, וואָס האָבן זיך רעגיסטרירט: זאָלן זיי זיך ניט לאָזן איינשמועסן, אַז זיגמאַן מיט זיינע געפּייקטע „אָרגאַניזיישאָן דרייווס“ וועט איינשטעלן יוניאָן־באַדינגונגען אין די שעפּער. פאַרקערט, זיגמאַן האַלט אין אָנפירן זיין פּאָגראָם אר־בעט — —

דער רעדנער אילוסטרירט מיט אַ גאַנצער רייע פאַקטן, ווי מ׳וואַרפט נאָך היינט צו טאָג די ניט־רעגיסטרירטע פון די שעפּער, ווי מ׳פירט איין שטיק־אַרבעט מיט דער הילף פון זיגמאַנ׳ען:

— . . . די אַקטיווע דרעסמאַכער דאַרפן וויסן, וואָס מיינען די קלאַנגען וועגן אַ סטרייק אין די דרעס־שעפּער, וואָס זיגמאַן פּלאַנעוועט כלומר׳שט. דאָס איז בלויז אַ מאַנעווער, כדי אַרויס־ציען די פּאָר דאָלאַר מיטגליד־אָפּצאָל בײַ די דרעסמאַכער און אויך כדי צוריק אויפשטעלן די צעפאַלענע אסאָסיאיישאָן פון די באָסעס. דער לעצטער מיטינג פון דער דאָזיגער אסאָסיאיישאָן האָט באַוויזן, אַז פון די עטלעכע הונדערט מיטגלידער זייערע זיי־

נען פאַרבליבען בלויז אַ פּאָר צענדליג. פאָדערן זיי פון זיגמאַנ'ען הילף צוריק אויפבויען און פאַרשטאַרקן די אַסאָסיאיישאָן. אָט פון דעם נעמען זיך די קלאַנגען וועגן אַ „סטרייק", כדי אָנצושרעקן די מאַנופעקטשורערס, זיי זאָלן זיך כאַפּן צוריק אָרגאַניזירן...

דער שכן מיינער דרייט זיך אַפן שטול. יעדעס וואָרט פון דעם באַריכט דרינגט אריין אין זיין מח, אין זיין נשמה. עס דוכט זיך, אז דער גאַנצער קערפּער זיינער שרייט:

— גוואַלד! ווי ווערט מען פּטור פון דער זיגמאַנשטשינע!

— ... איך וויל אויך, אז די אַקטיווע קלאָוק- און דרעסמאַכער זאָלן וויסן, וואָס איז דער אמת אין די קלאַנגען, וואָס די זיגמאַנס פאַרשפּרייטן, אז דער לינקער דזשאָינט באָארד איז גרייט אויפצוגעבן דעם קאַמף, אונטערוואַרפן זיך צו זיגמאַנ'ס ממשלה, זיין גוט און פרום, אבי מ'זאָל אונז, הייסט עס, צוריק אריינגעמען אין דער „אינטערנייאָנאַל"... די מעשה הויבט זיך ניט אָן און לאָזט זיך ניט אויס, דער גאַנצער ליגן איז געבויט אָט אויף וואָס: אויף אַ שריפטלעכער אָנפראַגע, צי מיר וועלן איינגיין אויף שלום-באַדינגונגען, וואָס די אַמעריקאַן פעדערייישאָן וועט אויסאַרבעטן, — האָבן מיר מיט אַ בריוועלע געענטפערט, אז מיר זיינען „ווילינג אָנצונעמען — די אַמעריקאַן פעדערייישאָן זאָל אריין אין דער איצטיגער סיטואציע און ברייננגען די יוניאָן צו אַ צושטאַנד, וואָס זאָל זיין אין די אינטערעסן פון דער מערהייט פון דער מיטגלידערשאַפט". דערביי האָבן מיר אונטערגעשטראָכן:

„— דער באַזיס זאָל זיין: די אָפּשאַפונג פון אַ ל ע דיסקרימינאַציעס און דאָס אומקערן אַ ל ע רעכט צו אַ ל ע מיטגלידער פון אונזער יוניאָן, און אז דער סעטלמענט, וואָס וועט דערגרייכט ווערן, זאָל גוטגעהייסן ווערן פון דער יוניאָן:

אָט דאָס איז דער אמת. און די זיגמאַנשטשינע פאַרשפּרייט שוין אַ באָבע-מעשה, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געלויגן—

די גרויסע צאָל אַקטיווע קלאָוק- און דרעסמאַכער האָבן מיט טיפער אויפמערקזאַמקייט אויפגענומען די באַריכטן.

די שטימונג איז: שטיין אין קאַמף ביז די צעפּוילטע זיגמאַשטשינע וועט ניט ארויסגעשמיסן ווערן פון דער יוניאָן!

אין א גוס־רעגן

ס'איז געווען פשוט צו באוואונדערן, אז אין אזא גוס־רעגן זאָל זיך פאַרזאַמלען א גרויסער עולם ארבעטער און ארבעטערינס. איך בין זיך מודה, אז גייענדיג אונטער די רעגן־שטראָמען, האָב איך געטראַכט:

— אומזיסט איז די טרחה... וואָס פאַר א מיטינג, מ'שטיינס געזאָגט, קען שוין זיין אין אזא גוס־רעגן!

מיט די זעלביגע טרויעריגע געדאַנקען איז, קאנטיג, געגאַנגען יעדער איינער. און ווי פריידיג־דערשטוינט איז מען געווען, אז דער גרויסער זאָל פון וועבסטער־האָל איז געוואָרן פול מיט דורכ־געווייקטע פון רעגן ארבעטער.

— נו? — שטעלט אויף מיר אָן א פּאָר אויגן איינער פון די יוניאָן־טוער:

— ווי געפעלט אייך אָט־דאָס — הא? פאַרגעסט ניט, אז זיגמאַן האָט צעשיקט טעלעגראַמעס צו אַלע שאַפּ־טשערלייט, אז זיי זאָלן אונטער אַלע סטראַשונקעס ניט דערלאָזן די ארבעטער צו קומען צום מיטינג — און אָט... נו?

און א צווייטער גיט צו:

— עס איז שוין אזא ברענענדיגער מענטשן־מאַטעריאַל, אז קיין וואַסער נעמט עס ניט...

אין גרויסע קאָמפּאַקטע גרופּעס איז דער עולם געשטאַנען הינטער אַלע באַזעצטע שטולן. האָט דער פאָרזיצער א בעט געטאָן מ'זאָל פאַרנעמען די פּלעצער אויבן, אויף דער באַלקאָני. אין איין אויגן־בליק איז באַזוימט געוואָרן די רונד־ארומיגע פאַרענטשע פון דער באַלקאָני מיט דרייסטע פּנים'ער.

* * *

אָן שרייענדיגער מליצה, געלאַסן און זאַכליך האָט דער פאָר־

שטייער פון די דרעסמאַכער גענומען מאָלן א בילד נאָך א בילד פון דער שוידערלעכער לאַגע אין די דרעס־שעפּער, א דאַנק דעם פּאַ־גראַם פון זיגמאַנ'ען מיט זיינע ארויסהעלפער, — א פּאָגראָם, וואָס דויערט שוין פערצן חדשים.

מיט א גאַנצע רייע פאַקטן פון פאַרראַט, קאָרופּציע און גענג־סטעריזם האָט דער רעדנער ארויסגעבראַכט דעם כאַראַקטער פון דער פינסטערער „פּירערשאַפט" אין די נאָדל־טרייד־יוניאָנס, וואו עס געוועלטיגן די זיגמאַנס, הילמאַנס, בעקערמאַנס, מעקגריידיס, וואָס ווערן געשטיצט און באַשיצט פון דער אַמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר.

— אָט די שיינע „פּירערשאַפט" שטרעבט צו איין זאַך: קאָמפּאַני־יוניאָנס, פאַרשקלאַפן די ארבעטער, פאַרניכטן אַלע אויס־געקעמפטע יוניאָן־באַדינגונגען.

אָבער זיגמאַן איז אויף גרויסע צרות: די קאַסע איז פּוסט, די באַלעבאַטים ווילן שוין מער ניט געבן קיין געלט, דער „פּאַר־ווערטס" איז שוין מיד געוואָרן צו געבן די שווערע הונדערטער טויזנטער דאָלאַרס צו באַקעמפן די לינקע. קיין דיוס צאָלט מען ניט אין סקעב־קרעמל. זוכט זיגמאַן מיטלען, ווי אזוי אריינצונאַרן אין זאַק די פאַרצווייפלטע דרעסמאַכער, וואָס ווערן אויף א שענ־דלאַכן אופן עקספּלואַטירט און פאַרשקלאַפט. פּלאַנעוועט ער א „דזשענעראַל־סטרייק", כלומרשט צו אָרגאַניזירן די שעפּער.

— בלויז פופצן פּראָצענט פון אַלע שעפּער האָבן נאָך וואָסע־רע ניט איז סימנים פון יוניאָן־שעפּער, הגם דאָרטן הערשן אויך די זעלבע איבלען, וואָס אין גאַנצן טרייד. זעקס און אכציג טויזנט דאָלאַר האָט שוין די זיגמאַן־קליקע פאַרשווענדעט כלומר'שט אויף אָרגאַניזירן די שעפּער. דער פּייק פון דעם ערשטן „אָרגאַני־זיישאָן דרייוו" איז פּאַר אַלעמען קלאָר. איצט, ביים אָנפאַנג פון סעזאָן, וויל די זיגמאַנשטשינע באַווייזן, אז זי לעבט נאָך, אז זי „פירט", „אָרגאַניזירט". אָט דאָס איז דער הויפּט־ציל פון דעם נייעם פאַרזוך: אָפּצונאַרן די מיטגלידערשאַפט, ארויסקריגן די פּאָר דאָלאַר דיוס, כדי צו דערהאַלטן די נשמה...

די פּלאַטפאָרמע פאַרנעמען איינער נאָכ׳ן אנדערן ארבעטער און ארבעטערינס פון דער פאַרזאַמלונג. מ׳גיסט אוים דאָס ביטער האַרץ. מ׳זשאַלעוועט ניט קיין שטאַרקע ווערטער. ניטאָ דער שימוף־וואָרט, וואָס זאָל ניט אויסגענוצט ווערן בנוגע דעם הויפּט־פּאָגראָמשטשיק, — זיגמאַנ׳ען:

— ער האָט א הייליגן פּרינציפּ, אָט־דער באַנדיט. זיין הייליגער פּרינציפּ איז: געוועלטיגן מיט גוואַלד איבער דער מיט־גלידערשאַפט! צוליב דעם „הייליגן פּרינציפּ" האָט ער אָנגעצונדן א פייער פון ברודער־קריג, פאַרקויפט די צענדליגער טויזנטער אַרבעטער צו די באַלעבאַטים! אָבער אונזער קאַמף־גייסט איז ניט געבראָכן! אויב אין אזא גוס־רעגן האָבן מיר געקאַנט אָנפילן אָט־אזא האָל, איז אָ סימן, אז מיר שטייען פאַראייניגט מיט אונזער אויסדערוויילטער פירערשאַפט!

— . . . איין לאָזונג דאַרף ביי אונז זיין: קיין פּעני צו זיגמאַנ׳ס סקעב־יוניאָן! מיר מוזן קעמפן געגן זיינע פאַרזוכן אריינצונאַרן די מיטגלידערשאַפט. מיט׳ן פולן באַוואוסטזיין, מיט דער גאַנצער ענערגיע דאַרפן מיר איגנאָרירן זיין פייק־סטרייק! מיר וועלן באַקעמפן די באַלעבאַטים און אַלע פאַררעטער בלויז אונטער דער פירערשאַפט פון אונזער געזעצלעך־אויסדערוויילטער דזשאָינט באָארד, וואָס שטייט מיט אונז און קעמפט פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער!

דאָס לעצטע וואָרט האָט באַקומען דער הויפּט־פירער פונ׳ם דזשאָינט באָארד, לואיס היימאַן.

די הומאָריסטישע ביישפּילן, משלים, מיט וועלכע עס איז געווען אָנגעפּיקעוועט זיין רעדע, האָט געהויבן די שטימונג פון די פאַרזאַמלטע.

— . . . דאָרטן, בא די זיגמאַנס, איז איין ליגנער גרעסער פאַר דעם צווייטן. מ׳סטאַרעט זיך איבערשטייגן איינער דעם צווייטן מיט א גרעסערן פייק. דאָס דערמאָנט מיר אָן א מעשה מיט צוויי ליגנערס, וואָס האָבן געוואָלט איבערשטייגן איינער דעם צווייטן מיט א גרעסערן ליגן. זאָגט איינער: איך האָב צוגעטראַכט א ליגן, וואָס גרעסער קאָן שוין ניט זיין: איך האָב געזען, זאָגט

ער, אַזאַ הויכן דאַך, אַז די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם דאַך, האָבן זיך געמוזט איינבויגן, כדי די לבנה זאָל קאָנען דורכלויפן און ניט אָפּרייסן זיי די קעפּ. איי, גיי, — זאָגט דער צווייטער :—דאָס איז אַ ליגן ? איך האָב צוגעטראַכט אַ בעסערן ליגן : איך האָב געזען, זאָגט ער, אַ פערד, וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ האַלבע וועלט, און דער פערד איז געווען איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן, וואָס איז געווען גרויס ווי די צווייטע האַלבע וועלט. . . איי גיי ! — טוט יענער אַ מאַך מיט דער האַנט :
— אָט דאָס איז אַ ליגן ? וואוהין קאָן אַזאַ פערד־און־וואָגן פאָרן, אַז זיי פאַרנעמען די גאַנצע וועלט ? —

דער עולם ברעכט אויס אין אַ שטורמישן געלעכטער.

— אָט אַזוינע ליגנס האַלט מען אין איין אויסטראַכטן, כדי אויסצונאַרן די פּאָר דאָלאַר בא די מעמבערס. זיי ווייסן שוין ניט, וואָס פאַר אַ בלאָף אויסצוטראַכטן, כדי צו קאָנען אָנגיין מיט דער פּאָגראָם־אַרבעט. אָבער דער היינטיגער מיטינג אין אַזאַ גוס־רעגן באַווייזט, אַז די דרעסמאַכער זיינען גענוג קלאַסנבאַוואוסטזיניג און זיגמאַנ׳ס פּיק־דרייווס, דזשענעראַל־סטאַפּעדזשעס און וואָס ער וועט נאָך צוטראַכטן וועלן ניט העלפן ! אונזער שטייפער באַשלוס דאַרף זיין : איינינקייט, דרייסטקייט און קאָמפּסלומטינקייט ! און מיט פאַראייניגטע קרעפטן וועלן מיר די פּאָגראָמשטשיקעס און פאַררעטער פון וועג אָפּראַמען און אויפבויען אַ יוניאָן פון די אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער !

די „טאָלעראַנטניקעס"

גאָר נייע מענטשן האָבן זיך באַוויזן אין די רייען פון די קעמ־פענדיגע קלאָוק־ און דרעסמאַכער — דאָס איז די טאָלעראַנץ־גרופּע.

זיי האָבן דאָס פאַררופן דעם קופּער־יוניאָן מיטינג.

די טאָלעראַנץ מענטשן האָבן אַליין ניט דערוואַרט, אַז אויף זייער רוף זאָל קומען אַזאַ גרויסער עולם אַרבעטער־קלאָוקמאַכער, מען זאָל שטיין אין אַלע דורכגאַנגען, מ'זאָל באַלאַגערן אַלע אַריינ־גאַנג־טירן און שטיין דאָרטן אין געדיכטע קרייזן מיט אויסגעצוי־גענע העלדזער, צו כאַפּן פון ז י י א וואָרט...

איין זאַך האָט געוואונדערט אַלעמען: ווייניג פרויען זיינען געווען אויף דעם מאַסמיטינג; דורכאויס מענער, מערסטנ־טיילס באַיאָרנטע, פאַראומערטע.

מיין שכן טייטשט עס אויס אַזוי:

— אהער זיינען דאָך געקומען „רעגיסטרירטע", די וואָס האָבן צוזאַמען מיט דער טאָלעראַנץ־גרופּע געפריידיגט, אַז מ'דאַרף שטיין מיט די פאַררעטער פון דער אינטערנייישאָנאַל. די פרויען אַרבע־טערינס זיינען אין דעם פּרט מער באַוואוסטזיניג. צווישן זיי איז פאַראַן זייער ווייניג רעדזשיסטרירטע, דערפאַר זעט מען דאָ ניט קיין סך פרויען...

דער פאָרזיצער און די הויפּט־רעדנער זיינען די אָנפירער פון דער „טאָלעראַנץ־גרופּע", אייניגע פון זיי האָבן פאַרנומען וויכטיגע אַמטן אין זיגמאַנ'ס אינטערנייישאָנאַל.

איצט זיינען זיי אַרויס אין אַ „רעוואָלט":

— ... מיר זיינען געשטאַנען אינוויינינג אין האָבן געקעמפט פאַר שלום אין אונזער יוניאָן. מיר האָבן געהאַט אויסגעריסענע יאָרן... צרות האָט אונז ניט געפעלט. מען האָט אונז אויסגע־לאַכט, מ'האָט אונז אָנגערופן „קאָמוניסטלעך"...

— אויב קעמפן געגן די באַלעבאַטים, אויב איינשטעלן פעס־טע יוניאָן־באַדינגונגען, כדי דער קלאָוקמאַכער זאָל ניט זיין הפקר, ער זאָל ניט ציטערן פאַר׳ן באָס, ער זאָל ניט ליגן איינגעלייגט,
— אויב דאָס הייסט „קאָמוניזם“, זיינען מיר גרייט צו אַרבעטן האַנט אין האַנט מיט די קאָמוניסטן!

די ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון מענטשן, וואָס זיינען נאָך נעכטן געשטאַנען אין דעם שוואַרצן לאַגער. זיי האָבן געלייגט גרויס האָפענונג אויף דער קאָנווענשאָן, האָבן געגלויבט, אַז אויף דער קאָנווענשאָן וועט געלייגט ווערן דער פונדאַמענט פון אַ פאַראייניגטער, שטאַרקער יוניאָן.

— . . . ווי דערשטוינט זיינען מיר אָבער געווען, ווען מיר האָבן דערזען, אַז ניט די קאָנווענשאָן באַשליסט דעם גורל פון אונ־זער יוניאָן, נאָר אב. קאהאן! ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרמע דער עובר־בטולניק און האָט געקלאַפּט אין טיש מיט די קולאַקעס:
— איך וועל, זאָגט ער, ניט אַוועקפאָרן פון דאַנען, ביז איך וועל ניט זיין זיכער, אַז זיגמאַן וועט זיין פּרעזידענט פון דער אינ־טערנעישאָנאַל!“

— ווען מיר האָבן דערזען, אַז כאַנין איז דער גאַנצער באַלע־באָס פון דער קאָנווענשאָן, האָבן מיר, די טאָלעראַנץ גרופּע, ערשט פאַרשטאַנען, וואָס הייסט בא די סאָציאַליסטן „ניט פירן קיין פּאָ־ליטיק אין די יוניאָנס“.

— . . . אויב דער „פאָרווערטס“ האָט דאָס רעכט צו דיקטירן דער אינטערנעישאָנאַל, ווער זאָל זיין פּרעזידענט, פאַרוואָס טאָר דאָס ניט טאָן די „פרייהייט“? אויב די האָכמאַנס, די דובינסקיס און נימפאָס קאָנען שטיין אין דער שפּיץ פון אונזער יוניאָן, פאַרוואָס טאָר ניט היימאַן, באָרוכאָוויטש, פּאָרטנאָי?

די גוט־באַקאַנטע נעמען פון די פירער פון לינקן דזשאָינט־באָאַרד האָבן אַרויסגערופן אזא אַפּלאָז, אַז די ווענט פון קופּער־יוניאָן זיינען אויפגעטרייסלט געוואָרן.

פראָסט און איינפאַך האָבן גערעדט די אָנפירער פון דער טאָלעראַנץ גרופּע. פון זייערע פּראָסטע רייד האָט זיך באַקומען

אַ קלאָרע בילד, ווי אַזוי מ׳האָט זיך איינגעטיילט מיט פעטע דזשאָבס אויף דער קאָנווענשאַן:

—... ניט קיין אַנדערער ווי דובינסקי האָט אויף דער קאָנווענשאַן, דערוויזן, אַז די יוניאָן איז פּאָגראָמירט, אַז ס׳עקזיסטירן ניט קיין שום יוניאָן־באַדינגונגען, אַז די באָסעס פאַרשקלאַפן די אַרבעטער, אַז ס׳מוז איינגעשטעלט ווערן שלום אין דער יוניאָן. נאָר אויף מאָרגן, ווען דער דובינסקי האָט אַריינגעקראָגן זיין פעטן חלק אין דער יוניאָן, האָט ער שוין גענומען ריידן גאָר אַנדערע רייד: ס׳איז שוין אין דער יוניאָן אַלץ גוט און פיין, שיין און וואויל — ס׳איז „אָלרייט"... אָט דאָס האָט אונז ענדלעך געעפנט די אויגן און מיר, די טאָלעראַנץ גרופּע, האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער איינציגער אויסוועג צו ראַטעווען די יוניאָן איז — אָנשליסן זיך אָן דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע, וואָס די נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ אין באָסטאָן האָט געשאַפן!

* * *

צו ענדע איז געקומען דאָס וויכטיגסטע.

דער פּאָרזיצער טיילט מיט דעם עולם, אַז דער לעצטער רעדנער וועט זיין אַ פאָרשטייער פון דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע, איינער פון די, וואָס שטייט אין קאַמף שוין 19 חדשים.

אויף דער טריבונע איז דערשינען ח. באָרוכאָוויטש.

— וועל, אַז מ׳לעבט, דערלעבט מען — —

אין די דריי פּשוט׳ע ווערטער, מיט וועלכע חבר באָרוכאָוויטש האָט אָנגעהויבן זיין רעדע, איז געווען אויסגעדריקט דער טיפער זין פון דעם, וואָס עס קומט פאָר...

— בשעת דאָרטן, בא די זיגמאַנס און שלעזינגערס, גייט אָן דער שפּין־געוועב צו פאַרנאַרן די גרויסע מאַסן קלאָוק־ און דרעס־מאַכער אין זייער נעץ, זיינען געקומען די מאַסן אין קופּער יוניאָן צו פאַרדאַמען זייער שוואַרצע אַרבעט. איז דעריבער: מיט פאַראייניגטע כחות צום קאַמף!

און דער זיג וועט זיין אַ געזיכערטער!

(סוף פון ערשטן טייל)

צווייטע טייל

ביי די פּאָריער

דעם גאַנצן וועג — פון אַכטער גאַס ביז די בראָנקס, און אויך איצט, ווען איך זיץ אין דער נאַכטיגער שטילקייט און פאַר־צייכן דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער פאַרזאַמלונג פון די פּאָריער־אַרבעטער, הערן נישט אויף צו קלינגען אין מיינע אויערן די פלאַמיגע ווערטער:

— מיר האָבן אויסגערייניגט די שמוץ פון אונזער יוניאָן!

— מיר האָבן אויסגעוואָרצלט די גרעפטערס און די גרעפט־געשעפטן פון דער פּאָריער־טרייד!

— מיר האָבן ארויסגעפירט די יוניאָן אונזערע פון א זומפּ, וואוהין די רעכטע מאשין האָט זי געהאַט פאַרפירט! נאָר דאָס קאַנען די קאָרופּטע לייבאָר ביוראָקראַטן בשום אופן נישט פאַר־טראָגן. האַלטן זיי אין איין אויסטראַכטן בלבולים אויף די לינקע פירער פון די פּאָריער־אַרבעטער.

דער שוואַרצער „פאָרווערטס" וועבט א שוואַרצן געוועב, אר־בעט אויף אַלע כלים, כדי צו דיסקרעדיטירן די פאַרטרויטע לינקע פירער. נאָר אומזיסט איז זיין פאַררעטערישע ארבעט: די אר־בעטער־פּאָריער ווייסן, ווער זיינען זייערע אמת'ע פריינט און ווער זיינען די גיפטיגע שונאים. די פּאָריער־ארמיי שטייט פעסט מיט די פאַרטרויטע פירער!

דאָס האָט זיך בולט ארויסגעוויזן אויף דער גרויסער מאַסנ־פאַרזאַמלונג. עס טרעטן אויף די פירער:

— . . . מיר האָבן גערופן די פאַרלוימדער פון דער שוואַר־צער נעסט, זיי זאָלן קומען אהער. מיר האָבן זיי עפנטלעך איינ־געלאַדן:

— קומט, לייגט אוועק פאַר דער ברייטער מיטגלידערשאַפט אייערע טענות. טרעט אויף גלייך מיט אונז אויף דער פּלאַטפאָר־

מע און פּרואווט דערוויזן דאָס, וואָס איר טראַכט אויס אויף אונז! וועלן מיר זען, ווען מען גלויבן די פּאַריער־אַרבעטער — אייך צי אונז!

—מיר האָבן זיי פאַרזיכערט, אַז זיי וועט געגעבן ווערן די פולע מעגלעכקייט אַרויסברייננגען זייערע קלאָגעס געגן אונז — זאָלן זיי נאָר קומען און רעדן אָפענע דבורים — ניט הינטער די פּליי־צעס, ניט אין אַ פינסטערן ווינקל פאַרטייעט, ווי שלאַנגען! וואָר־זשע זיינען זיין? ! זיי קומען ניט, די נידערטרעכטיגע פּאַרלוימ־דער! זיי האָבן ניט קיין מוט צו קומען אויג אויף אויג מיט דער מיטגלידערשאַפט, וואָס ווייסט, פאַרשטייט און איז שוין טיף איי־בערצייגט, אַז די קאָופּמאַנס, די שעכטמאַנס און די „פּאָרוועטס"־גענאָסן זיינען נידערטרעכטיגע פאַררעטער, פאַרקויפטע צו די באַלעבאַטים!

— . . . מיר האָבן איינגעלאַדן אויך די משוגענע קאָפּ פון דעם צענשטאָקיגן גולם:

— אזוי און אזוי, דו גרויסער עובר בטול, אייבעלע קאהן! דיינע פען־פּראָסטיטוטן גיסן אויס גאַנצע פּאָמוניצעס, שיטן פּעך און שוועבל אויף די לינקע פירער פון די קעמפנדיגע פּאַריער־אַרבעטער, אויף דער דזשענעראַל־סטרייק־קאָמיטע אונזערער. ניט אָן דיין וויסן טוען זיי דאָס! טאָ קום־זשע אויף דעם גרויסן מאַס־מיטינג פון די פּאַריער־אַרבעטער, און זיי דערביי, ווי די ריינק־און־פייל מיטגלידער וועלן אונז משפּט'ן. אויב דו האָסט ניט קיין מוט צו קומען און באַווייזן דעם טרפה'ענעם פּרצוף פאַר די אַרבעטער, וואָס דו פאַרראַטסט טאָג־איין טאָג־אויס, איז שיק צו וועמען דו ווילסט פון דיינע פען־קנעכט, וואָס דו באַצאָלסט זיי פאַר זייער שווארצער אַרבעט! זאָלן זיי אָנשטעלן אויג און אויי־ערן און זען און הערן, וואָס עס וועט פאַרקומען אויף אונזער מאַס־מיטינג! דיין „פייפער" טענה'ט, אַז מיר, די לינקע פירער, האָבן פאַרטאַכלעוועט געלט — נו, קומט און זעט, אויף וויפיל עס איז ריכטיג אייער באַשולדיגונג.

— איז ער געקומען, דער אַלטער עובר־בטול? האָט ער גע־שיקט זיינעם אַ פאַרטרעטער?

דער פּאַרזיצער רופט אויס:

— צי געפינט זיך אין זאַל דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אייב קאהאן?

אַ לאַנגע פּויזע. — ניטאָ?

אַ טויטע שטילקייט.

— איז אפשר געקומען זיינער אַ פאַרטרעטער? זאָל ער ארויפ־קומען אויף דער פּלאַטפאָרמע!

ווידער אַ לאַנגע פּויזע. דער גרויסער עולם ארבעטער פאַר־האַלט ממש דעם אָטעם אין דערוואַרטונג. עס דוכט זיך: אָט־אָט וועט זיך אַ שליינגל־טאָן צווישן די רייען שטולן אַ פאַררעטערישער געשטאַלט פון דעם „פאָרווערטס"־געזינדל. נאָר אומזיסט איז גע־ווען דאָס וואַרטן: קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן — —

— מ'זאָגט, אַז איינער פון דער שוואַרצער חברה איז יאָ גע־זעסן ערגעץ אין אַ ווינקל פאַרטייעט. ער איז געזעסן, זאָגט מען, ווי אַ באַגראַבענער...

— וואָס־זשע דען! זען פאַר זיך אַזאַ באַגייסטערטע פאַר־זאַמלונג, וואָס שטייט שטאָל־און־אייזן פאַר די לינקע פירער, איז ווי זאָל ער ניט זיצן אַ באַגראַבענער?!..

אויב אַזאַ פאַרשווינדל איז באמת געווען ביי דעם מיטינג פון די פאָריער, וועט ער מוזן קומען צו זיינע האַרן און זאָגן:

— אייער ארבעט, מיינע הערן, איז אַ שפּיל פאַר דעם טייוול! די פאָריער־ארבעטער זיינען שוין ניט קיין „מוישעס". איר וועט איבער זיי מיט גוואַלד געוועלטיגן מער ניט קענען — —

* * *

מיט אַ זעלטענעם צוטרוי זיינען גוטגעהייסן געוואָרן אַלע רע־בענונגען פון די לינקע פירער. דער צוטרוי, דער גלויבן, די ליבע צו די אַנערקענטע און פאַרטרויטע יוניאָן־טוער איז אַזוי גרויס, אַז קיינע בלבולים, קיינע פאַרלוימדונגען וועלן ניט זיין בכח צו פאַר'סמ'ען די מחות פון די פאָריער־ארבעטער, וואָס האָבן דער־וואַכט צום קאַמף.

„קאַרנעגי האָל"

. . . ביז אפריל דעם 15טן פון יאָר 1926 איז קאַרנעגי האָל געווען אַן אַריסטאָקראַטישער קאָנצערט־זאַל, וואו עס קומען זיך צונויף זאַטע פיינשמעקער צו געניסן פון דער „הויכער קונסט" פון וועלט־באַרימטע זינגער און שפּילער.

דעם 15טן אַפּריל איז „קאַרנעגי האָל" געוואָרן אַ פאַרזאַמ־לונג־פּלאַץ פון מאַסנקאַמף.

אין דעם טאָג האָבן די הויכע ווענט און גאַלייעריען איינגע־זאַפּט אין זיך ניט קיין מוזיק־טענער און ניט קיין שטימען־קלאַנ־גען, נאָר קאַמפּסרופן פון קעמפנדיגע אַרבעטער־פּאַריער.

די אונטערוועלט־יונגען פון לאָנג־איילאַנד האָבן זיך פאַר־מאָסטן צו פאַרקויפן די פּאַריער־אַרבעטער צו די באַלעבאַטים־פאַבריקאַנטן. זיי האָבן דאָס געטאָן אויפן אַלטן איינפאַכן אופן: אָפּגעהאַלטן געהיים אַ באַראַטונג מיט די עקספּלואַטאַטאָרס, האָבן פאַרטיילט צווישן זיך די ראָלן, ווי אַזוי צו באַשווינדלען און פאַר־שקלאַפן די צוועלף טויזנט שווערע אַרבעטער. און ווען די שוואַר־צע פאַררעטערישע אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן, זיינען זיי פּלוצ־לונג געוואָרן גוואַלדיג „דעמאָקראַטיש" און האָבן פאַררופן „אַלע פּאַריער" — דאָס הייסט אַלע צוועלף טויזנט — און וואוהין? אין... דעם אַריסטאָקראַטישן קאַרנעגי האָל, וואָס קאָן אַריינ־נעמען אַ דריי־פיר טויזנט מענטשן... די געניטע שאַרלאַטאַנעס האָבן אויסגערעכנט, אַז עס וועלן זיך אפשר געפינען ניט מער ווי דריי־פיר טויזנט אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער, וואָס וועלן זיך אָפּרופן אויף זייער איינלאַדונג.

כדי צו מאַכן דעם פאַרראַט פייערלעכער, האָבן זיי אַראָפּגע־בראַכט קיין ניו יאָרק די „גדולים" פון דער הויפּט־נעסט פון פאַר־ראַט — פון דער אמעריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר. ווי פאַר־

ציטערט זיינען אָבער די לייבאָר־ביוראָקראַטן געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אז די לינקע פירער האָבן ארויסגעלאָזט א רוף:

— אלע פאַריער צו קאַרנעגי האָל!

... און די ניו־יאָרקער גאַסן זיינען אין דעם פרימאָרגן פון 15טן אפריל פאַרפלייצט געוואָרן מיט טויזנטער ארבעטער. און דער ארים־טאָקראַטישער קארנעגי־האָל איז באַלאַגערט געוואָרן פון דער־צאָרנטע פאַריער.

מ'שטייט שוין פון גאַנץ פרי אויסגעצויגן אין א לאַנגער־לאַנ־גער קייט — צו זעקס, צו אכט אין א ריי. די קייט רינגלט ארום די געביידע פון אַלע פיר זייטן. מ'שטייט שטאָלץ, ווי זיגער, וואָס שרייבן אריין א וואונדערבארן בלאַט אין דער געשיכטע פון מאַסן־קאַמף.

. . . אלט און יונג, מאַן און פרוי שטייען אין די רייען. די אָרדנונג־היטער זיינען דערשטוינט: אויף אַזאַ מאַסנפארפלייצונג האָבן זיי זיך ניט געריכט. די משרתים פון די לאַנג־איילענער שווינדלער שטייען ביי די אריינגאַנג־טיר פון קארנעגי האָל און זיפּן דורך די אריינמאַרשירנדיגע ארבעטער.

זיי האָבן א באַפעל: — די עלטערע, די מער־אויסגעהאָרע־וועטע ארײנלאָזן; די יונגערע, די דרייסטערע, די קאַמפּסלוסטיגע — ארויסשמייסן. טוען זיי אַזוי: איינעם לאָזן זיי אריין און צוויי שמייסן זיי ארויס.

— סטייטש! מ'האָט דאָך אונז אַלעמען גערופן קומען אהער!

— שאַראַפּ! גערראַרי! — —

אין איין ריי שטייט א פאָטער און א זון. דער פאָטער איז אין די פופציגער, דער זון אין די צוואַנציגער. ביידע — בראַווע סאָלדאַטן פון דער פאַריער־אַרמיי. זיי דערנענטערן זיך צום אריינ־גאַנג. דעם פאָטער, וואָס איז שוין איינגעהויקערט, לאָזט מען דורך; דעם זון, וואָס אין זיינע אויגן ברענען פייערלעך, שמייסט מען ארויס.

פיר טויזנט אינעווייניג — און אכט טויזנט אין דרויסן!

טוט זיך אַ טראַג א פילשטימיגער פּראָטעסט־אויסגעשריי:

— עפנט די טירן!
— זאָל מען אריבערטראָגן דעם מיטינג אין א גרעסערן האָל!
— פאַררעטער! — —

און פּלוצלונג: ווי א שטורם־ווינט וואָלט זיך א טראָג־געטאָן צווישן די רייען, וואָס זיינען אויסן־געבליבן. עס דונערן שוין הורא־אויסגעשריען און אין דער זוניגער לופט טראָגט זיך שוין דער נאָמען „גאָלד״.

— הורא פאר גאָלדן!
— גאָלד! גאָלד! גאָלד!

דאָס איז געקומען דער שטורם־פויגל פון דער לינקער ארבעטער־באוועגונג; דער פירער פון די רעוואָלטירנדיגע פאַריער — בען גאָלד. ער איז אָנגעקומען בראש מיט דער גאַנצער גענעראַלער סטרייק־קאָמיטע. זיי מאַרשירן צו די אריינגאַנג־טירן פון קאַרנעגי־האָל.

פאַרלאָרן שטייען די משרתים פון לאָנג־איילענדער געזינדל.

— דיך, גאָלד, וועלן מיר אריינלאָזן — אָבער די גאַנצע קאָמיטע — ניין.

— אָן דער קאָמיטע גיי איך ניט! — ענטפערט גאָלד.

אנ׳עלעקטרישער שטראָם כאַפּט ארום די אַכט טויזנט ארבעטער: גאָלדן און די סטרייק־קאָמיטע, די פאַרטרויטע פירער פון קאַמף, לאָזט מען אויך ניט אריין!

די גאַס ווערט אויפגעטרייסלט פון דונערדיגע אויסגעשרייען:
— ווי וואָנט גאָלד!
— גאָלד... גאָלד... גאָלד...

די קולות פון דרויסן געפינען באלד אן אָפּקלאַנג אינערווייניק. און עס דערטראָגט זיך אויך פון דאָרטן, פון קאַרנעגי־האָל דער זעלבער פילשטימיגער געשריי:

— . . . ווי... וואָנט... גאָלד...
— . . . ווי... וואָנט... גאָלד...

* * *

לאַנגע־לאַנגע מינוטע איז אָנגעגאַנגען דער מאַסנשטורם.

עס האָבן גענומען אַרודעווען פּאָליציייאישע קלאָבס, פּערדי־שע מאָרדעס.

אין דעם מאָמענט האָבן זיך אַנ׳עפן געטאָן די טירן פון קאַר־נעגי האָל, און די אַרבעטער, וואָס זיינען געווען אינעווייניג, האָבן גענומען שטראָמען אויף צוריק פון מיטינג. די פאַררעטער האָבן קיין מיטינג אָפּהאַלטן ניט געקאָנט: די מאַסן האָבן געפאָדערט גאָלדן...

דער שטראָם פון אינעווייניג גיסט זיך צונויף מיט דער רי־זיגער קייט אַרום און אַרום. און מ׳מאַרשירט שוין אויף צוריק איבער די ניו־יאָרקער גאַסן פון קאַרנעגי האָל צו טיימס־סקווער, פון טיימס־סקווער צו יוניאָן־סקווער...

שטאָלענע אַרבעטער־הענט כאַפּן אויף גאָלדן, מ׳טראָגט אים אין דער לופטן, ווי אַ פאָן, ווי סימבאָלן פון מאַסנקאַמף — — —

* * *

ביי דער „פרייהייט״־געביידע האָבן זיך די צוועלף טויזנט קעמפנדיגע פאָריער־אַרבעטער פאַרהאַלטן. מ׳איז געבליבן שטיין אַרום דער „פרייהייט״־געביידע. די גאַנצע מאַסע דונערט:

— לאַנג לעבן זאָל אונזער „פרייהייט״!

אַ שטורמיגער הוראַ באַדעקט די ווערטער.

פון אַלע פענסטער פון די אַרומיגע געביידעס אויף יוניאָן־סקווער קוקן אַרויס צענדליגער הונדערטער פאַרוואונדערטע פּנים׳ער.

בלויז פון איין געביידע מיט אַן אויפשריפט „פרייהייט״ קוקן אַרויס גאָר אַנדערע פּנים׳ער — מיט שטראַלנדיגע אויגן, מיט פריי־דיגע שמייכלעך: דאָס זיינען די אַרבעטער און די שרייבער פון דער „פרייהייט״. אַ בלאָנדע קאָפּ האָר רוקט זיך אַרויס אינגאַנצן פון אַ פענסטער. שטורמען אויף אויף־דאָס־ניי די פאַרזאַמלטע מאַסן:

— הוראַ פאַר חבר אָלגין!

חבר אָלגין טוט אַ מאַך מיט דער האַנט — אַ צייכן, אַז ער וויל זאָגן אַ פּאָר ווערטער. ווערט אָפּגעהאַקט דער שטורעם.

— זייט געגריסט, איר בראַווע פאָריער־אַרבעטער! לאָזט זיך ניט פאַרפירן! לאָזט זיך ניט פאַרראַטן פון די פּאַראַזיטן, וואָס

ווילן אייך פאַרשקלאַפן! שמייסט ארויס פון אייערע רייען די לייר־באָר־ביוראָקראַטן! שטייט פאַראייניגט — און איר וועט זיגן!

די ווערטער פאַלן ווי בליצן און די גאַנצע צוועלף טויזנט־קעפיגע מאַסע ברעכט אויס מיט דונערדיגע הענט־קלאַפרייען און מיט יובל'דיגע אויסגעשרייען.

— חברים פאָריער! צו די פאַרזאַמלונג־פּלעצער!

צוועלף טויזנט בראווע קעמפער מאַרשירן אין געשלאָסענע רייען צו וועבסטער האָל, צו קופּער־יוניאָן, צו מאַנהעטן לייסעאום.

דאָ אין די איבערגעפּאַקטע האָלס פלאַמען ערשט אויף ווער־טער־בליצן: מ'פאַרדאַמט די פאַררעטער פון לאָנג־איילענד, מען נאָגלט צו צום שאַנד־קלאָץ די לייבאָר־ביוראָקראַטן פון דער אַמע־ריקאַן פעדערייישאָן אָוו לייבאָר, מ'דריקט אויס דעם צוטרוי צו די לינקע פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

די לופט ווערט אָנגעגליט פון הייסע אָטעמס, פון פייערדיגע רעדעס.

עס שפּרייט זיך אַ רוף פון איין פאַרזאַמלונג־פּלאַץ צום צווייטן:

—לאָמיר מאַרשירן צום „פאָרווערטס", אויסגיכן אונזער צאָרן צו דער שווארצער נעסט פון איסט־בראָדוויי!

— צום „פאָרווערטס"! צום „פאָרווערטס"!

דערצאָרנטע מאַסן פליסן צו איסט־בראָדוויי.

מ'פאַרפלייצט שוין גאַנץ ראָטגערס סקווער. און עס טראָגן זיך שוין ווידער קולות פון אַרבעטער ארום דעם "צענשטאָקיגן":

— סקעבס! פאַררעטער!

— פאַררעטער! סקעבס!

* * *

. . . קאַרנעגי האָל איז פאַר די אַרבעטער־מאַסן שוין מער ניט קיין קאָנצערט־זאַל פון ערשט־קלאַסיגע זינגער און שפּילער, וואָס פאַרקויפן זייער קונסט צו דער זאַטער בורזשואַזיע.

„ק אַ ר נ ע ג י ה אָ ל" איז איצט אַ פאַרזאַמלונג־פּלאַץ, וואו עס איז פאַרשריבן געוואָרן אַ פייערדיגער קאַפּיטל פון מאַסנ־קאַמף!

די אַנטשלאָסנקייט וואַקסט

עס קאָכט און עס זידט אין די אידישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן. ניטאָ דער טאָג, וואָס זאָל ניט ברייננגען קיין נייעם ברען־שטאָף, קיין נייעם אויפּבריים פון האַס און צאָרן געגן די מחבלים, וואָס האַלטן אין איין פּלאַנעווען פּלענער, ווי אזוי צו פאַרניכטן די לינקע באַוועגונג. ווי א ביין אין האַלז שטייען זיי די בראַווע פּאָריער. ווען ניט די פּאָריער, וואָלטן אפשר די קלאָוקמאַכער, די דרעסמאַכער און די אַלע אַרבעטער פון אַלע אַנדערע צווייגן פון דער נאָדל־אינדוסטריע ניט געווען אַזוי אַנטשלאָסן אין זייער קאַמף.

ווי אזוי־זשע ברעכט מען זיי איין? קיין קויל נעמט זיי ניט. געננגסטער? גיבן זיי קלעפּ צוריק, און נאָך וואָס'ערע קלעפּ! טורמע? וויפיל קאַן מען אריינזעצן אין טורמע? עס וועט דאָך קיין טורמעס ניט סטייען פאַר אַלע פּאָריער!.

— דאַרף מען אויסוואָרצלען די פירער, וואָס האָבן מיט אַ שטאַרקער האַנט די פעסטונג איינגעפונדעוועט. מען דאַרף זיי פאַרשפּאַרן הינטער די גראַטעס, ווען די אַרבעטער שוין במילא ווערן „גוט און פרום“ און וועלן טאָן, וואָס שעכטמאַן הייסט, און וואָס דער „פאָרווערטס“ הייסט און וואָס אַלע זייערע משרתים הייסן זיי טאָן... איי, עס איז ניטאָ פאַר וואָס זיי אריינשפּאַרן אין טורמע? נאַרישקייטן: א בלבול, אַ פּראָוואָקאַציע, א מסירה...

האָבן זיך א נעם קעטאָן די שוואַרצע כחות, גענעבן א וואונק דער קאַפּיטאַליסטישער „גערעכטיגקייט“, און מען האָט די לינקע פירער פון דער פּאָריער יוניאָן אַרעסטירט.

דערפרייט האָבן זיך די מחבלים. אָבער די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטערשאַפט האָט זיי ארויסגענומען אויף בייל.

די פּאָריער־פירער זיינען ווידער מיט די אַרבעטער־מאַסן, און די פרייד פון די מאַסן איז גרויס, זייער אנטשלאָסנקייט וואַקסט — מ'ווערט נאָך מער פאַרהאַרטעוועט...

איך האָב געזען אָט די פרייד פון די אַרבעטער־מאַסן, וואָס

האָבן באַלאַגערט די יוניאָן־געביידע בשעת די אַרעסטירטע פירער האָבן באַדאַרפט אָנקומען פון טורמע, וואָס מ׳האָט זיי אַרויסגענומען אויף ערבות. פון די אָפענע טירן און פענסטער פון דעם דזשאָינט באָארד־אָפּיס האָבן זיך געטראָגן פרייליכע קולות, קרעפטיגע שטימען האָבן געזונגען שטיפערישע לידלעך, וואָס מ׳האָט אַליין פאַרפאַסט:

„... גרין אין דער... וואָגן...
מ׳גריידע.. איז דער האָס...
מענשער איז... דער דרייווער...
און גאָלד... איז דער באָס...

און אַ פּאָר צענדליג הייזעריגע באַסאָווע און סאָפּראַנאָ־שטימען כאַפּן אונטער:

„טראַ־לאַ־לאַ... טראַ־לאַ... לאַ...

איך גיי אַריין אינוויינינג. צעפלאַמטע פּנימ׳ער, פינקלדיגע אויגן. אַ גערויש, אַ געפילדער. אַזוי פלעגט אויסזען אין דער אַלטער־נייער היים אַן אַרבעטער־קלוב אין צייט פון בירגער־קריג נאָך אַ שלאַכט מיט׳ן שונא: אַן אומאָרדנונג, אַלע טירן אָפן, אַ געווירבל, אַ מיש־מאַש — נאָר אַ פריידיגער, אַ יום־טוב׳דיגער. אָנגעצויגן זיינען בא אַלעמען די נערוון — דאָס מערקט זיך אַפילו אין דעם טאַנצן, אין דעם שפּרינגען פון די יונגע. בא מערסטע פון זיי זיינען די אויגן אונטערגעקלאַפּטע.

— איר זעט אָט די יאַטן! — זאָגט צו מיר אַ מיטגליד פון דעם דזשאָינט באָארד: — איר האָט גאָר קיין באַגריף ניט, וואָס פאַר אַ העלדן דאָס זיינען. יעדערער פון זיי איז ניט איין מאָל מיט בלוט באַגאָסן געוואָרן, אַ סך פון זיי זיינען מיט צעקלאַפּטע קעפּ, מיט אונטערגעהאַקטע אויגן. זיי זיינען די ערשטע אויפ׳ן שלאַכטפעלד! זיי וואַרפן אָן אַ מורא, אַ פחד אויף שעכטמאַנ׳ס גאָרילאַס. . .

אין דעם מאָמענט טוט פלוצים אַ הודזשע אויף דער גאַס און דורך דעם אָפענעם פענסטער דערטראָגט זיך אַ פילשטימיגער „הוראַ... הוראַ!"

אַלע וואַרפן זיך צום פענסטער. דאָרטן, אויף דער גאַס איז

שוואַרץ פון מענטשן. צוויי טעקסיס זיינען צוגעקומען. דאָס זיינען אָנגעקומען די באַפרייטע פירער. אַט שפרינגט ארויס איי־נער, א צווייטער, א דריטער... מען כאַפּט זיי אונטער, זיי שווימען שוין אין דער לופטן, מען טראָגט זיי אויף די הענט. ווען עס באַ־וויזט זיך גאָלד פון א טעקסי, ווערט די גאַנצע גאַס פאַרהילכט פון דונערדיגע הורא־אויסגעשרייען. ווי שפּענדלעך אויף א כוואַ־לעדיגן ים, באַוועגן זיך די באַפרייטע פירער אין דער לופטן. דער גאַנצער פיל־הונדערט־קעפּיגער עולם טראָגט זיי צו דער אריינ־גאַנג־טיר. מען פּראַלט אריין אינווייניג. אין איין אויגנבליק ווערט דער גרויסער לאַנגער צימער אָנגעפּאַקט — דערשטיקט צו ווערן. מ׳קושט זיך מיט די באַפרייטע, פריידן־טרערן שטייען אין די אויגן. מען לאָזט אראָפּ די פירער אויף דער פּאָדלאָגע, כאַפּן זיי אונטער אַנדערע גרופּעס און ווידער קנאַלט דער אַלגעמיינער „הורא״! אַלע צימערן און קאָרידאָרן זיינען פול מיט ארבעטער, אַלע שפּאַרן זיך אין דעם גרויסן צימער, וואו גאָלד איז. א כאַפּטע יונגע באַיעס רינגלען אים ארום:

— הער, בען, הער! דאָס האָבן מיר אַליין דאָס לידל געמאַכט:

גרין איז... דער וואָגן...
מ׳גריידי איז דער האָס...
מענשער איז דער דרייווער...
און גאָלד איז דער באָס...

מיט א שמייכל פון אַן עלטערן ברודער, וואָס פאַרשטייט די פרייד פון זיינע אינגערע שטיפערס, הערט ער זיך איין אין דאָס לידל, וואָס דערציילט אין פּרימיטיווע פערזן וועגן „בעקערמאַנ׳ען דעם שטאַרקן״, „זיגמאַנ׳ען די נבלה״, „שעכטמאַנ׳ען מיט זיין קרעמל״, דעם „פּאָרוועדטס״ מיט זיין שוואַרצער מאה״. אויסגע־הערט ביז׳ן סוף דעם גאַנצן צעטל, טוט ער א זאָג:

— נו, און איצט — לאָזט אונז ארבעטן!

עס ברעכט אויס אַן אַלגעמיינער אפּלאָז, און דער גאַנצער עולם טוט א פּראַל צוריק אין דעם לאַנגן ברייטן פּאָדערצימער, וואו מען כאַפּט שוין ווידער אונטער אין דער הויך דעם אָדער יענעם פון די באַפרייטע מיטגלידער פון דזשאָינט באָארד...

איינינקייט

„געגן פאראייניגטן פראָנט פון ארבעטער־שונאים — א פאַר־איייניגטער פראָנט פון ארבעטער!“

דאָס איז דער לאָזונג פון די קעמפנדיגע נאָדל־ארבעטער.

פאָרשטייער פון שעפער — קלאָוקמאַכער, דרעסמאַכער און פאַריער האָבן זיך פארזאמלט צו דעמאָנסטרירן זייער איינינג־קייט.

דער אלטער טרוים פון אלע פראָגרעסיווע טוער פון דער יו־ניאָן־באוועגונג — אמאַלגאמירן די גאנצע נאָדל־אינדוסטריע, הויבט אָן פארווירקלעכט ווערן.

די ארבעטער־פאררעטער ווייסן גאָרניט, וואָס פאר א וויכטיגע ראָל זיי שפּילן אין דעם פּראָצעס פון פאראייניגן די ארבעטער קרעפטן. קיין שום אגיטאַציע און פראָפאגאנדע וואָלטן ניט גע־קאנט אזוי אויפקלערן דעם ארבעטער־עולם, ווי די פאררעטערישע מעשים פון די זיגמאַנס, שעכטמאַנס און בעקערמאַנס מיט׳ן „פאַר־ווערטס“ אין דער שפּיץ!

עלעקטריזירט איז דער גאַנצער ארבעטער־עולם. ארום צוויי טויזנט שאפּ־טשערליים זיינען פארזאמלט — און דאָס הייסט, אז כמעט די גאנצע יוניאָן־מיטגלידערשאפט פון אלע גרעסטע טיילן פון דער נאָדל־אינדוסטריע איז געקומען צום קלאָרן באשלוס: דער איינציגער מיטל, ווי צו ראַטע־ווען די ארבעטער פעסטונגען, איז — איינינקייט!

— מיר האָבן זיך פארזאמלט דאָ היינט ניט צו האלטן לאנגע רעדעס. עס האָט געשלאָגן די שעה פון טאָן, פון מעשים. אונ־זערע שונאים זיינען שוין לאנג פאראייניגט. זיי האָבן צו זייער דינסט די פּאָלים, די דזשאָדזשעס, די גאנצע קאפּיטאַליסטישע מא־

שין און די אונטערוועלט. אונזער איינציגער געווער איז — א י י ־ נ י ג ק י י ט!

— דער פאַקט, וואָס קופער־יוניאָן איז היינט געפּאַקט מיט שאַפּ־פּאַרטרעטער פון אַלע דריי גרעסטע יוניאָנס פון דער נאָדל טרייד, באַווייזט קלאָר, אַז די איינינקייט אונזערע איז שוין אַ ווירקלעכקייט, און דאָס גיט אונז די רעכט צו זאָגן: דער מיטינג היינטיגער איז אַ היסטאָרישער! ביידע שאַפּ־טשערליַיט קאָונסילס, פון די פאָריער און פון די קלאָוק־ און דרעססמאַכער, האָבן זיך פאַראייניגט אין איין אָנפירנדיגער קערפּערשאַפט, און פון איצטיגן מאָמענט אָן, וועט דער קאַמף מיט די זיגמאַנס, שעכטמאַנס, מעט־טיו־וואָלס און מ׳גרעדים אָנגעפירט ווערן מיט פאַראייניגטע כחות!

איך קוק זיך איין אין דעם גדעדיכטן פיל־קעפּיגן עולם. עס שניידן זיך איין אין זכרון פלאַמיגע פּנים׳ער, ברענענדיגע אויגן, אויסגעשטרעקטע הוטן אין די הענט...

אזוי האָט דער עולם שאַפּ־טשערליַיט באַגעגנט די מעלדונג וועגן דער פאַראייניגונג פון די קאָונסילס און פון די דזשאָינט באָארדס, וואָס האָבן שוין צוגעטראָטן ארויסצוגעבן אַ קאַמפּס־אָרגאַן — די „ א י י נ י ג ק י י ט “.

— . . . די צייטונג וועט זיין אונזער פרייע טריבונע און אונזער וואָפן צו באַקעמפן מסירה, פאַרראַט און פּראָוואָקאַציע מצד די יוניאָן־ברעכער.

עס טרעט ארויס דער פירער פון די קלאָוק־און דרעססמאַכער, לואיס היימאַן: זיין רעדע פינקלט מיט אַלע פאַרבן פון געזונטן הומאָר, איז פול מיט סאַרקאַזם:

— . . . לויט דעם, ווי דער „פאָרווערטס“ גיט צו וויסן דער גאַנצער וועלט, עקזיסטירט שוין ניט מער דער דזשאָינט באָארד פון די קלאָוק־ און דרעססמאַכער. מיר זיינען, הייסט עס געשטאָרבן. דאָס דערמאָנט מיר אָן א קאָמישער מעשה אין אַ האָספּיטאַל. דער חולה איז פאַר׳חלש׳ט געוואָרן. האָט דער דאָקטאָר באַשלאָסן, אַז ער איז טויט, און געהייסן די באַדינער ארונטערטראָגן דעם „געשטאָרבענעם“ אין מאָרג. אויפ׳ן וועג צום מאָרג איז דער חולה געקומען צו זיך:

— וואוהין טראָגט איר מיך? — פרעגט ער בא די באַדינער.
— וואָס הייסט וואוהין, — ענטפערן די באַדינער: — אין מאָרג טראָגן מיר דיך.
— פאַר וואָס אין מאָרג?
— ווייל דו ביזט געשטאָרבן.
— וואָס הייסט איך בין געשטאָרבן? איך לעב דאָך!
— איי, גיי — ענטפערן זיי אים: — דער דאָקטאָר ווייסט בעסער פאַר דיר: אז ער זאָגט געשטאָרבן — איז געשטאָרבן, און דריי ניט קיין ספּאָדיק!
עס ברעכט אוים א הילכיגער געלעכטער.
— . . . אָט אזוי האַלט אין איין טענה'ן זיגמאַנ'ס באַדינער, דער „פאָרווערטס", אז מיר זיינען געשטאָרבן... אָבער מיר לעבן דאָך! אָט דאָס הייסט געשטאָרבן, ווען מיר קאָנען צונויפרופן אַזאַ מאַסע שאַפּ־טשערלייט? אז מיר שאַפן א פאַראייניגטן פראָנט און גיבן ארויס אַן אייגענעם אָרגאַן: „די איינינגקייט"? אז מיר שטעלן אָן דעם גרעסטן לאָיער פון יונייטעד סטייטס אויף א גאַנץ יאָר, ער זאָל פאַרטיידיגן אונז פון אַלע בלבולים און אַרויסראַטעווען די פאַראורטיילטע? איז דאָך א סימן, אז מיר קלייבן זיך לעבן לכל הפּחות א גאַנצן יאָר צייט! נאָר גיי רעד מיט'ן „פאָרווערטס", מיט דער פּויערשער קאָפּ; אים האָט דער „דאָקטאָר" זיגמאַן געזאָגט, אַז מיר זיינען טויט, שלעפּט ער אונז אין מאָרג. נאָר די אַלע שונאים אויף צופּאַקעניש וועלן מיר לעבן און קעמפן און באַזיגן די אַלע מוסרים, די פּראָוואָקאַטאָרס און די יוניאָן־ברעכער, און וועלן אויפבילדן איין מעכטיגן אמאַלגאַמיישאָן פון דער גאַנצער נאָדל־טרייד, וואָס וועט ניט נאָר אויסקעמפן בעסערע באַדינגונגען פאַר די אַרבעטער, נאָר וועט צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע אמאַלגאַמירטע טריידס פירן דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס צום אַנטגילטיגן זיג איבער דעם אַלגעמיינעם שונא, די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, און וועט ווערן דער באַלעבאָס איבער אַלע רייכטימער, וואָס ער באַשאַפט מיט זיין בלוט און שוויים.

* * *

עס האָט זיך געדוכט, אז קיין גרעסערע באַגייסטערונג קאָן

שוין ניט זיין — ווי די, וואָס האָט ארויסגערופן די מייסטערהאַפטע רעדע פון לואיס היימאַן.

איז אָבער ארויף אויף דער פּלאַטפאָרמע דער פירער פון די פאַריער — בען גאָלד...

ניט אַנדערש, אז דער מענטש איז געקנאָטן פון יענעם טייג, וואָס פון אים ווערן באַשאַפן פלאַקס־העלדן. אנדערש איז אומ־מעגלעך צו פאַרשטיין, ווי קאָן א מענטש ארויסרופן אזא אומבאַ־שרייבלעכן עקסטאַז בא גרויסע מאַסן, וואָס ווערן אין איין אויגנ־בליק פאַרוואַנדלט אין אַ פייער־שפּריצנדיגן וואולקאַן!

מען דאַרף באַזיצן א גוואַלדיגע אינערלעכע, זיך זעלבסט־קאָנ־טראָלירנדיגע קראַפט, כדי ניט צו פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, ניט אָנהויבן באַטראַכטן זיך אַלס אן „אויבערמענטש", אַלס א „גאָט" און בלייבן א ליבער חבר, א גוטער ברודער, וואָס האַלט זיך אַזוי פּראָסט און איינפאַך, רעדט אַזוי נשמה'דיג ווארים.

ניט אומזיסט פאָדערן די גרינס, אז מען זאָל פאַרניכטן די „גאָלדס": די גאָלדס וועלן באַגראָבן און באַשיטן די אַלע גרינע און געלע, און שווארצע לייבאָר־ביוראָקראַטן, אז קיין זכר וועט פון זיי ניט בלייבן...

דער האַס און צאָרן פון די ארבעטער-מאַסן

צענדליגער טויזנטער ארבעטער און ארבעטערינס האָבן אין איין און דערזעלבער שעה אויסגעדריקט זייער האַס און צאָרן געגן די מוסרים און יוניאָן-ברעכער פון'ם געל-שווארצן „פאָרווערטס" און דער אמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וואָס האָבן זיך אײנג פארבונדן מיט אַלע שווארצע כחות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג, כדי צו אונטערדריקן דעם פרייען קעמפענדיגן גייסט פון'ם ארבעטער-קלאַס.

ארום פיר-פינף דעם זייגער זיינען שוין ביי קופער-יוניאָן געשטאַנען געדיכטע מאַסן—אויסגעצויגן אין א לאַנגער-לאַנגער קייט, ארום און ארום, פון אַלע פיר זייטן פון דער געביידע.

מען איז געשטאַנען ווי צוגעשמידט, צונויפגעפּרעסט צו פיר אין א ריי, און שעה'ען-לאַנג געוואַרט, אז די טירן זאָלן זיך עפענען.

אויף די ארומיגע רוישיגע גאַסן געגנאיבער זיינען די פאַר-בייגייער שטיין געבליבן און האָבן פארוואונדערט געפרעגט איינער ביים צווייטן:

— וואָס ווער דען פאָרקומען היינט אין קופער-יוניאָן? פאַר-וואָס אזוינע געדיכטע מחנות מענטשן האָבן די געביידע ארומגע-רינגלט? א וועלט-באַרימטער זינגער וועט זינגען? א טשעמפּיאָן, א „פייטער" וועט ארויסטרעטן אין א געראַנגל?

ניין. ניט קיין באַרימטע זינגער און ניט אפילו קיין „קולאָק-העלדן", וואָס זיינען אזוי געאַכט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אמע-ריקע, האָבן דעם פיל-טויזנט-קעפּיגן ארבעטער-עולם צו קופער-יו-ניאָן געבראַכט. דאָס זיינען די אידישע נאָדל-ארבעטער געקומען אויסדריקן זייער האַס און צאָרן געגן די שווארצע מחבלים, וואָס האָבן דורך מסירה די ארבעטער-קעמפער אין טורמע ארייננגע-וואָרפן — —

ווי נאָר די טירן האָבן זיך געעפנט, איז גאַנץ קופּער־יוניאָן פּאַרפּלייצט געוואָרן מיט א זודיקן עולם.

די טויזנטער, וואָס זיינען אויסן געבליבן, וואָס די פּאָליציי און די פּיער־לייטע האָבן שוין מער ניט דורכגעלאָזן, זיינען געװען געצוואונגען אוועקלאָזן זיך צו די אַנדערע צוגעגרייטע פאַר־זאַמלונג־פּלעצער — צו מאַנהעטן לייסעאום, וועבסטער האָל און סטייוועסאַנט קאַסינאָ.

ניט דעם ערשטן מאָל קומט מיר אויס צו זיין אויף א פּראָ־טעסט־מיטינג. דערצו זיינען זיי איצט אזוי אָפט, אזוי קאָלאָסאָל און איינדרוקספול, אז ס'איז שווער צו זאָגן, וואָסערע פון זיי איז גראַנדיעזער.

און דאָך: דאָס מענטשלעכע וואָרט איז צו אָרים, צו בלייך און צו שוואך עס זאָל קאָנען אויסדריקן דאָס, וואָס קופּער־יוניאָן האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אין דעם אָוונט. האָט מען ווען עס איז געזען אַז א פיל־טויזנט־קעפּיגער עולם זאָל אַ גאַנצן אָוונט יעדע ווײַלע אויסברעכן אין א שטורמדיגן אפּלאָז? איז ווען גע־ווען אזא פאַל, אז בלויז דאָס דערמאָנען דעם נאָמען פון אַ מענטשן, וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך דעם גייסט פון קאַמף, זאָל ארויסרופן אזוינע דונערדיגע אויסגעשרייען און הענט־און־פוס קלאַפּערייען, אז די גאַנצע געביידע זאָל אויפגעטרייסלט ווערן?

דער דאָזיגער נאָמען איז געווען „ג אָ ל ד“.

גאָלד איז הינטער די גראַטעס. גאָלד מיט די איבעריגע מיט־קעמפער זיינען אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטישע דזשדזשעס. נאָר דער גייסט פון קאַמף, וואָס ער פאַרקערפּערט, שוועבט אין דעם איבערגעפּאַקטן קופּער־יוניאָן.

— ווי וואָנט גאָלד!... ווי וואָנט גאָלד!... ווי וואָנט גאָלד...

לאַנגע־לאַנגע מינוטן שטייט דער פיל־טויזנט־שטימיגער אויס־געשריי:

— „... ווי וואָנט גאָלד“!!...

עס טרעטן ארויס די באַליבטסטע, די באַגאַבטסטע, די טאַ־לאַנטפולסטע רעדנער, וואָס די אָרגאַניזירטע אידישע ארבעטער

פאַרמאָגן. און ווי נאָר זיי דערמאַנען דעם נאָמען „גאָלד“, טוט זיך א הויב דער גאַנצער עולם פון די ערטער און עס איז ניטאָ קיין סוף און קיין ברעג צום שטורמדיגן אפּלאָז — — —

איך זע טרערן ביי פילע אין די אויגן.

ווען דו זעסט טרערן ביי א פרוי, איז עס ניט קיין איבערראַשונג, אָבער טרערן ביי יונג און אַלט! טרערן, וואָס קייקלען זיך אויף גרויע בערד? טרערן, וואָס פינקלען אין יונגע ברענענדיגע אויגן!

— . . זיי האָבן געהאָפט, די מוסרים און פּראָוואָקאַטאָרן, אז ווען די ארבעטער־פירער, די ארבעטער־קעמפער וועלן זיין הינטער די גראַטעס און די באָסעס וועלן א קלאַפּ טאָן איבער דער מאַסע:

„גייט זיך רעדזשיסטרירן אין דער סקעב־יוניאָן, אניט — א לאָקאַוט!“ — וועט די יוניאָן צעבראָכן ווערן; געהאָפט, אז דער קערפּער וועט ניט קאָנען ארבעטן אָן דעם קאָפּ. איז אָבער א וואונדער געשען: דער קערפּער לעבט, און קמפט, און פאַרטיידיגט זיך!

— . . . די מייז און שטשורעס, אַלע פינסטערע כחות פון דער אונטערוועלט זיינען ארויסגעקראָכן פון זייערע נאָרעס און מ'פלעכט מסירות, מ'וועבט א נעץ פון בלבולים, מען דערמוטיגט די קאַפּיטאַליסטישע דזשאָדזשעס.

וואָס ווילן זיי? זיי ווילן צוברעכן די גרויסע און די שטאַרקע יוניאָן, די פאָריער־יוניאָן — — —

עס טוט א דונער דער גאַנצער קופּער־יוניאָן:

— זיי וועלן ברעכן די קעפּ, די מוסרים!

— יע־עס! — הילכט אָפּ אין דער לופטן מיט טויזנטער שטימען.

— ווען דער דונער, וואָס טראָגט זיך איצט פון אַלע איבערגעפּאַקטע פאַרזאַמלונג־פּלעצער, וועט זיך דערקייקלען צו זיי, צו די מעטיו וואָלס און מעקגריידיס, וואָס האַלטן נאָך אין וועבן זייערע עקלהאַפטע „פריים־אַפּס“, וועט זיי פינסטער ווערן אין די אויגן.

— די פאָריער־יוניאָן איז די שטאַרקסטע, די מעכטיגסטע

אין די פּאַראייניגטע שטאַטן! איז — אייניגקייט, חברים! איר זענט א מאַכט, וואָס קיינע פינסטערע כחות וועלן אייך ניט קאָנען איינברעכן!

דאָ האָט א בליץ געטאָן א פריידיגע בשורה: פון הינטער די גראַטעס פון מינעאָלער טורמע האָט גאָלד און די אַלע אַנדערע פאַרשפּאַרטע קעמפער א באַגריסונג-בריוו צוגעשיקט צו די פּראָ־טעסט-פאַרזאַמלונגען.

דאָס שטיקל צעקנייטשט פּאַפּירל מיט די קרום-אָפּגעריסענע ברעגן האָט אויסגעזען ווי א טייערער פּאַרמעט און די קרומע אָנ־געוואָרפענע אותיות׳לאך האָבן ארויסגעשיינט ווי שטראַלן פון הינטער א שווארצן וואָלקן.

— „פון הינטער די גראַטעס באַגריסן מיר אייך, בראַווע פּאָריער-קעמפער! מיר זיינען פאַרשפּאַרט, מיר קאָנען ניט זיין מיט אייך אין דעם געהויבענעם מאָמענט. נאָר מיט אונזער נשמה, מיט אונזער ליב־און-לעבן זיינען מיר מיט אייך! ניט נאָר טורמע קאָן אונז ניט אָפּשרעקן, נאָר אפילו דאָס לעבן זיינען מיר גרייט מקריב צו זיין פאַר דער שטאַרקייט פון אונזער יוניאָן, פאַר׳ן גליק פונ׳ם ארבעטער-קלאַס! שטייט ווי אן אייזערנע וואַנט!“

דער יובל פון די מאַסן, די פריידן-טרערן אין די טויזנטער פּאָר אויגן האָבן דייטלעך און קלאָר געזאָגט:

— מיר וועלן שטיין פעסט ווי אַנ׳אייזערנע וואַנט!

די שונאים שפּילן מיט פייער

אויב ווער פון די משרתים פון אמעריקאַן פעדעריישאַן אָוו לייבאָר האָט ביינגעוואוינט יענע וואָך דעם האַס און צאָרן פון די טויזנטער פּאָריער־אַרבעטער געגן די קאָרופּטע ביוראָקראַטן; אויב זיי האָבן פאַרשטאַנען, ווי פעסט און אַנטשלאָסן איז די פּאָריער מיטגלידערשאַפט אויפצונעמען דעם קאַמף, וואָס די יו־ניאָן־ברעכער האָבן זיך דערוואַגט אָנצוהייבן געגן דער געזעצ־לעך־אויסדערוויילטער פירערשאַפט, — האָבן זיי געמוזט קומען מיט אַ געבראָכן געמיט צו די „טשיפס“ זייערע און זאָגן:

— איר שפּילט מיט פייער. איר וועט ברעכן די קעפּ. לאָזט בעסער אָפּ. — איר וועט פאַרברענט ווערן!

מ'דאַרף טאַקע זיין אידיאָטיש־הפקר'דיג, כדי צו אונטערנע־מען זיך פירן אזא געפערלעכע שפּיל. ווייסן זיי דען ניט, די מוסרים און פאַררעטער, אַז זיי זיינען פאַרהאַסט פון דער גאַנצער פּאָריער־מיטגלידערשאַפט? פאַרשטייען זיי דען ניט, ווי נישטיג, ווי געמיין און לעבערלעך זיי זיינען אין פאַרגלייך מיט די בראַווע לינקע קעמפּער?

זיי פאַרשטייען גאַנץ גוט, אַז זייער ממשלה איז געענדיגט, אַז צוזאַמען מיט זיגמאַנ'ען, שלעזינגערן וועלן זיי אַריינגעשמיסן ווע־רען אין דעם מיסט־קאַסטן פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַ־וועגונג — איז די לאָגיק זייערע אזא: אויב שוין יאָ פאַרלירן דעם פעטן „דזשאָב“, דאַרף מען צעברעכן און צעשטעכן די יוניאָנס! דער פּאָליס־דעפּאַרטמענט און די דזשאַדזשעס זיינען דאָך מיט אונז. איי, די צענדליגער טויזנטער אַרבעטער און זייערע פאַמי־ליעס וועלן דורך דעם פאַרשקלאַפט ווערן ביי די באַלעבאַטים— וואָס אַרט עס זיי? ווי באַלד זיי קענען שוין מער ניט געוועלטיגן איבער די אַרבעטער, איז זאָל גיין אַלץ צו גרונט! זיי האָבן שוין ניט וואָס אָנצואווערן...

— . . . מיר האָבן ניט געגלויבט, אז די הפקר־יונגען וועלן
גיין אזוי ווייט. ס'האָט זיך ניט געגלויבט, אז זיי וועלן זיך דער־
וואַגן אויפהויבן א האַנט געגן א יוניאָן, וואָס איז אזוי שטאַרק
און מעכטיג געוואָרן אונטער דער לינקער פירערשאַפט. ווען דאָ
וואָלט זיך האַנדלען בלויז וועגן דעם, אז זיי, די אויסגעשפּילטע
און פאַרשפּיגענע, פּרואוון בלויז אויסגעפינען, מיט וועמען איז די
מיטגלידערשאַפט — מיט זיי, צי מיט די פאַרטרויטע לינקע פירער,
— וואָלט מען זיך געקאַנט אויסלאַכן. נאָר די לאַגע איז ערנ־
סטער: די יוניאָן אונזערע געפינט זיך אין גרויס געפאַר פאַרניכ־
טעט צו ווערן! די יוניאָן איז געשאַפן געוואָרן מיט בלוט און
שוויים פון אונז ארבעטער. די פאָגראָמשטשיקעס וועלן זיך פאַר
קיין זאך ניט אָפּשטעלן, ווייל זיי האָבן ניט וואָס אָנצואווערן. אָט־
דאָ ליגט די געפאַר און מיר דאַרפן געדיינקען: אויב מיר וועלן
אַלע ווי איין מענטש ניט אָנשליסן זיך אין פעסטע, קעמפנדיגע רייִ־
ען, כדי צו באַשיצן אונזער פעסטונג מיט אַלע מיטלען, וואָס דער
מאָמענט וועט פאָדערן, — איז די געפאַר זייער ערנסט — וועלן צע־
שמעטערט ווערן אונזערע אויסגעקעמפטע דעראָבערונגען און די
טויזנטער יוניאָן־מיטגלידער וועלן ווידער ליגן אונטער'ן קנאַפּל פון
די באַלעבאַטים! קאַמף, קאַמף און קאַמף! אין די שפּער און ארום
די שעפּער! די הויפּט־באַנדיטן פונ'ם אינטערנייישאָנאַל האָבן
בלויז איין מיטל — גענגסטער. וועלן מיר זיי פאַרטרייבן פון אונ־
זערע שעפּער! די געפאַר, חברים, איז גרויס נאָך אין איין פּרט:
אויב ווער פון אייך וועט אוים מורא צו פאַרלירן דעם „דזשאָב",
אויך פאַרלירן די מוט און וועט זיך לאָזן פאַרפירן פון די יוניאָן־
ברעכער, דער זאָל געדיינקען, אז אין דעם מאָמענט, ווען ער גייט
זיך „ר ע ד ז ש י ס ט ר י ר ן" דאָרט אין הפקר'דיגן אינטער־
נייישאָנאַל, פאַרראַט ער ניט נאָר זיך אליין, — ער פאַרראַט די
גאַנצע ארבעטער־באַוועגונג! די פאָריער האָבן אריינגעטראָגן
אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט א נייעם גייסט — א גייסט פון
קלאַסן־באַוואוסטזיין, פון פּראָלעטאַרישער אייניגקייט, פון אַרבע־
טער־סאָלידאַריטעט! וועט מען אונז צעברעכן און פאַרניכטן, וועט
צעבראָכן און פאַרניכטעט ווערן אַ וויכטיגער זייל פון דער אמע־

ריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג! דאָס וויל דער פאַראייניגטער פראָנט פון די אַרבעטער־שונאים, דערצו שטרעבן זיי. טאָ לאָזט זיך ניט פאַרפירן! שטייט שטאָל און אייזן פאַר אייער רעכט צו האָבן די פירער, וועלכע איר דערוויילט! איר וועט דערמיט שטאַרקן די מוט פון צענדליגער טויזנטער אַרבעטער פון אַנדערע פאַכן אין דער נאָדל־אינדוסטרי. און מיט פאַראייניגטע כחות וועלן אויסראָטן דאָס לעצטע ביסל שמוץ אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס!

. . . ווי האַרמאַטן וואָלטן געגומען דונערן, ווי אַ כוואַליענדיגער ים וואָלט אַרויס פון די ברעגן, — אַזוי האָט געדונערט און געשטורמט דער באַגייסטערטער עולם אַרבעטער.

יאָ, די אַרבעטער־שונאים שפּילן מיט פייער.

דער פייער צופלאַקערט זיך

מחנות ארבעטער־פּאַריער האָבן געשטראָמט צו קופּער־יוניאָן און וועבסטער האָל.

דער זייגער האָט געוויזן ערשט האַלב נאָך זעקס, און דער גרויסער זאַל פון קופּער־יוניאָן איז שוין געווען איבערגעפּאַקט ביז׳ן לעצטן גראַד. אין אַלע דורכגאַנגען, אין דער גאַנצער רונדער לענג, הינטער די טויזנטער פּלעצער, אויף דער פּלאַטפאָרמע — אומעטום צונויפגעפּרעסטע קערפּערס, — דערשטיקט צו ווערן.

אויף דער פּלאַטפאָרמע טרעט אויף א מיטגליד פון דזשאָינט באָארד און טיילט מיט די פאַרזאַמלטע ארבעטער די לעצטע גע־שעענישן אין פּאַריער־טרייד, ווי אזוי די אַגענטן פון די פאַרהאַסטע זעלבסטהערשער צווינגען די אַרבעטער צו פאַרראַטן די יוניאָן.

— מיט דער הילף פון פּאָליציי, פון אינדאַסטריאַל סקוואַד, גענגסטער, — מיט טעראָר ווילן די שעבטמאַנס און די מעקגריי־דים אריינשלעפּן די אַרבעטער צו זיך אין קרעמל. וואָס דאַרף זיין אונזער ענטפער? אייניגקייט, סאָלידאַריטעט און קאַמף!

עס טרעטן אויף רייגק־און־פּיילער:

— איך האָב בייגעוואוינט א בילד, וואָס האָט מיר דערמאַנט אָן די אַמאָליגע אַלטע צאַרישע צייטן אין אָדעס, — זאָגט אן אַר־בעטער: — דאַמאָלסט האָבן זשאַנדאַרמען און גאָראָדאָוואָיען מיט אנטבלויזטע שווערדן געפירט רעוואָלוציאָנערן פון איין טורמע אין דער צווייטער. היינט האָט דער אינדאַסטריעל סקוואַד, די פּאָליציי און גענגסטערס ארומגערינגלט א גרויסן שאַפּ צו צווינגען די אַרבעטער גיין זיך רעגיסטרירן ביי די אַרבעטער־פאַררעטער...

ווי דעמאָלסט האָבן די זשאַנדאַרמען ניט דערלאָזט, אז די אַרעסטירטע רעוואָלוציאָנערן זאָלן זיך באַגריסן מיט די, וואָס זיי־נען געקומען זיך געזעגענען מיט זיי, אזוי האָבן די היינטיגע זשאַנ־

דאַרמען דאָ אין דער „דעמאָקראַטישער“ אַמעריקע ניט צוגעלאָזט אונז צו די אַרבעטער — —

די רעדע ווערט אָפּגעבראָכן פון שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטן — דאָס איז בען גאָלד אַריינגעקומען, ערשט פון טורמע זיך באַפרייט אויף ערבות...

דער גאַנצער עולם הויבט זיך אויף פון די ערטער און יובל׳־דיגע אויסגעשרייען „הורריי פאַר גאָלד׳ן“ — גיסן זיך צונויף מיט די דונערדיגע הענט־קלאַפּעריען און סוויסטשעריען.

עס שטורמט און דונערט אָן אַ סוף, אָן אַ ברעג:

— גאָלד... גאָלד... גאָלד....

עס פליען היטלען אין דער לופטן, עס זעען זיך פריידן־טרערן ביי אַלטע און יונגע...

אָט לויפט צו איינער אַן אַלטער און וואַרפט זיך צו גאָלדן אויפ׳ן האַלז קושן.

מיט דריבנע טריט לויפט צו אַן אַלטעטשקע, וואָס זיצט אויף דער פּלאַטפאָרמע, און דריקט אים שטאַרק די האַנט...

ווי אַ פאַרשעמטער זעצט ער זיך אַוועק אין הינטערגרונט פון דער ברייטער בינע — אַן אָפּגעצערטער, מיט איינגעפאַלענע באַקן, נאָר די פיבערדיגע אויגן זיינע שפּיזן זיך איין אין דעם פיל־טויזנט־קעפּיגן עולם. ער באַטראַכט די אַרמיי:

— איז זי גרייט צום קאַמף?

דער פאָרזיצער שטעלט איין אָרדנונג און דער צעטל רעדנער גייט אָן ווייטער. מ׳הערט אויס די רעדנער, די גוט־באַוואוסטע, שטאַרק באַליבטע, מען אַפּלאָדירט, נאָר יעדער איינער וואַרט מיט אומגעדולד, אַז עס זאָל שוין אַרויסטרעטן גאָלד, וואָס פאַרקער־פערט מיט זיך דעם פלאַקערדיגן פייער.

ענדליך איז דער מאָמענט געקומען:

— . . . קיינמאָל איז מיר ניט געווען אַזוי שווער צו רעדן, ווי היינט,—האָט גאָלד אָנגעהויבן שטיל און געלאַסן: — איך האָב פון קינדהייט אָן אַ סך שווידערלעכע מאָמענטן אין מיין לעבן דורכ־געלעבט. פאַר די יאָרן פון קאַמף דאָ אין אַמעריקע האָב איך אויך גענוג צרות אויסגעשטאַנען. געווען צעשניטן און צושלאָגן פון

פּאָליס און פון גענגסטער. דערוואַרטן נידערטרעכטיגקייט פון באַ־לעבאַטים , עקספּלואַטאַטאָרס, פּאָליס, גענגסטער — דאָס איז פאַר־שטענדלעך, דאָס איז נאַטירלעך. אָבער צוזען, ווי כלומר'שט „אַר־בעטער־פירער", כלומר'שט „פּאַרטרעטער" און „פּאַרזאָרגער" פון אַרבעטער־אינטערעסן זאָלן אַזוי נידערטרעכטיג, אַזוי אומפאַרשעמט פאַ'מסור'ן אַרבעטער פאַר קאַפּיטאַליסטישע דזשאָדזשעס — דאָס איז אוממעגלעך אַריבערצוטראָגן! איך בין היינט געווען אין דעם קאַפּיטאַליסטישן געריכט, וואו די קאָרופּטע ביוראָקראַטן פון אַמע־ריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר האָבן פאַר'מסור'ט ניט נאָר אונז, די פירער פון דזשאָינט באָאַרד, נאָר אויך די גאַנצע יוניאָן, די אַלע צוועלף טויזנט אַרבעטער־פּאַריער! ווען באַלעבאַטים שלעפּן אונז אין קאָורט, — דאָס פאַרשטיי איך; אז די פּאָליס, די דעטעק־טיווס, די גענגסטער שאַרפן אויף אונז די ציין — דאָס פאַרשטיי איך. אָבער ווען אַ לייבאָר־אָרגאַניזער, וואָס האָט זיך אויסגע־פּאַשעט אויף אונזער בלוט און שוויים, וואָס לעבט שוין פערציג יאָר אויפ'ן חשבון פונ'ם אַרבעטער־קלאַס, זאָל פאַר'מסור'ן אַ יו־ניאָן, אַן אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע פאַר אַ קאַפּיטאַליסטישן געריכט! — וואָס־זשע קאָן זיין שוידערלעכער, וואָס קאָן זיין שמערצלעכער? ער, דער „פּאַרטרעטער" פון אַרבעטער־אינטערעסן, מר. ע. פריינ י, האָט באַשימפּט, באַשמוצט אונזער יוניאָן, וואָס איז היינט־צו־טאָג די מעכטיגסטע אין נאָדל־טרייד; אַ יוניאָן, וואָס האָט אויס־געקעמפט אַ פערציג שטונדיגע, פינף־טאָגיגע אַרבעטס־וואָך, וואָס דאָס איז געווען דער טרוים פון אַלע פּאַריער־אַרבעטער יאָרן־לאַנג. און אָט־די יוניאָן, די דאָזיגע אַרבעטער־קעמפער, זיינען ביי דעם לייבאָר־אָרגאַניזער פון אַמעריקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר — גזלנים, מערדער, מעסער־שטעכער — — — —

מיט אַ פאַרכאַפּנדיגן אָטעם הערט זיך צו דער צונויפגעפּרעס־טער עולם צו בען גאָלד'ס ווערטער, וואָס פליסן ווי אַ פייערדיגער שטראָם. יעדע באַוועגונג פון זיין בויגיגן קערפּער, יעדעס וואָרט זיינס, וואָס פינקלט ווי אַ טראָפּן בלוט אין דער שיין פון ליכט; זיין וויברירנדיג קול, דער אָטעם זיינער — אַלץ דרינגט אַריין אין די הערצער, אין די מוחות, אין די נשמות פון די פאַרזאַמלטע

ארבעטער־מאַסן און שמידט, און האַמערט אויס איין געדאַנק, איין ווילן:

— צעשמעטערן, פארניכטן, אויסראָטן די שווארצע פינסטער־ניש, די פאררעטער, די מוסרים, די פריינים, די מעטיו וואָלס, די שעכטמאַנס, די זיגמאַנס!

— איך וועל אפשר די קומענדיגע וואָך זיין אריינגעשפּאַרט אין דזשייל אויף אַ לאַנגן טערמין. עס קאָן זיין, אַז אויך די אי־בעריגע מיטגלידער פון דזשאָינט באָארד וועלן ארויסגעריסן ווערן פון אייערע רייען. האָבן מיר שוין אַלעס באַזאָרגט: אַ מענע־דזשער, אַן אָרגאַנייזער, אַ ביזנעס־איידזשענט — אַלץ אָנגעגרייט, די מאַשינעריע איז פארטיג צו באַגעגענען אַלע גרויזאַמע דערוואַר־טונגען. די ארבעט פון אונזער יוניאָן צו פארטיידיגן די אינטע־רעסן פון די ארבעטער וועט פאָרטגעזעצט ווערן. די פאָריער יו־ניאָן וועט שטיין אויף דער וואַך, וועט אָפּשלאָגן אַלע אַטאַקן פון די פאררעטער און באַזיגן אַלע שווארצע כחות. שטייט פעסט און מונטער. היט אָפּ די יוניאָן פון די פאררעטער און מוסרים!

* * *

אַלץ שטאַרקער און העלישער ברענט זיך פאַנאַנדער דער פייער, און שמעלצט צונויף די פאָריער־ארמיי, וואָס איז גרייט צום קאַמף.

דער אַוואַנגאַרד פון ארבעטער־פרויען

מ'האָט זיך איינגערעדט, מ'האָט זיך איינגעשמועסט, אז די ארבעטער־פרוי איז נאָך ניט רייף צום קאמף. און וויפיל די ארבעטער־פרוי זאָל ניט ארויסצייגן קיין העלדן־מוט, אָפּפערוויליגקייט, קאמפּסלוסטיגקייט, האלט מען נאָך, אז זי איז אָפּגעשטאַנען.

האָבן דען אונזערע ארבעטערינס ווייניג העלדישקייט ארויסגעוויזן אין דעם קלאָוקמאכער סטרייק, אין דעם פּאָריער־סטרייק? האָבן זיי דען ניט גענומען דעם אקטיווסטן אנטייל גלייך מיט די מענער אין דעם העראָאישן פאסייק־סטרייק?

אויב ס'איז ביי וועמען פּאָרט פארבליבן א שאָטן פון צווייפל אין דער מוטיגקייט און קלאסנבאוואוסטזיניגקייט פון דער ארבעטער־פרוי — האָט דער גראנדיעזער פרויען־מאססמיטינג אין קופּער־יוניאָן פעסט באשטעטיגט, אז דער קעמפנדיגער ארבעטער־קלאס פארמאָגט שוין א גרויסן אוואנגארד פון דרייסטע, איבערגעגעבענע קעמפערינס־פרויען, וואָס קאנען דינען אלס א מוסטער אפילו פאר א סך מענער־ארבעטער...

דאָס לעבן איז דער בעסטער לערער. דער דאָרנדיגער וועג פון קלאסנקאמף האָט געעפנט די אויגן, אויפגעקלערט די מחות פון די אָפּגעשטאַנענסטע שיכטן פון די פארשקלאפטע, סיי מענער און סיי פרויען. צוזאמען מיט'ן ארבעטער ווערט פארשווארצט און פארפינסטערט אויך די פרוי, לידן מאנגעל אויך די קינדער. איז גאנץ נאטירלעך, וואָס די פארברעכערישע מעשים פון די ארבעטער־פאררעטער האָבן אויך דערצאָרנט די טויזנטער פרויען, וועמעס מענער בלוטיגן אין קאמף.

די ווענט פון קופּער־יוניאָן האָבן צום ערשטן מאָל דערזען און דערהערט די קעמפענדיגע פרוי.

אלע פּלעצער זיינען פארנומען מערסטנס מיט ארבעטער־פרויען, יונגע און אלטע, מוטערס און טעכטער, באָבעס און אייניקלעך.

עס זעען זיך דאַ און דאָרט גרייז־גרויע אידענעס... זייערע אַלטע צעקנייטשטע פּנים׳ער זיינען צעפלאַמט. ס׳איז קאנטיג, אז זיי זיינען דעם ערשטן מאָל אויף אַזא גרויסן מיטינג. צום ערשטן מאָל זעען זיי, ווי א יונגע מיידל, א קליינגעוויקסיגע, א דאַרינקע, מיט שוואַרצע ברענענדיגע אויגן דונערט אין גרימצאָרן פון דער פּלאַטפּאָרמע:

— ס׳איז א ליגן, אז די ארבעטער־פרוי, די הויז־פרוי איז ניט פייאיג צום קאַמף, אז מ׳קאן זיי ניט אָרגאַניזירן! פּאַסייק־סטרייק האָט באַוויזן ווי העלדיש און מוטיג די פרוי קאן קעמפן! לאָמיר זיך אָרגאַניזירן, ארבעטער־פרויען, און צוזאַמען מיט די ארבעטער מענער, האַנט אין האַנט, אַקסל צו אקסל גיין אין קאַמף מיט די שונאים און פאַררעטער פון ארבעטער־קלאַס!

ווי באַגייסטערט איז אָט יענע אַלטעטשקע, וואָס זיצט אין דער ערשטער רייע, מיט אַ פּאַטשיילקע אויפ׳ן קאָפּ... זי פּאַטשט מיט די הענט, ווי אַ יונגע, און קוקט זיך אום אויף אַלע זייטן — אַזוי יום־טוב׳דיג איז אַרום און אַרום!

איינע נאָך דער אנדערער קומען ארויף אויף דער פּלאַטפּאָרמע ארבעטער־פרויען און האַלטן לאַנגע שטאַרקע רעדעס. פון וואַנעט האָבן זיך דאָס גענומען אַזוינע רעדנערקעס? וואו האָבן זיי זיך געלערנט, וואו האָבן זיי שטודירט די קונסט פון האַלטן דרשות און אַזוי הייס, אַזוי שטאַרק, אַזוי מוטיג און דרייסט?

— דער היינטיגער מיטינג איז דער ערשטער ארויסטריט אונזערער, ארבעטער־פרויען! די גוואַלדיגע פאַרברעכן פון די לייבאָר־ביוראָקראַטן, פון די אַלע יוניאָן־ברעכער און פאַררעטער פון דער אמעריקאַן פעדערייִשאָר אָוו לייבאָר דאַרפן ארויסרופן אונזער שטאַרקסטן פּראָטעסט און ווידערשטאַנד! ס׳זיינען פאַראַן א סך הויז־פרויען, וואָס דענקען, אז זייער פּלאַץ איז די שטוב, די קיך, די טעפּלעך. איר זענט מוטערס! יעדער פרוי קאן זיין אַ מוטער! און אַלס א מוטער דאַרפט איר ווייסן, אז אייערע קינדער זיינען די צוקונפטיגע ארבעטער און ארבעטערינס אין די שעפּער. זיי וועלן מוזן פאָרזעצן דעם קאַמף, וואָס זייערע פאָטערס פירן איצט אָן. דאַרפט איר ווייסן, ווי אַזוי איז געבויט די איצטיגע קאַפּיטאַ־

ליסטישע אָרדנונג, כדי צו דערציען די קינדער אין גייסט פון קאַמף! אונזערע מענער, ברידער, חתנים — די בעסטע, די מוטיגסטע פון זיי — ווערן אַרעסטירט, אריינגעזעצט אין טורמע — פאַר־וואָס? בלויז דערפאַר, וואָס זיי קעמפן פאַר א ריינער, שטאַרקער יוניאָן, וואָס זאָל אויסקעמפן א שטיקל ברויט פאַר ווייב און קינד.

— ס'איז געקומען צו מיר אן אַלטעטשקע איינע און האָט געוויינט:

— מיין זון, זאָגט זי, איז אַזאַ גוטער, אזא שטילער, א פליג אויפ'ן וואַנט טשעפּעט ער ניט... און מ'האָט אים אַרעסטירט, אריינגעוואָרפן אין טורמע — זאָגט מיר, טייערינקע: פאַרוואָס האָט מען אים אַרעסטירט, פאַרוואָס האָט מען אים אריינגעזעצט אין טורמע?

א סך מוטערס ווייסן ניט און פאַרשטייען ניט, פאַרוואָס מ'פאַר־זעצט זייערע מענער, זייערע זין אין טורמע, וואָס האָבן קיין שום פאַרברעכן ניט באַגאַנגען. זיי ווייסן נאָך ניט, אז זיין אַן אָרנטלע־כער יוניאָן־מאַן, אַן איבערגעגעבענער די אינטערעסן פון ארבע־טער־קלאַס — איז דאָ אין דער „דעמאָקראַטישער פרייער" אמערי־קע — א פאַרברעכן! לאָמיר זיך אָרגאַניזירן, לאָמיר זיך באַ־קאַנען מיט אַלע אומשטענדן און אריינטרעטן אין קאַמף צוזאַמען מיט אונזערע מענער, ברידער און חתנים,—און דאַן וועט קומען די באַפרייאונג!

אויף דער פּלאַטפאָרמע זיצן רייען פרויען, אייניגע מיט פיצלעך קינדער אויף די הענט. דאָס זיינען די פאַמיליעס, וואָס זייערע ברויטגעבער שמאַכטן אין טורמע א דאַנק די פאַררעטער. עס טרעט ארויס איינע פון זיי, נאָך גאָר א יונגע און שוין א פאַרמאַ־טערטע פון לעבן. ס'פאַרכאַפּט איר דעם אָטעם — דעם ערשטן מאָל אויף איר לעבן רעדט זי צו אזא גרויסן עולם; דעם ערשטן מאָל שטייט זי אויף א פּלאַטפאָרמע און רעדט. דער גרויסער ווײ־טאָג צווינגט איר אָבער ארויסרעדן די ווערטער:

— מיין מאַן און חבר שמאַכט הינטער די אייזערנע גראַטעס... ער איז אומשולדיג.. בלויז צוויי באַלעבאַטים זיינען געווען די עדות פאַר באַשולדיגונג... די אַרעסטירטע האַלטן זיך דרייסט. זיי

האָפן, אז איר אַלע וועט אָנווענדן די נויטיגע מיטלען זיי צו באַ־פרייען... זיגמאַנ׳ס און שעכטמאַנ׳ס אַגענטן קומען צו זיי אין טורמע און נאַרן זיי צו פאַרראַט, צו מסירה געגן דער דזשאָינט באָארד. די אומשולדיגע פריזאָנערס האַלטן זיך בראַוו, ווייל זיי ווייסן, אז זיי לײַדן, כדי אויסצוקעמפן א ריינע, שטאַרקע יוניאָן. זיי האָפן, אז מיר אַלע, אַרבעטער־פרויען, וועלן זיך אָרגאַניזירן און העלפן זיי באַפרייען — — — —

עס טרעט אַרויס א יונג בחור׳ל, אַן אַרבעטער, און מיט׳ן גאַנצן ברען פון זיין יונגער נשמה נאָגלט ער צו צום שאַנד־קלאָץ די אַלע אַרבעטער־פאַררעטער, די יוניאָן־ברעכער, די מוסרים און פראָ־וואָקאַטאָרן, וואָס האָבן אַריינגעוואָרפן אין געפענגעניש די בעסטע אַרבעטער־קעמפער:

— צו באַפרייען אונזערע ברידער, וואָס שמאַכטן אין טור־מע, באַדאַרף מען האָבן מיטלען. דער דזשאָינט דעפענס קאָמיטע פון קלאָוקמאַכער און פאָריער גרייט צו א גרויסע אונטערנעמונג — א באַזאַר, וואָס וועט אָנהאַלטן פיר טעג. דער באַזאַר דאַרף זיין אַן ערפאָלג. יעדער הויז־פרוי, יעדער אַרבעטער־פרוי דאַרף זיך אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט, זאַמלען אַרטיקלען, העלפן זיי פאַרקויפן. דאָס איז זייער וויכטיג. אָרגאַניזירט זיך, אַרבעטער־פרויען! העלפט אַרויסראַטעווען אונזערע ברידער פון די טורמעס — און אַלע צוזאַמען מיט אונזער איינינקייט און קלאַסנבאַוואוסט־זיין וועלן מיר פאַרטרייבן די אונטערוועלט־יונגען פון אונזערע אַר־בעטער־אָרגאַניזאַציעס!

א באַזונדער פייערלעכע שטימונג האָט געשאַפן דער פירער פון די קלאָוקמאַכער, לואיס היימאַן, מיט זיין טאַלאַנטפולער רעדע:

— איך בין געווען איינער פון די, וואָס האָבן געצווייפלט צי דער פרויען־מיטינג וועט זיין אַן ערפאָלג. איך בין געווען דאַגעגן, אז מ׳זאָל נעמען אזא גרויסן זאַל. איצט זע איך, אז איך האָב געהאַט א גרויסן טועת. אונזערע אַרבעטער־פרויען האָבן היינט באַוויזן, אז זיי קאָנען אָנפילן א קופער־יוניאָן, קאָנען פירן א מי־טינג, האַלטן רעדעס, און אזוינע שטאַרקע רעדעס, אז איך האָב מורא איך זאָל ניט פאַרשעמט ווערן מיט מיין רעדע...

באַפּוצט מיט משלים, מיט טרעפנדיגע גלייכווערטלעך, מיט פּסוקים פון געלערנטע און פילאָזאָפן, גיט דער רעדנער אַן אָפּשאַצונג פון דער ראָלע, וואָס די פרוי שפּילט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן; ער פאָדערט אויף די גרויסע פאַרזאַמלונג אָרגאַניזירן זיך און אין געשלאָסענע רייען צוזאַמען מיט די מענער־אַרבעטער פאַרטיידיגן די אַרבעטער־פּעסטונגען, וואָס ווען אויסקעמפן ניט נאָר בעסערע אַרבעט־באַדינגונגען, נאָר אויך פירן דעם אַרבעטער־קלאַס צום גרויסן זיג — זיין דער הערשער איבער אַלץ, וואָס ער שאַפט מיט זיין שווייס און בלוט...

דער אַוואַנגאַרד פון אַרבעטער־פרויען האָט דעמאָנסטרירט זיין גרייטקייט אריינוואַרפן זיך אין קאַמף.

מינעאָלאַ

דאָס קליין שיין שטעטל לעבן ניו־יאָרק איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַ שווערע שטראָף: אין אירע ד׳ אמות איז געווען אַ שענדלעכער משפּט איבער אַרבעטער־קעמפער בלויז דערפאַר, וואָס זיי דינען טריי און מוטיג דעם אַרבעטער־קלאַס.

פּאָעטיש קלינגט דער נאָמען פון דעם שטעטל — „מינעאָלאַ“. די גאַסן זיינען ברייט און רואיג, און צווישן די שיינע, ניי־אויפגעבויטע הייזער קוקט אַרויס אַ פּראַכטפולער פּאַלאַץ מיט אַ פעלדברייטן אַריינגאַנג, וואָס איז אויסגעברוקירט מיט קאָלירטע געקעסטלטע שטיינדלעך. ביי ביידע זייטן פון דעם אַריינגאַנג־פּלאַץ ציען זיך גרינע לאַנקעס, אַרומגעצאַמט מיט געדיכט־צעוואַקסענע קוסטעס, נידעריג־געשאָרענע, וואָס קוקן אויס ווי אַ גרינע פּאַרענטשע.

די העלע פרילינג־זון שיקט אירע זונען־שטראַלן אַרום און אַרום, און עס דוכט זיך, אַז דער דאָזיגער טרוימערישער פּאַלאַץ איז איינע פון די סאָוועטישע סאַנאַטאָריומס...

דער דאָזיגער געדאַנק ווערט אָבער באַלד פאַרשוואונדן, ווען דו קומסט צו נענטער: ביים אַריינגאַנג שטייען בלויע רעק מיט באַוועגלעכע פּלעקלעך אין די הענט. זיי שטעלן דיך אָפּ און פרעגן, ווער ביסטו. אָן אַ פּאָליס־קאַרט אָדער אָן אַן עדות־קוויטל וועט מען דיך אַהער ניט אַריינלאָזן:

דאָס איז דער געריכט־הויז, וואו עס ווערן גע׳משפּט די פירער און טוער פון דער ניו־יאָרקער פּאָריער־יוניאָן.

אַ גרויסע שטילקייט הערשט אין די טונקעלע פּאָדערצימערן, אין די לאַנגע דורכגאַנגען, וואָס פירן צום געריכט־זאַל. ווידער שטעלן דיך אָפּ שומרים. אַ שטומער באַווייז פון אַ פּאָליס־קאַרט, און דו טרעטסט אַריין אין די „קדשי־קדשים“ פון דער קאַפּיטאַליסטישער „גערעכטיגקייט“...

געפאקט איז דער ברייטער גרויסער געריכט־זאל. אויבן־אן, אויפ'ן כסא־הכבוד זיצט דער ריכטער. פארגליווערט איז זיין גע־זיכט, קאלט, אויסגעלאשן זיינען זיינע גרויע אויגן. ער זיצט אין דער הויך, אפגעצאמט מיט פארענטשעס פון די ארומיגע — ער איז העכער פון אלע מענטשלעכע שוואכקייטן, פון פערזענלעכע סימפאטיעס און אנטיפאטיעס: ער איז די פארקערפערונג פון „גע־רעכטיגקייט"...

יא, אזוי האט עס באדארפט זיין. נאר...

שטום און קאלט פאלגט ער נאך דעם ווערטער־געראנגל צווישן די באשולדיגער און די פארטיידיגער.

ווער ווערן באשולדיגט?

באלעבאטים — ארבעטער.

אויף דער באשולדיגונג־באנק זיצן די פירער פונ'ם דזשאינט באארד פון די פאריער און עטלעכע אקטיווע יוניאן־טוער — א דאנק א פארשווערונג געגן זיי פון א בינטל אויסוואורפן.

אויף צוויי רייען שטולן זיצן די אנגעקלאגטע, צווישן זיי דער הויפט־פירער פון די צוועלף טויזנט פאריער, בען גאלד. פון אלע זייטן שומרים: הינטער זיי — דעטעקטיווס, פארנט און ביי דער זייט — שעריפס. זיי לאזן ניט אראפ די אויגן פון די אנגעקלאגטע. טוט זיך א הויב פון זיי אימיצער א קוק טאן, דער־זען ווערן פון זיינע פריינט, וואס זיצן צווישן דעם עולם, — ווערט פארצאפלט א שעריף, טוט צו אים א ווינק — ער זאל זיך אוועקזעצן...

ווען עס ענדיגט זיך א פארהער און מ'מאכט אן איבעררייס, ווערט א טרעוואגע: מ'פאדערט אויף דעם עולם בלייבן זיצן אויף די ערטער. דאס דארף מען פריער די אנגעקלאגטע ארויספירן פון געריכט־צימער צוריק אין טורמע... ווי געפערלעכע פארברע־כער, ווי פעלד־גזלנים וואלטן זיי געווען — אזוי פארזיכטיג זיי־נען די שעריפס און די דעטעקטיווס מיט די גע'משפט'ע...

רעכטס — פונקט אנטקעגן די אנגעקלאגטע—זיצט די זשו־רי, אפגעטיילט מיט פארענטשעס.

ווער זיינען זיי?

ריעל־עסטייטניקעס, קאָנטראַקטאָרס, ביזנעס־לייט, „חשוב'ע ביר־גער"... זיי דאַרפן דאָס ארויסטראָגן דעם גערעכטן פּסק־דין פאַר אַרבעטער!

אינמיטן, צווישן די אָנגעקלאָגטע און דער זשורי, זיצן ארום טישן די לאָיערס פון דער פאַרטיידיגונג; ביי א טיש לעבן דער זשורי — דער הויפּט־באַשולדיגער, דער דיסטריקט אטוירני.

ער לייגט אוועק אלע ווייל'ע א טענה פאַר דער זשורי, פאַר־שאַרפט דעם חשד געגן די אָנגעקלאָגטע, באַנוצט שענדלעכע אויס־דרוקן, וואָס רופן ארויס א גערעכטן ,שטורמישן פּראָטעסט מצד די פאַרטיידיגער.

דער ריכטער, וואָס דאַרף זיין שטרענג־אָביעקטיוו, האַלט ניט אויס די ראָלע: זיינע קאַלטע אויגן שמייכלען צום דיסטריקט אטויר־ני און קוקן בייז אויף די פּראָטעסטירנדיגע פאַרטיידיגער...

זעלטן, זעלטן גיט ער נאָך די גערעכטע פאָדערונגען פון די לאָיערס, וואָס באַשיצן די אָנגעקלאָגטע.

— מיר פאָדערן, אז די עדות פון דער אָנקלאָגע זאָלן ניט זיין דערביי בשעת איינער פון זיי ווערט דערפרעגט.

ווי פאַרוואונדערט איז יעדער איינער, ווען דער ריכטער ווייזט צוריק די פאָדערונג, וואָס איז אזוי וויכטיג לשם גערעכטיגקייט. אלע עדות פאַרבלייבן און זאָגן נאָך איינער דעם צווייטן... דאָך גע־לינגט די לאָיערס אונטער א קרייץ־פאַרהער ארויסקריגן ביי זיי ווידערשפּרוכן, וואָס דעקן אויף די ביַזוויליגקייט פון די אָנקלאָגער און פון זייערע באַשיצער.

* * *

עס איז דער אָנהויב.

דער ערשטער טאָג האָט קלאָר באַוויזן, אז די ריכטער זיינען אויף דער זייט פון דער אָנקלאָגע.

די אָנגעקלאָגטע זיינען מוטיג.

וועט אָבער געלינגען די לאָיערס ארויסרייסן די אָנגעקלאָגטע פון די נעגל פונ'ם קאַפּיטאַליסטישן געריכט?

וואָס איז די קלאָגע געגן די לינקע פירער? אויף אַ סקעב־שאַפּ איז געווען אַן איבערפאַל. אַ צוויי־דריי פאַרביטערטע אַר־בעטער האָבן געוואָלט אָנלערנען זייער עקספּלואַטאַטאָר. צי די אַרבעטער האָבן אָנגעלערנט דעם באַלעבאָס, צי ניט — אָבער וואָס האָט עס צו טאָן מיט די הויפּט־פירער פון דער פּאָריער־יוניאָן?

אין דעם זעלבן טאָג, ווען די פּאַסירונג אין דעם אָפּן־שאַפּ איז פּאָרגעקומען, זיינען די פירער פון דזשאָינט באָארד געווען פאַרנומען מיט אַ מיטינג אין מאַנהעטן־ליסעאום, דאָס איז שוואַרץ אויף ווייס פאַרנאָטירט אין אַלע צייטונגען, וואָס האָבן באַריכטעט וועגן דעם מיטינג. קאָן מען דען באַשולדיגן מענטשן אין אַ פאַר־ברעכן, וואָס זיי זיינען ניט באַגאַנגען?

—בען גאָלד איז דער הויפּט־פירער פון דער יוניאָן, וואָס קעמפט מיט געזעצלעכע מיטלען פאַר דעם וואוילזיין פון די יוניאָן מיטגלידער און ער איז ניט פיאיג אויף קיין שום פאַרברעכנס! — טענה'ט די פאַרטיידיגונג.

דער דזשאָדזש האָט זיך זאָרגלאָז געדרייט אויף זיין שטול, נאָר ביי די ווערטער איז דער שטול געבליבן שטיין און דעם ריכ־טער'ס גרויע קאַלטע אויגן האָבן בייז אַ פינקל־געטאָן.

האָט ער אפשר דערפילט, אַז די עטלעכע איינפאַכע, נאָר מיט פייער אַרויסגעזאָגטע ווערטער פון דעם פאַרטיידיגער קאָנען אָפּ־שוואַכן ביי דער זשורי די פיינטלעכע שטימונג געגן די יוניאָן־פירער, וואָס דער דיסטריקט אַטוירני האָט געשטרעבט צו שאַפן?

דער עיקר איז דאָך אַריינכאַפּן אין די נעגל די פירער, די קעמפער.

דערצו שטרעבט די קאַפּיטאַליסטישע „גערעכטיגקייט“.

* * *

דער משפט אין מינעאָלאַ האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. די עדות געגן די אָנגעקלאָגטע זיינען געווען אַזוי שוואַך און לע־כערלעך, אַז ביים בעסטן ווילן פון דער קאַפּיטאַליסטישער „גע־רעכטיגקייט“ האָט מען די פירער פאַרט ניט געקאָנט באַשטראָפן. אַ פאַר אַרבעטער האָט מען פונדעסטוועגן פאַרשפּאַרט אין טורמע אויף עטלעכע יאָר...

מאָביליזאַציע פון די פּאַריער-אַרבעטער

איך האָב געזען די „רעגיסטרירטע" פּאַריער.

ווי פּאָגראָמירטע, וואָס קומען זיך צונויף צוזאַמען און פילן דעם אַלגעמיינעם וויטאָג, די זעלבע שאַנד און אומגליק, אַזוי פילן זיך די, וואָס האָבן זיך דורך צוואַנג געמוזט גיין רעגיסטרירן אין דער רעכטער „סקעב-יוניאָן".

צווישן זיי זיינען א סך עלטערע מענטשן.

איך האָב געהערט זייער צאָרנדיגן קול:

— מ'שניידט די שכירות!

— מ'וואַרפט פון די שעפּער יעדן איינעם, וואָס איז געווען אַקטיוו אין זיין יוניאָן!

— די באַלעבאַטים מאַנען אויף מיטגליד-אָפּצאָל פאַר'ן אינטערנעישאָנאַל סקעב-יוניאָן!

— מ'האָט איינגעפירט שטיק-אַרבעט...

— ווי לאַנג וועלן מיר אַזוי שקלאַפן?!

„רעגיסטרירטע" טענה'ן דאָס. די זעלבע „רעגיסטרירטע", וואָס ווענן זיי האָט דער „פאָרווערטס" גע'יובל'ט:

— אהא... די לינקע זיינען אויסגעשפּילט! די קאָמוניסט-לעך האָבן געכאַפּט א מפּלה! די פּאַריער רעגיסטרירן זיך אין דער אינטערנעישאָנאַל!

איז אימיצער פון זייערע שלוחים פאַראַן אין האָל? זעט ער, ווי די „רעגיסטרירטע" זיינען צופרידן מיט דער סקעב-יוניאָן?

— אויב ס'איז דאָ ווער פון די שפּיאָנען פון די באַלעבאַטים צי פון מעקגריידי'ן מיט'ן „פאָרווערטס", איז זאָלן זיי זען און הערן! מיר ריידן דאָ אָפן. די טירן זיינען ניט צוגעמאַכט פאַר קיינעם. זאָלן זיי אפילו אַרויפגיין אהער אויף דער פּלאַט-פאָרמע!

ווי אַ געטרייער קלוגער פאָטער רעדט צו זיינע פאַרפּירטע אָפּגענאַרטע קינדער, אַזוי רעדט דער פירער פון לינקן דזשאָינט־באָארד צו די פאַרזאַמלטע „רעגיסטרירטע“.

— לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז ס׳איז גאָר ניטאָ ביי אונז קיין יוניאָן, און מיר דאַרפן זי ערשט נעמען בויען. נו, פאַרזאַמלען מיר זיך, לאָמיר זאָגן, אַ טויזנט אַרבעטער און באַשליסן צו אָר־גאַניזירן זיך אין אַ יוניאָן. איז ניטאָ קיין געלט. נו, איז וואָס? פאַרפאַלן? וואַרטן? אויף וואָס? אויף ווּעמען? די באַלעבאַטים זאָלן אונז העלפן אויפבויען אַ יוניאָן, ווי זיי העלפן מעקגריידין? ווי זיי האָבן געהאָלפן זיגמאַנען? אַז אָך און וויי איז שוין צו אַזאַ יוניאָן...

מיט וואָס פאַר אַן אויפמערקזאַמקייט מ׳הערט זיך דאָס צו צו יעדן וואָרט.

— מיר געפינען זיך איצט אין אַזאַ לאַגע, אַז מ׳מוז זיך אויף דאָס־ניי אָרגאַניזירן און אַרויסווייזן אַ מעכטיגן ווידערשטאַנד צו די שטעכער און ברעכער פון אונזער יוניאָן. איצט איז געקומען דער מאָמענט, ווען מיר מוזן פאַרווירקלעכן דאָס, וואָס די שונאים אונזערע האָבן אונז געוואָלט צווינגען צו טאָן דאַן, ווען ס׳האָט זיך פאַר זיי געלוינט. דאַמאָלסט האָבן מיר זיך ניט געלאָזט פּראָ־וואָצירן, מיר האָבן געזאָגט:

— ס׳איז נאָך ניט געקומען די צייט פאַר אַ דזשענעראַל סטרייק. ניט אַלע זיינען נאָך גענוג רייף דערצו. איצט איז דער מאָמענט געקומען! און עס וועט זיין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט! דער סטרייק פון יאָר 1926 וועט אויסזען ווי אַ קינדער־שפּיל אין פאַרגלייך מיט דעם קאַמף, וואָס מיר הויבן איצט אָן. די באַלע־באַטים האָבן עס שוין פאַרשטאַנען. זיי לויפן שוין אַרום ווי פאַר סמ׳טע מייז. מיר, דער לינקער דזשאָינט באָאַרד, האָבן אָנגעווענ־דעט אַלע מיטלען, כדי צו פאַרמיידן דעם סטרייק, צו געפינען אַן אויסוועג. נאָר עס האָט ניט געהאָלפן. טאָ זאָל זיין קאַמף! האָבן מיר אייך אַהער גערופן קלאָר צו מאַכן פאַר אייך, וואָס עס שטייט פאָר, וואָס מיר גייען איצט טאָן, כדי איר זאָלט ניט האָבן דאָס רעכט צו זאָגן שפּעטער, אַז „די לינקע דזשאָינט באָאַרד האָט אייך

פאַרראַטן" מיט דעם, וואָס זי האָט דורכגעלאָזט דעם גינסטיגן מאָ־מענט אויפצוהויבן דעם קאַמף. לינקע פאַרראַטן ניט! די לינקע האָבן קיינמאָל ניט פאַרראַטן די אַרבעטער־אינטערעסן און וועלן ניט פאַרראַטן! זייט וויסן איר אַלע, אַז מיר האָבן אויף דער לעצטער דזשאָינט באָארד זיצונג באַשלאָסן צו רופן א דזשענעראַל סטרייק!

א דונער פון אַפּלאָדיסמענטן האָט באַגעגנט די מעלדונג.

— יעדער שאַפּ דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין א פעסטונג! מאָביליזירט זיך אין די שעפּער! מאַכט אויס א ליסטע פון די „פּראָפעסיאָנעלע סקעבס", וואָס געפינען זיך ביי אייך אין שאַפּ. דאָרטן, וואו די באַלעבאַטים גרייטן זיך שוין צו, און שטעלן אריין נאַכט־בעטלעך אין די שעפּער פאַר די סקעבס, וואָס וועלן טאָגן און נעכטיגן דאָרטן, — גיט וועגן דעם צו וויסן דער דזשאָינט באָארד...

— דער „פאָרווערטס" איז שוין ארויס מיט א שפּאָטישן גע־לעכטערל:

— מ'דאַרף — זאָגט ער — זיין משוגע, כדי ארויסצוגיין איצט אין א סטרייק.

— נו, וועלן מיר אים באַווייזן, ווער איז משוגע! משוגע וועלן זיין די יעניגע, וואָס וועלן פאַרבלייבן אין די שעפּער! — שרייט אויס דער פירער, און עס דונערט ווידער מיט הענט־קלאַ־פעריי.

— דאָס פאַרשטייען די פאַררעטער. דאָס פאַרשטייען די באָ־סעס און זייערע טרייע דינער, די מעקגריידים. זיי פאַרשטייען, אַז קיין איין אָרנטלעכער פאַריער וועט ניט פאַרבלייבן אין די שעפּער, ווען דער לינקער דזשאָינט באָארד וועט ארויסלאָזן דעם רוף: „גענעראַל סטרייק פון אַלע שעפּער!"

— מיר קאָנען נאָך אייך ניט זאָגן, ווען — אין וואָסער טאָג און שעה — וועט דער סטרייק גערופן ווערן. דער אַפּאַראַט ווערט שוין צוגעגרייט, ס'איז שוין כמעט פאַרטיג. עס וועלן נאָך זיין א גאַנצע ריי מיטינגען פון אַלערליי טיילן פון דער פאַריער־אַרמיי, ס'וועט נאָך זיין א קופּער־יוניאָן מיטינג. איין זאַך קאָן איך אייך

זאָגן: געלט איז דאָ און עס וועט זיין געלט! און ווען דער רוף וועט ארויסגעלאָזט ווערן, זיינען מיר זיכער, אז די פאָריער וועלן ניט פארשעמען דעם שיינעם נאָמען פון זייער יוניאָן. עס מעגן זיך פאראייניגן אלע שווארצע כחות מיט אלע דזשאָדזשעס פון יו־נייטעד סטייטס! מיר וועלן קעמפן, און דער קאַמף וועט זיין אויף לעבן און טויט, ביז מיר וועלן זיגן!

. . . בלויז רעגיסטרירטע זיינען געווען אויף דעם דאָזיגן מיטינג, דאָס הייסט — די מער־וואָקלדיגע, די וויניגער קאמפס־פייאיגע. און דאָך, מיט וואָס פאר אַן אַפלאָז עס זיינען באַגליים געוואָרן די לעצטע ווערטער פון דעם הויפט־פירער!

די מאָביליזאציע פון די פאָריער־ארבעטער האָט זיך אָנגע־הויבן.

* * *

די מחבלים האָבן זיך שוין געהאַט געפרייט:

— אוים. צעשמעטערט זיינען די לינקע פאָריער! נידערגע־שלאָגן זיינען די צענדליגער הונדערטער ריינק־און־פיילער, וואָס האָבן ארויסגעוויזן אַזוי פיל העלדנמוט.

איצט, הייסט עס, וועט די שווארצע חברה קאנען געוועלטיגן ביד חזקה, פארקויפן די ארבעטער צו די באַלעבאַטים.

די בלינדע קראטן האָבן ניט פארשטאנען, אז ס'איז בלויז געווען „אַ שטילשטאַנד פאר אַ שטורם"; אז אַ יוניאָן, וואָס האָט שוין געהאַט דערגרייכט די העכסטע מדרגה, וואָס איז געוואָרן אַ מוסטער פאַר אַלע ארבעטער־אָרגאַניזאציעס, קאָן ניט צעשמע־טערט ווערן, און אזוינע בראַווע קעמפער קאנען ניט אינגאנצן פארלירן די מוט.

דאָס האָט באַוויזן דער קופער־יוניאָן מיטינג.

דער ערשטער אָנזאָג, אז די פאָריער־יוניאָן לעבט און גרייט זיך צו באַנייען דעם קאַמף, איז געווען אויף דעם פאָריגן מיטינג פון רעגיסטרירטע.

מ'האָט דאמאלסט אונטערגעפירט דעם סך הכל פונ'ם טרויעריגן צושטאַנד אין דעם פאָריער־טרייד, פון די פארעטערישע

מעשים פון די שעכטמאַנס און מעקגריידיס — און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן:

— אָנהויבן דעם קאַמף אויף־דאָס־ניי!

דער סיגנאַל איז געווען:

— צום קאַמף געגן דעם פאַראייניגטן פראָנט פון די פאַררע־טער, אונטערדריקער און עקספּלואַטאַטאָרס!

דער קופּער־יוניאָן מיטינג איז געווען דער אָפּרוף אויפ'ן סיג־נאַל.

— מיר וואָלטן ניט געווען איבערראַשט, ווען מיר וואָלטן גע־פונען דעם קופּער־יוניאָן האַלב פּוסט, — זאָגט דער פאָרזיצער: — ס'וואָלט אויך קיין וואונדער ניט געווען, ווען ס'זאָל הערשן אַ טרויעריגע שטימונג פון מוטלאָזע, נידערגעשלאָגענע מענטשן.

דער שוידערלעכער צושטאַנד אין דער פּאָר־אינדוסטריע, דאָס צעשפּליטערטקייט פון דער מיטגלידערשאַפט האָבן קיין גרויסע האָפנונגען ניט געקאָנט געבן, אַז דער רוף פונ'ם דזשאָינט באָארד וועט דערהערט ווערן.

איצט זעען מיר, אַז ניט קיין מוטלאָזיגקייט הערשט דאָ, נאָר פאַרביטערטקייט געגן די סקעב־אַגענטן, וואָס האָבן דערפירט די פּאָריער־אַרבעטער צו הונגער און נויט.

ס'האָט געשלאָגן די שעה פון באַנייטן קאַמף!

— ווי שווער דער קאַמף זאָל ניט זיין, נאָר דער דזשאָינט באָארד וועט דעם קאַמף אָנפירן ביז די יוניאָן וועט צוריק פאַר־פעסטיגט ווערן! זאָלן וויסן די באָסעס, אַז די פּאָריער־אַרבעטער זיינען נאָך ניט אינגאַנצן צושפּליטערט, אַז מיר זיינען גרייט צו פירן דעם קאַמף ביז מיר וועלן ניט באַזיגן אַלע איבלען אין דער פּאָר־טרייד, און פאַריאָגן די סקעב־אַגענטן פון די שעפּער!

* * *

דער עולם אַרבעטער הערט אויס די באַריכטן וועגן דעם טרוי־עריגן צושטאַנד אין דער טרייד, וועגן די שוידערלעכע באַדינגונגען וואָס הערשן אין די שעפּער. דאָס איז פאַר זיי קיין נייס ניט. יעדער איינער ווייסט פון אייגענער טרויעריגער דערפאַרונג: די אַרבעטסלאָזיגקייט איז שרעקלעך, די עקספּלואַטאַציע איז אומ־

ברחמנות'דיג, די אָפן־שעפּער וואקסן, מ'אַרבעט פופציג, זעכציג שעה א וואָך פאַר א הונגער־לוין. און מ'ווייסט, ווער עס זיינען די שולדיגע: די באַנדע פּאָגראָמשטשיקעס, מיט דעם „פאָרווערטס" אין דער שפּיץ.

און ווען דער הויפּט־פּירער, בען גאָלד, וואָס ווערט באַגעגנט מיט א שטורמדיגן אַפּלאָז, טרעט אַרויס און הויבט אָן זיין פלאַם־פייערדיגע רעדע, — וואַכן אויף אַלע הערצער און עס בויגן זיך פאַרשעמט די קעפּ אונטער זיינע חלף־שאַרפע ווערטער:

. . . ווען די פּאָריער־אַרבעטער וואָלטן צו אונזערע וואָר־נונגען ערנסטער זיך צוגעהערט; ווען זיי וואָלטן זיך ניט געאיילט גיין רעגיסטרירן אין דער סקעב־קרעמל, — וואָלט היינטיגער מי־טינג געווען גאָר אַן אַנדערער!... אָבער פאַרפאַלן! וואָס געווען איז געווען. איצט, ווען איר אַלע האָט שוין דערפילט דעם טעם פון מעקגריידיס „יוניאָן", ווען איר שרייט: „גוואַלד, ראַטעוועט", — איז די לינקע דזשאָינט באָארד ווידער מיט אייך. מיר וועלן שטיין מיט אייך ביז'ן לעצטן טראָפּן בלוט! אויב פריער, ווען די יוניאָן איז נאָך ניט געווען אזוי צעשמעטערט, זיינען מיר, די דזשאָינט באָארד, געווען גרייט אָפּצוטרעטן, כדי די פּאָגראָמשטשיקעס זאָלן שאַנעווען די אַרבעטער־פעסטונג — איז איצט, ווען די שווארצע באַנדע האָט אַליץ רואינירט און צובראָכן; ווען די פּאָריער־אַרבע־טער ליגן אונטער דעם קנאַפּל פון די באַלעבאַטים — איצט וועלן מיר פון אונזערע פּאָסטנס ניט אָפּטרעטן! מיר וועלן בלוטיגן צוזאַמען מיט אייך און וועלן אַרויסראַטעווען די אָרגאַניזאַציע אונ־זערע, צוריק אויפבויען אונזער פעסטונג און דערהויבן די ווירדע, די קאַמפּספּיאיגקייט פון די פּאָריער!

ס'האָט געדונערט און געבליצט אין דעם גרויסן קופּער יוניאָן. דאָס איז געווען דער אָנהויב!

דורך קאַמף צום זיג!

. . . באַשלאָסן:

— „די טויזנטער פאַריער־ארבעטער, וואָס האָבן זיך פאַר־זאַמלט דאנערשטאג, דעם 2טן יוני, באַלד נאָך דער ארבעט אין קופּער־יוניאָן און אין מאַנהעטן לייסעאום, באַפולמעכטיגן דעם דזשאָינט באָארד צו רופן א דזשענעראַל סטרייק, ווען עס וועט נאָר נויטיג זיין, אין אַלע אַסאָשיאייטעד שעפּער און אויך אין אַלגעמיינעם סטאַפּעדזש אויף איין טאָג אין דער גאַנצער פאַר־אינדוסטרי, אלס א פּראָטעסט געגן די פאַרברעכנס פון דער באַנדע פאַררעטער און פּראָוואָקאַטאָרן פון דער פאַר־אינטערנײשאָנאַל און אמעריקאַן פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, וואָס האָבן זיך פאַרמאָסטן פאַרניכטן די פאַריער־יוניאָן — — — “.

פינף דעם זייגער האָט מען די טירן פון קופּער־יוניאָן געעפנט און צוואנציג מינוט נאָך פינף איז שוין געווען אוממעגלעך דורכ־צושטופּן זיך אינעווייניק. ארום זעקס איז מען שוין געשטאַנען צונויפגעפּרעסטע אין אַלע דורכגאַנגען און רונד־ארום הינטער די באַזעצטע שטולן.

ווען דעם מיטינג איז אין „פאָרווערטס“ געשטאַנען:

„די קאָמוניסטישע גענגסטער טרייבן מיט גוואַלד די ארבע־טער־פאַריער צו גיין אויף זייערע מיטינגען“...

האָט דער פאָרזיצער לוסטיג באַמערקט:

— וואָס פאַר א גוואַלדיגע מאַכט עס האָבן די „קאָמוניסטי־שע גענגסטער“ און ווי מעכטיג איז זייער „קאָמוניסטישער טעראָר“, אַז זיי האָבן געקאָנט אין איין האַלבע שעה „צונויפיאָגן“ א פיל־טויזנט־קעפּיגן עולם און „ארויפצווינגען“ א סטרייק!

עס ברעכט אויס א געלעכטער.

די מעקגריידיס און די מעטיו וואָלס, וואָס האָבן גערעדט

וועגן „קאָמוניסטישע שטאַרקע“ און „קאָמוניסטישן טעראָר“, און די, וואָס האָבן דאָס געדרוקט, האָבן באַדאַרפט זיין אין דעם איבערגעפּאַקטן ברויזנדן קופּער־יוניאָן, זען דעם פלאַמיגן עולם, הערן די פייערדיגע רייד, די שטורמדיגע אומפּאַרגעסלעכע מאָמענטן פון מאַסן־עקסטאַז.

— מיר האָבן געמאָסטן און געוואויגן, געמאַכט פּלענער און געהאַלטן רעדעס. היינט האָט דער דזשאָינט באָארד פון דער פּאָריעם יוניאָן געבראַכט אַן אויסגעאַרבעטן פּלאַן, א קלאָרן באַשלוס. איצט דאַרפט איר, מיטגלידער פון דער פּאָריער־יוניאָן, באַשליסן, צי דער פּלאַן זאָל דורכגעפירט ווערן!

— יאָ צי ניין?

—דאָס איז אייער רעכט צו זאָגן. די יוניאָן זענט איר, די מיטגלידערשאַפט, וואָס צאָלט דיוס, וואָס צאָלט טעקסעס — און ניט די פירער!

— א באַנדע פאַררעטער, די מעקגריידיס, מעטיו וואָלס, שעכטמאַנס און סאָרקינס, האָבן זיך פאַראייניגט מיט די באַלעבאַטים און האָבן באַרויבט אונזער רעכט, פאַרקויפט אונזערע לעבנס־אינטערעסן, פאַרניכטעט אַלע אונזערע דעראָבערונגען, וואָס מיר האָבן אויסגעקעמפט אין א זיבעצן־וואָכעדיגן בלוטיגן קאַמף — — —

. . . קרעפטיג קלינגען די ווערטער אין דער הייסער לופט, וואָס איז אָנגעגליט פון די טויזנטער ברענענדיגע אויגן, פון די פלאַמיגע הערצער, פון די אויפגעקאָכטע בלוטן:

— . . . אויב די פאַררעטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וועלן אין גאַנג פון אונזער קאַמף זיך ווידער פאַרמעסטן אָפּראַמען פון וועג די פירער אונזערע, פאַרזעצן זיי אין טורמע, דאַרפן מיר קומען צו די קאַפּיטאַליסטישע ריכטער און זאָגן:

— זעצט אונז אַלעמען אַריין אין טורמע! אויב די פירער זיינען שולדיג, זיינען מיר אויך שולדיג: זיי טוען אונזער ווילן!

— און זאָלן זיי אריינזעצן אַלע צוועלף טויזנט פּאָריער אין דזשייל!

עס טרעטן אַרויס נאָך און נאָך רעדנער, וואָס יעדערער פון זיי מאַכט קלאָר דעם הויפּט־צוועק פון איצטיגן קאַמף:

— . . . מיר זיינען ארומגערינגלט מיט אַלערליי שונאים, מיר מוזן באַקעמפן אַלערליי אַנשיקענישן, נאָר אין דעם איצטיגן קאַמף קעמפן מיר דירעקט געגן די באַלעבאַטים, וואָס האָבן געבראָכן דעם אַגרימענט מיט'ן דזשאָינט באָארד און צווינגען די ארבעטער אנער־קענען די סקעב־יוניאָן פון די ארבעטער־פאַררעטער, פון די שעכט־מאַנס, מעטיו וואָלס און מעקגריידים. אָט דאָס איז דער הויפּט־צוועק פון דעם סטרייק, וואָס מיר דאַרפן היינט באַשטימען.

דער עולם וואָרט מיט אומגעדולד אויף די הויפּט־רעדנער, וואָס ביי זייער אריינקומען אין האָל איז די גאַנצע געביידע אויפ־געטרייסלט געוואָרן פון די דונערדיגע האַנט־און־פיס־קלאַפּערייען.

גאָר אן אומבאַשרייבלעכע באַגייסטערונג האָט ארומגעכאַפּט דעם פיל־טויזנט־קעפּיגן עולם, ווען עס זיינען אריינגעקומען די נו־ארקער סטרייקער מיט פּלאַקאַטן אין די הענט. ספּאָנטאַן האָט א דונער־געטאָן פון צענדליגער קרעפּטיגע שטימען:

— . . . סאָלידאַריטי... פאָר עווער... די יוניאָן... מייקס... אָס... סטראָנג...

אַז דער עולם האָט זיך עטוואָס בארואיגט, האָט געקראָגן דאָס וואָרט דער פירער פון די קלאָוק־ און דרעסמאַכער, לואיס היימאַן, וואָס איז געקומען באַגריסן די קעמפנדיגע פאָריער־יוניאָן:

— ווער עס לייענט נאָך צום באַדויערן דעם „פאָרווערטס", דער וועט מאָרגן זיך דערוויסן, אַז ער איז דאָ גאָר ניט געווען, אַז קיינער פון אייך איז דאָ ניט געווען. . . אַז קופּער־יוניאָן איז געווען פּוסט, אַז קיין סטרייק איז גאָר ניט דערקלערט געוואָרן, אַז די סטרייקער זיינען שוין ארויף צו דער ארבעט. . . אי, ווי אַזוי קאָן מען ארויפגיין, אַז מען איז ניט אראָפּ? דאָס איז ניטאָ וואָס צו פרעגן ביים „פאָרווערטס". זיי זיינען אַזוי פאַרזונקן אין ליגנס, די „פאָרווערטס"־לייט, אַז ביי זיי איז אַלץ מעגלעך.

דער רעדנער מאַכט אויפמערקזאַם די פאַרזאַמלטע פאָריער, אַז זיי האָבן א גרויסן שם ביי דער ארבעטער־וועלט, אַלס בראַווע, קאַמפּפייאיגע, קלאַסנבאַוואוסטזיניגע ארבעטער:

— איצט וועט איר דאַרפן דערווייזן, אַז ניט אומזיסט האָט איר אַזאַ גרויסן נאָמען און דינט אַלס א מוסטער פאַר אַלע יוניאָנס.

און איך בין זיכער, אַז איר וועט דעם קאַמף אויפנעמען און מיר אַלע צוזאַמען—אי פּאַריער, אי קלאַוק- און דרעסמאַכער, וועלן פאַר־יאָגן די קאַרופּטע באַנדע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און וועלן אויפבויען שיינע, אָרנטלעכע, שטאַרקע יוניאָנס, וואו די אַרבע־טער וועלן זיין די באַלעבאַטים איבער זייער שיקזאַל און דאָס וועט פירן דערצו, אַז מיר וועלן סוף כל סוף איינשטעלן אַ בעסערע, אַ יושר'דיגע אָרדנונג, וואו דער אַרבעטער וועט זיין דער האַר אי־בער זיין פּראַצע!

נאָכדעם איז געקומען דער קלימאַקס פון דעם גאַנצן אָוונט — ג אָ ל ד.

. . . עס האָט געדונערט און געשטורעמט. עס האָט ניט גע־האָלפן קיין בעטן, מ'זאָל זיך באַרואיגן. דער עולם איז ארויפגע־שפּרונגען אויף די שטולן, עס זיינען געפלויגן אין דער לופטן צענ־דליגער הוטן. . .

מיט גרויס מי איז איינגעשטעלט געוואָרן אָרדנונג — און דער פּירער האָט גערעדט.

זיינע ווערטער, פּראָסטע, איינפאַכע און טיפע, האָבן דער־גרייכט צו אַלע אַרבעטער־הערצער, צו אַלע אַרבעטער־מחות.

דאָס, וואָס ס'איז געווען קלאָר ,איז געוואָרן דורכזיכטיג, וואָס ס'איז געווען פאַרשטענדלעך איז געוואָרן אַ ברענענדיגער אמת. —

מעכטיג האָט אָפּגעקלונגען זיינע שלום־ווערטער:

— . . . ווען מיר זאָלן ניט גלויבן אין אייערע כחות, וואָלטן מיר דעם קאַמף ניט באַנייט! און ווייל מיר ווייסן, אַז איר, פּאַריער־אַרבעטער, זיינט מיט אונז, מיט אייערע פּירער, ווייל מיר ווייסן, אַז מיט אַזאַ מעכטיגער אַרמיי, וואָס האָט שוין דורכגעפירט גלענצנדע קאַמפן, וועלן מיר דעם קאַמף געווינען, זאָגן מיר:

— צום קאַמף, חברים! און דורכ'ן קאַמף צום ענטגילטיגן זיג!

אויף די גאַסן און אין די האָלס

ערשטער טאָג פון סטרייק!

איך בין געווען גאַנץ פרי אין פּאָר־דיסטריקט.

איך האָב געזען די געדיכטע מאַסן־ארבעטער, וואָס האָבן פאַר־פלייצט די גאַסן פון 26טער ביז דער 29טער, צווישן 6טער און זי־בעטער עוועניו.

איך האָב געזען ווי אזוי די פּראָפעסיאָנעלע סקעבס האָבן „געטרייט" אריינצו׳גנב׳ענען זיך אין די שעפּער, ווי אזוי מ׳האָט זיי באַגעגנט מיט אַ שיינעם „ברוך־הבא"... ווי די פּאָליסלייט זיי־נען נעבעך געווען זייער „ביזי", ווי די סטרייקברעכער האָבן גע־שריען:

— פּאָ־ל־יס! — — — —

דער מאַרש פון די קעמפנדיגע מאַסן איז געווען ריזיג, מעכטיג.

עס זיינען שוין פאראן עטלעכע קרבנות, עטלעכע צעבלוטיגטע סטרייקער. עס זעען זיך בלוטיגע פלעקן דאָ און דאָרט.

מען האָט שוין פאַרנומען אַ פּאָר צענדליג סטרייקער אין פּאָ־ליס־סטיישאָן, אָבער ס׳איז ניט מער ווי אן ארויסגעכאַפּטער זודי־גער טראָפּן פון אַ כוואַליענדיגן ים.

און די כוואַליעס פליסן איבער די גאַסן, ארום די שעפּער, ווארפן אָן אן אימה אויף די באַלעבאַטים, אויף די סקעבס און פאַררעטער.

— הוריי פאַר גאָ־אָ־לד! — טראָגט זיך אַ הורא־אויסגעשריי איבער די גאַסן.

דער הויפּט־פירער האָט זיך באוויזן אויף דער פּיקעט־ליין — פאַראויס פון די קעמפנדיגע רייען. כמעט אַלע מיטגלידער פון דזשאָינט באָארד זיינען דאָ, זיי מאַרשירן צוזאַמען מיט די מאַסן, גיבן צו מוט, שטאַרקן די אנטשלאָסנקייט, פאַרפעסטיגן די איי־ניגקייט.

— קאַמף! — דאָס שוועבט אין דער פרימאָרגנדיגער לופט.

מיט דעם גייסט זיינען פאַרכאַפּט די טויזנטער סטרייקער.

די מאַסן מאַרשירן הין און צוריק, צו צוויי־און־צו־דריי אין א ריי, אקסל צו אַקסל, ווי בראַווע סאָלדאַטן.

ארום האַלב נאָך ניין איז געגעבן געוואָרן א באַפעל:

— צו די פאַרזאַמלונג־פּלעצער: צו וועבסטער האָל, צו מאַנהעטן לייסעאום, צו סטייוועסאַנט קאַסינאָ — —

אין געשלאָסענע רייען מאַרשירן די סטרייקנדיגע מאַסן פון פאָר־דיסטריקט צו די אָנגעוויזענע זאַלן.

איך גיי מיט די מאַסן ביז דער נאָנטסטער סאָבוויי־סטיישאָן.

אין א מינוט צען ארום קום איך צו צו יוניאָן סקווער. די סטרייקער שטראָמען מיר אַנטקעגן אין אַן אומענדלעך־לאַנגער קייט, און מאַרשירן ווייטער צו דער עלפטער גאַס. אין איין אויגנבליק ווערט וועבסטער האָל פול, איבערפול. מ'לאָזט מער ניט אריין. מאַרשירן די פאַרבליבענע צו דער פערטער סטריט. יוערט פול מאַנהעטן לייסעאום. שפּאַנען די לעצטע מחנות צו סטייוועסאַנט קאַסינאָ, צו ארלינגטאָן האָל — — —

* * *

איך קום צו צו מאַנהעטן לייסעאום. די גאַנצע פערטע גאַס איז איין אויסגוס פון ברויזנדיגע מאַסן. די זון ברענט. ביים אריינגאַנג פון מאַנהעטן לייסעאום איז ניט דורכצושטופּן זיך. דער עולם שטראָמט אויף צוריק.

— שוין געענדיגט דער מיטינג?

— ניין, דער מיטינג גייט נאָך אָן, נאָר גאָלד האָט שוין אָפּגערעדט.

איך קום אריין אינווייניג.

דער האָל איז איבערגעפּאַקט, דער עולם — צונויפגעפּרעסט. אויף דער פּלאַטפאָרמע שטייט אַן אַרבעטער. ער באַמבאַדירט:

— . . . איך בין ניט קיין פּראָפעסיאָנעלער רעדנער. איך בין ניט קיין פּאָליטישן. איך בין א פּליינער ארבעטער. איך שטיי ביים טייבל גלייך מיט אייך, גלייך מיט אַלעמען. איך בין א פאַמיליע־מאַן, איך האָב קליינע קינדער. פונדעסטוועגן האָב איך זיך

אריינגעוואָרפן אין קאַמף און בין גרייט צו שטאַרבן פאַר דער יו־ניאָן! קעמפן ביז'ן לעצטן טראָפּ בלוט! אויסקעמפן א שטאַרקע יוניאָן פאַר זיך, פאַר אייך, פאַר דעם גאַנצן ארבעטער־קלאַס! מיר דאַרפן שטיין שטאַרק ווי אייזן, ווי א פעלזן־שטיין — ביז מיר וועלן ניט איינברעכן די באַלעבאַטים, ביז מיר וועלן ניט פאַריאָגן די פאַררעטער! און איך אַפּעליר צו אייך, ברידער־ארבעטער! אַן אַרבעטער אַפּעלירט צו אייך, א פּליינער ארבעטער, ניט קיין פּאָ־ליטישן: שליסט איינגער די רייען! מיט אונזער אייניגקייט, מיט אונזער סאָלידאַריטעט וועלן מיר קעמפן און מיר וועלן זיגן!

ווי שווערע שטיינער פאַלן זיינע האַרטע ווערטער אין דעם געדריכטן־אַרבעטער־עולם. עס גיסט פון יעדן טייכן שווייס, די לופט איז ווי אין אַ קאַלך־אויוון צעגליט, נאָר מ'שטייט, מ'הערט זיך צו צו די פּראָסטע ווערטער פון דעם „פּליינעם" אַרבעטער. אַלע קאַנען אים. דאָס, וואָס ער רעדט, דאָס מיינט ער. דאָס, וואָס ער זאָגט, דאָס טוט ער. דעריבער הערט מען זיך צו אַזוי אויפמערקזאַם, דערפאַר באַדאַנקט מען אים מיט אַזוינע רוישיגע אַפּלאָדיסמענטן. דער פּאָרזיצער, איינער פון די, וואָס זיינען גע־זעסן אין מינעאָלאַ פאַר זייער איבערגעבנקייט צו דער פּאָריער־יוניאָן, אינסטרואירט דעם עולם סטרייקער, וואוהין יעדערער דאַרף גיין נאָכ'ן מיטינג:

די אַרבעטער פון די־און־די שעפּער דאַרפן זיך פאַרזאַמלען אין דעם־און־דעם זאַל.

דער מיטינג איז געענדיגט.

דער עולם לאָזט זיך צום ארויסגאַנג. מיט'ן שטראָם קום איך אַרויס פון זאַל.

די גאַנצע גאַס איז שוואַרץ, ווירבלט, קאָכט ווי אין א קעסל.

די זון ברענט. און עס דוכט זיך, אז דאָס ברענט דער קאַמף פון די טויזנטער פּאָריער.

אויפ׳ן שלאַכט-פעלד

היים ארבעטער־בלוט!

עס פליסט אין די אָדערן, עס צירקולירט איבער׳ן קערפּער, עס קאָכט און עס זידט און ברענט אין קאַמף.

וואָס פאר א גוואלדיגע קראַפט עס ליגט פאַרבאָרגן אין יעדן רויטן טראָפּן פון ארבעטער־בלוט.

ווען אָבער פּשוט׳ע מערדער, דינער פון קאַפּיטאַל, ארויס־העלפער פון אַרבעטער־פאַררעטער, פאַרגיסן דאָס הייסע ארבעטער־בלוט אויף די שטיינערנע בריקן, — וואָס פאר א צאָרן עס כאַפּט אָן, וואָס פאר אן אומענדלעכער האַס עס צינדט זיך אָן אין דער נשמה געגן דער עקזיסטירנדיגער אָרדנונג.

איך קום צו צו דער 26טער גאַס, באַ דער 7טער עוועניו.

— נאָר וואָס האָבן די פּאָליסלייט אָפּגעבראָכן דעם מאַרש פון די סטרייקערס, — טיילט מען מיר מיט: — ווי די וועלף, האָבן זיי זיך א וואָרף געטאָן, צע׳מזיק׳ט א סך.

די פּאָליסלייט שטייען אויף דער וואַך, לעבן א פאַרמאַכטער טיר.

די פּנימ׳ער ווי באַ גזלנים. ס׳איז קאַנטיג, אז זיי האָבן נאָר וואָס אָפּגעטאָן א שווער שטיקל ארבעט...

זיי האַלטן די קלאָבס שטייף אין די הענט, גרייט אַראָפּצו־לאָזן עס אויף אימיצנס אַ קאָפּ, א פּלייצע, א זייט.

ארום דעם פּלאַץ שטייען גרויסע מאַסן ארבעטער מיט שטור־מען האַס געגן די ברוטאַלע קנעכט פון קאַפּיטאַל.

דער עולם שטופּט זיך אַלץ נענטער צו דער טירל.

דאָ פליען ארויף אויפ׳ן טראָטואַר א צוויי־דריי פּאָליסלייט אויף פערד, טוען א פּראַל אויפ׳ן עולם מיט די ברייטע גלאַנציגע פערדישע הינטנס. עס ברעכט אויס א גוואלדיגער געדראַנג. עס הערט זיך א היסטערישער אויסגעשריי פון פרויען.

די פערדישע פּאָליציי ארבעט אויף רעכטס און אויף לינקס.

דער עולם ווערט אָפּגעשטופּט אויף דער מיט פון דער גאַס, וואו עס הודזשען די אויטאָמאָבילן.

איך שטיי נאָענט צו דער צוגעמאַכטער טיר און הער — — טראָגן זיך פון דאָרטן פארשטיקטע קולות.

דאָס טירל טוט זיך פּלוצלינג אן עפן־אויף און עס שטעקט ארויס א פּאָליצייאישע פּלייצע.

איך זע, ווי ער ארבעט דאָרטן מיט זיין פּלאָקן... — — —

די פארשטיקטע קולות פון אינווייניג דערטראָגן זיך איצט שטאַרקער, יאָמערלעכער.

דער גרויסער עולם, וואָס האָט זיך ווידער אביסל דערנענטערט, שטוינט.

איינינגע טוען זיך א ריס פאָראויס:

— סטאָפּ! טאָרסט ניט שלאָגן!

— לאָז אָפּ! לאָז אָפּ!

די קולות פון אינווייניג טראָגן זיך אַלץ שטאַרקער און באַלד דערהערט זיך א היסטערישער קוויטש פון א פרוי.

עס לויפט ארויס פון אינווייניג א פּאָליסמאַן, ווערט פאַר־שוואונדן אין דעם דערבייאיגן רעסטאָראַן און קומט באַלד ארויס פון דאָרטן מיט א גלאָז וואסער...

דער פּאָליצייאישער שטעקן האָט אפנים אוועקגעלייגט אי־מיצן א פאַר'חלש'ט'ן, איצט גייען זיי אָפּמינטערן...

בשעת דער פּאָליסמאַן איז ארויסגעלאָפן, האָט אויף א רגע א שעמעריר געטאָן בא דער האַלב־אָפענער טירל א פרויען־געשטאַלט מיט א פארבלוטיגט טיכל אין האַנט.

דער צווייטער פּאָליסמאַן, וואָס איז דאָרט פארבליבן, האָט ארויסגעריסן דאָס פארבלוטיגט טיכל און פארשטופּט די פרוי אין הינטערגרונט...

די טיר האָט זיך ווידער פארהאַקט.

אין עטלעכע מינוט ארום איז צוגעפאָרן א פּאַטרול־וואָגן.

פּאָליסלייט אויף פערד האָבן גענומען אָפּשטופּן דעם עולם, וואָס האָט ארומגערינגלט דעם פּלאַץ נאָענט צו דער טיר.

די פערד האָבן אָפּגעריייניגט א וועג פאַר'ן פּאַטרול־וואָגן, וואָס איז אַרויף אויפ'ן טראָטואַר מיט די אָפענע פאַרגראַטעוועטע טיר־לאַך.

אין צוויי רייען האָבן זיך אויסגעשטעלט פּאָליסלייט, מאַכנדיג א שמאָלן דורכגאַנג פון דער פאַרמאַכטער טיר ביז צום פּאַטרול־וואָגן.

אזוי פלעגט מען אין די אַלטע צארישע צייטן דורכלאָזן „סקוואַז סטראָי" די שרעקלעכסטע „פאַרברעכער"...

מ'האָט געעפנט די טיר, און ס'האָבן זיך גענומען באַוויזן די אַרעסטירטע סטרייקער — איינער נאָך דעם אַנדערן, איינציג־וועיז האָבן זיי מאַרשירט צו דעם ארייגאַנג פון דעם שווארצן קאַסטן.

איך האָב אָנגעציילט א פּאָר צענדליג — אַלטע און יונגע און מיטליעריגע.

אַט זיינען שוין אַלע אַריין אין וואָגן... פּאַרוואָס־זשע שטייען נאָך די פּאָליסלייט, אַקסל צו אַקסל, אין צוויי רייען?

א פּאָר מינוט גייט דורך אין שטומער דערוואַרטונג...

באַלד עפנט זיך ווידער די טיר און עס באַווייזן זיך דריי געזונטע פּאָליסלייט: זיי שלעפּן עפּעס א שווערע מאַסע, אויסגעצויגן אין דער לייִנג. בא אַלעמען רייסט זיך אַרויס אן אויסגעשריי:

— א!... א...

די דריי פּאָליסלייט האָבן געשלעפּט א צעבלוטיגטן, אן אומ־באַוועגלעכן קערפּער.

די קליידער אויף אים זיינען געווען צעפּליקט, פאַרבלוטיגט. איין פּאָליסמאַן האָט אים געהאַלטן פאַר די פיס, דער צווייטער פאַר די אַקסלען, דער דריטער האָט צוגעהאַלטן זיין קאָפּ, פאַר־דעקט מיט דער ברייטער דלאָניע דאָס געזיכט פון דעם צע'הרג'עטן.

זיי האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין שווארצן קאַסטן און פאַר־האַקט די טירלעך.

דער פּאָליציי־וואָגן האָט א פּייף־געטאָן, א ריס געטאָן זיך פון אָרט און ארויסגעקייקלט זיך אויף דער ברוקירטער גאַס.

א פילשטימיגער „בו־בו" האָט באַגלייט די ברוטאַלע דינער.

* * *

ס'האָט זיך נאָך ניט איינגעשטילט דער מאַסן־געררודער דאָ אין דעם ווינקל, ווי ס'האָט אויסגעבראָכן אן אויסגעשריי אויף אן אַנדער פּלאַץ.

ווען איך בין צוגעקומען אהין, אוז שוין מיר אנטקעגן גע־נאַנגען א ברייטפּלייציגער פּאָליסמאַן, שלעפּנדיג פאַר'ן קארק א פעסט־געבויטן סטרייקער.

מיט איין האנט האָט דער פּאָליסמאַן אים געהאַלטן פאַר'ן קאָלנער, און מיט דער אַנדער האנט האָט ער אים אונטערגע־שטורכאַטשעט.

דער סטרייקער האָט זיך א ריס געטאָן פון זיינע הענט, א געשריי געטאָן:

— איך גיי דאָך, וואָס שלאָגסטו מיך?

ווי א פעלד־גזלן האָט דער פּאָליסמאַן א האַק געטאָ! אים אי־

בערן קאָפּ מיטן הארטן קלאַב. דער סטרייקער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם שטעקן, פארהיטנדיג זיך פון אַ צווייטן קלאַפּ.

זיינען אָנגעפלויגן גאַנצע דריי פּאָליסלייט און גענומען בוכ־טשען מיט די קלאַבּס דעם דרייסטן ארבעטער...

פיר פּאָליסלייט האָבן מערדערלעך געשלאָגן איין מענטשן, געשלאָגן מיט ווילדער רציחה — איבערן קאָפּ, איבער די אַקסלען, איבער די פּיס — ביז ער איז אין אומאַכט געפאלן אויף דעם שטיינערנעם ברוק...

אַ מיידל האָט מיט אַ היסטערישן געוויין אַ וואָרף געטאָן זיך צו די פּאָליסלייט:

— ס׳איז מיין ברודער! ס׳איז מיין ברודער! איר הרג׳עט אים... מערדער!...

די פּאָליסלייט האָבן אויך דאָס מיידל פארנומען.

אַן עלטערע פרוי האָט זיך איינגעקלאַמערט אין אַ פּאָליס־מאַן:

— דאָס זיינען מיינע קינדער! וואוהין שלעפּסטו זיי! — דער פּאָליסמאַן האָט פארנומען די עלטערע פרוי מיט זיך און אַלע דריי ארייגעשטופּט אין דער שמאָלער טירל...

ס׳האָט געפלאַקערט דער האַס און צאָרן פון טויזנטער אר־בעטער־הערצער. די 27טע גאַס איז נאָך אַלץ געווען שווארץ פון מאַרשירנדיגע סטרייקערס. ווידער האָבן פּאָליסלייט אויף פערד אין די מאַסן זיך ארייגעשניטן, מיט די גלאַנציגע פערדישע מאָרדעס די געשלאָסענע רייען געריסן.

די סטרייקנדיגע פּאַריער האָבן אָבער זייער מאַרש פאָרגעזעצט.

* * *

ס׳איז פארגאָסן געוואָרן ארבעטער־בלוט.

אַזוי פאָדערט דער קאַמף.

די ארבעטער ווייסן:

— וואָס עס ווערט אויסגעקעמפט מיט בלוט, ווערט פאר־פעסטיגט.

קיינע קרבנות וועלן דעם ארבעטער־קאַמף ניט אָפּשטעלן.

א פלוך אויפ׳ן „פאָרווערטס“

דער טאָג אויף ראָטגערס סקווער לעבן דער צענשטאָקיגער געביידע פון „פאָרווערטס“ וועט פאַרבלייבן אין דער געשיכטע פון מאַסנקאַמף, וואָס די ארבעטער־פרויען פירן אָן צוזאַמען מיט זייערע מענער, די פאָריער־סטרייקער.

דער דאָזיגער טאָג וועט אויך פאַרבלייבן ווי א קין־צייכן אויף דעם „צען־שטאָקיגן“, וואָס די שטיינערנע ווענט זיינע האָבן געזען די טויזנטער אויסגעשטרעקטע פרויען־פויסטן, געווענדעט צו די פען־קנעכט, וואָס געפינען זיך דאָרטן.

בגנבה האָבן זיי ארויסגעקוקט פון די פענסטער, פון די זייטיגע לעכער, — און האָבן גוט געזען און אפשר אויך געהערט, וואָס די ארבעטער־פרויען האָבן אין דעם שבת׳דיגן נאכמיטאג אין די פענסטער צו זיי אריינגעשריען. . .

איך שטיי אויף דעם שטיינערנעם ראַנד פונ׳ם פאָנטאַן, וואָס ארום אים האָט זיך צעשפּרייט דער קאָכיגער ארבעטער־עולם, און באַטראַכט פון דער הויך די גרויסע צונויפגעפּרעסטע מאַסן. פון איין זייט — דער צען־שטאָקיגער מויער, וואָס פאַרקערפּערט מיט זיך פאַרראַט, פּראָוואָקאַציע, גענגסטעריזם, פאַרברעכן, שונד, וואָס איז „דערהויבן“ געוואָרן אויפ׳ן בלוט און שוויים פונ׳ם ארבעטער־קלאַס.

פון דער צווייטער זייט, איז אַן אויסגוס פון פאַרביטערטע הערצער, פון צאָרנדיגע בליקן, פון געביילטע פויסטן. וואָס פאַר א בילדרייכער ביישפּיל פון קאַמף מצד די נייע, יונגע, רעוואָלוציאָנערע קרעפטן געגן דעם שימל פון דער אַלטער פאַרברעכערישער לייבאָר־ביוראָקראַטיע!

מיט א ריי אויטאָמאָבילן איז פאַרצאַמט דער וועג צום „צען־שטאָקיגן“.

מ׳זאָגט, אז דאָס איז געטאָן געוואָרן בכיון, אויס מורא, אז די דערצאָרנטע ארבעטער־מאַסן זאָלן ניט קאָנען דערגרייכן צו אים,

צום „גולם“, און אויסלאָזן זייער גרימצאָרן צו די שויבן זיינע...
אָבער די לופט איז פריי, ניטאָ קיין צוימען פאַר דעם מעכטיגן פּראָטעסט פון די טויזנטער און טויזנטער פּראָלעטאַריער! און זיי, די פאַררעטער, זעען און הערן, ווי גרויס איז דער צאָרן געגן זיי.

— ווי באַנדיטן האָבן זיי זיך פאַרטייעט אין די לעכער!

אָט־די פשוט׳ע ווערטער זאָגט אַרויס אַ קליין־געוויקסיגער דאַרער אַרבעטער, וואָס זיצט הינטער מיר אויפ׳ן ראַנד פונ׳ם פאָנטאַן. ער האַלט דעם קאָפּ פאַרריסן צום צען־שטאָקיגן. אַרום זיינע טיף־איינגעפאַלענע אויגן זעען זיך שאַרף טונקעלע פּליאַמעס, דאָס פּנים איז בלאַס מיט רויטע פלעקן אויף די איינגעשרומפּטע באַקן. אַ פאַרביטערטקייט דריקן אויס זיינע פאַרשפּיצטע אויגן, זיינע צונויפגעפּרעסטע ליפּן...

— ... ברידער און שוועסטער! — טראָגט זיך פון דער פּלאַטפאָרמע אַ פרויען־קול: — עס פלאַמט באַ מיר דאָס פּנים פון שאַנדע... גיט מיר אַן עצה, ווי אַזוי זאָל איך אַרויסקריגן צוריק מיינע צוויי ציגל, וואָס שטעקן אָט אין דעם פאַרפלוכטן צען־שטאָקיגן גולם! מיט יאָרן און יאָרן צוריק, ווען אָט־דער שוואַרץ־מאה׳דיגער „פאָרווערטס“ האָט נאָך געהאַט אַ פונק פון אָנשטענדיקייט, און מיר, אַרבעטער און אַרבעטערינס, האָבן געגלויבט, אַז דאָס איז אונזער אַרבעטער־צייטונג, מ׳שטיינס געזאָגט; ווען די רעדאַקציע פון אָט־דעם געלן „פייפער“ איז נאָך געלעגן אין דר׳ערד, אין אַ קעלער — איז מען אַרויסגעקומען צו אונז, אַרבעטער, מיט אַ רוף:

— „קויפט יעדער איינער אַ ציגל, און לאָמיר אויסבויען אַן אייגן הויז פאַר אונזער אַרבעטער־אָרגאַן!“

בין איך דאָך געווען איינע פון די ערשטע און איך האָב צוויי ציגל געקויפט פאַר מיינע שווער־פאַרהאָרוועטע געלט. איצט שטעקן מיינע צוויי ציגל אין אָט־דעם פינסטערן גולם, וואָס פאַרראַט אונזערע אַרבעטער־אינטערעסן, וואָס האָט זיך פאַראייניגט מיט די קאָרופּטע מעטיו־וואָלס און מעקגריידיס, וואָס פאַרטיידיגט גענגסטערס, וואָס באַשיצט סקעבס, וואָס לאַכט זיך אויס פון אונזערע ווייטאָקן, וואָס שיט זאַלץ אויף אונזערע ברענענדיגע וואונדן!

גיט מיר אַן עצה, שוועסטער און ברידער, ווי אַזוי אַרויסצוקריגן מײַנע צוויי ציגל? דאָ זײַנען פאַראַן אַ סך אַזוינע, וואָס זייערע ציגל שטעקן אין אָט־דער געבײַדע, וואו עס געפינען זיך אונזערע פּאָרטרעטער. אפשר זאָלן מיר זיך אַ נעם טאָן צוזאַמען און אַרויסרײַסן אונזערע ציגל און זאָל דער צענשטאָקיגער צעשאָטן ווערן?

. . . וואָס פאַר אַ שטורם פון הענט־קלאַפּערײַען און דונערדיגע „בראַוואָ"־אויסגעשרייען עס ברעכט אויס אַרום און אַרום! עס דוכט זיך: נאָך איין פלאַמיגער רוף — און די פיל־טויזנט־קעפּיגע מאַסע וועט זיך טאַקע אַ לאָז טאָן צום „צען־שטאָקיגן" און וועט צעטראָגן אַלע ציגל, אַז קיין זכר וועט פון אים ניט בלײַבן. . .

די געשטאַלטן אין די פענסטער פון'ם „פאָרווערטס" פאַרמערן זיך. בײַ דער העלער שײַן פון דעם זומער־טאָג זעט מען דײַטלעך די קרומע שמייכלעך אויף זייערע זאַטע פּנים'ער. זיי פילן זיך זיכער, באַשיצט פון צענדליגער פּאָליסלײַט, וואָס רינגלען אַרום ראָטגערס סקווער. אויב עס וועט זײַן נויטיג, וועלן די טעלעפאָן

אַפּאַראַטן זייערע אַרויסרופֿן נאָך און נאָך הונדערטער און הונדער־טער בלויע רעק, וואָס זיינען גרייט צו דינען די אַרבעטער־שונאים...

— איר זעט... — זיי לאַכן זיך אויס, — זאָגט דער אויסגע־דאַרטער אַרבעטער, וואָס זיצט הינטער מיר.

ענטפערט אים אַ צווייטער:

— זיי לאַכן מיט קרעמענעס... לאַכן לאַכט דער, ווער עס לאַכט דער לעצטער!

— קומט אַרונטער! — שרייט אויס אַ פרויען־קול צו די „פאָרווערטס"־געשטאַלטן — און טוט אַ פּאָכע מיט'ן פויסט: — קומט אַהער, איר פיינע מענטשעלעך, איר פארקויפטע נשמה'לעך, וועט איר בעסער זען, ס'אַרא „קופּקעלע", ס'אַרא „הייפּעלע" מיר זיינען! אַ פלוך אויף אייך, איר פעך־באַנדיטן!

צווישן די רעדנערקעס געפינען זיך צוויי מיט שטאָלענע שטי־מען און די זודיגע ווערטער זייערע צעטראָגן זיך ווייט־ווייט איבער דעם פּיל־טויזנט־קעפּיגן עולם, דערגרייכן צו די גנבה'שע געשטאַלטן דאָרטן אין דער הויך, ווערן פאַרכאַפּט די מאַסן פון ברעג צו ברעג.

* * *

געענדיגט האָבן זיך די רעדעס, און דער גרויסער עולם האָט זיך אַ ריר געטאָן און גענומען שטראָמען אין איין ריכטונג, — פאַרביי דעם הויכן מויער, וואָס איז באַשיצט פון פּאָליסלייט.

ערשט איצט האָבן גענומען פּאָכען די טויזנטער פרויען־פויסטן, ערשט איצט איז די גאַס אויפגעטרייסלט געוואָרן פון טויזנ־טער שטימען:

— סקע־בס... פאר־ר־עטער! סקע־ע־בס!

אויסערגעוויינלאַכעס

איך בלעטער איבער אין מיין זכרון אלע קופּער־יוניאָן מיטינ־גען פון די קעמפּענדיגע פּאַריער, פון די קלאָוק־ און דרעסמאַכער; איך געדיינק דייטלעך אלע דערהויבענע מאָמענטן פון מאַסן־אויפ־ברויז, פון מאַסן־עקסטאַז; איך קוק דורך מיינע נאָטיצן, וואו איך האָב אויסגענוצט די פּייערלעכסטע ווערטער, די רייכסטע פאַרבן.

וואָס־זשע זאָל איך איצט זאָגן וועגן דאָס אויסערגעוויינלע־כעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַ וואָכעדיגן אָוונט אין קופּער־יוניאָן?

ווי בלייך, ווי פאַרבלאָז זיינען אַלע ארויסגעזאָגטע ווערטער, אַלע אויסגענוצטע פאַרבן! צו אַן אויסגעוויינלעכער הויך האָט זיך דערהויבן די פּאַריער־יוניאָן מיט זייער הויפּט־פירער בראש.

אַ גרויסע רייע רעדנער האָבן ארויסגעטראָטן, איינער שטאַר־קער, פלאַמיגער פאַר דעם צווייטן — אַ גאַנצע גאַלייריע באַגאַבטע אַרבעטער־פירער. פון די ארבעטער־רייען זיינען זיי אַלע אויף דער פראָנט־ליניע פון מאַסנקאַמף ארויסגעקומען, — אנערקענטע, אויסדערוויילטע.

עס האָבן אויך ארויסגעטראָטן פירער פון דער פּראָווינציעלער פּאַריער־ארבעטערשאַפט.

עס האָט אויך גערעדט אַ לאָיער, אַ פריינט פון די פּאַריער־אַרבעטער, וואָס ווערן היינט־צו־טאָג אין די הונדערטער אַרעסטירט, צעשלאָגן אויף דער פּיקעט־ליין, פאַרזעצט אין טורמע. יעדער רעדנער איז באַגעגנט געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, באַגלייט געוואָרן מיט לאַנג־דויערנדיגע אַפּלאָזן — און דאָך...

ווי אָפּגעווישט איז געוואָרן אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען, ווען אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט זיך באַוויזן בען גאָלד.

די אַלע ווערטער — „דונער“, „שטורם“, „פלאַמען“, „פּייער“,

זײַנען אָרים, נישטיג, בלייך, פֿאַרבלאָז אין פֿאַרגלײַך מיט דעם, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דעם איבערגעלאָדענעם קופּער־יוניאָן.

צום ערשטן מאָל קומט מיר אויס צו הערן אַ רעדע, וואָס זאָל זיך אָנהייבן מיט אַזאַ שפּילעוודיגן הומאָר, וואָס מאַכט קייכן פֿון געלעכטער טויזנטער מאַסן, און זאָל זיך פֿאַרענדיגן מיט אַזאַ אוי־סערגעוויינלעכן זודיגן שטראָם פֿון פֿאַרבלוטיגטע ווערטער...

שלאַפֿע פּרוּוען האָבן צוזאַמענגעבראָכן. ניט ווייט פֿון מיר איז אַן ארבעטערין צו דעם אָנלעג פֿון איר שטול מיט'ן פּנים צוגעפֿאַלן, שלוכצענדיג און ציטערנדיג מיט אַ קאָנוואולסיוון ציטער...

— ... איר ווילט דאָך איך זאָל אײַך אָפּגעבן אַ באַריכט וועגן דער אַזוי־גערופֿענער „קאָנווענשאָן“ אין וואַשינגטאָן — האָט דער הויפּט־פֿירער אָנגעהויבן, און אויף זײַן אָפּגעצערטן פּנים האָבן זיך צוויי שמייכלענדיגע גריבעלעך באַוויזן:

— איך זאָל אַזוי וויסן פֿון אַ בייזער וועטשערע, אויב איך וויים, וואָס דאָס איז געווען. עס האָבן זיך פֿאַרזאַמלט די שוואַרצ־סטע עלעמענטן — איר ווייסט דאָך, אייגענע „באָיעס“ — און מ'האָט גענומען שפּילן אין „קאָנווענשאָן“... אַמאָליגע צייטן, ווען עס פֿלעגט אויסברעכן אַן עפּידעמיע, פֿלעגט מען אָפּן בית־עולם שטעלן שוואַרצע חופּות. אָט דאָס איז פֿאָרגעקומען אין וואַשינג־טאָן — — —

מיט פֿאַרברייטע שטריכן מאָלט דער רעדנער די „זיצונגען פֿון דער כלומר'שטער „קאָנוועשאָן“. מ'זעט ממש פֿאַר זיך דעם קליי־נעם צימער אינ'ם בילדינג פֿון א. פ. אָוו ל.:

— ... פֿינסטער, חושך, וויסט און ליר... אינמיטן שטייט אַ לאַנגער טיש און אַרום אים זיצן אַזוינע און אַזוינע טרויעריג־באַוואוסטע פֿאַרשוינען...

ער רופֿט אָן יעדערן באַם שיינעם נאָמען זײַנעם, רעכנט אויס יעדערנס "מעשים טובים", וואָס רופֿן אַרויס אַן אויפֿרייס פֿון היל־כיגן געלעכטער.

... דאָ קומט אַריין פּרעזידענט גרין און מעטי וואָל... גרין קומט אַריין, איר ווייסט דאָך ווי אַ פּרעזידענט דאַרף אַרײַנקומען:

מיט אַ ברייטקייט, מיט אַ גרויסקייט... ער טראָגט שטענדיג אַריין מיט זיך „געוויכט"... מ'צוזעצט זיך אויבן־אָן: גרין פון איין זייט, מעטיו וואָל פון דער צווייטער זייט, עוזר אין דער מיט. די „באָיעס" סטיידזשן אַן אַפּלאָז, און עוזר שעכטמאַן האַלט זיין „ספּיטש"...

מיט צוויי דריי שטריכן מאַלט ער אָפּ דעם שלימ'מזל'דיגן פּרעזידענט פון דער פאָריער אינטערניישאָנאַל, וואָס איז באַשטראָפט געוואָרן מיט אַזאַ הארבער שטראָף ווי צו זיין אַ „פּרעזידענט" און האַלטן אַ „רעדע"...

— ס'איז ניט געווען אין דער רעדע ניט קיין אָנהויב און ניט קיין סוף. ער האָט נעבעך ניט געוואוסט, וואָס מ'וויל פון אים און וואָס ער וויל אַליין...

אין דעם זעלבן הומאָריסטישן טאָן שילדערט בען גאָלד אַלע ווייטערדיגע מאָמענטן פון דער טראַגי־קאָמישער „קאָנווענשאָן", ווי אַזוי מ'האָט באַזייטיגט די לינקע דעלעגאַטן, און באַזייטיגט האָבן די יעניגע, וואָס קיינער האָט זיי ניט דערוויילט, וואָס זיי רעפּרעזענטירן די סקעבס. האָבן גענומען די לינקע שטעלן פראַגן — פאַרוואָס? און פאַר־ווען? ווער האָט געגעבן דאָס רעכט צו די באָיעס, וואָס זיינען פאַרטונקען אין גרעפט, אין קאָרופּציע, אין יוניאָן־ברעכעריי, אַז זיי זאָלן באַשטימען, ווער פון די דעלעגאַטן איז געזעצלעך און ווער איז ניט געזעצלעך דערוויילט?

האָט עוזר געשריען: „סעדאַן! שאַראַפּ!" איז געוואָרן אַ מחלוקה, האָט גענומען רינען בלוט...

— ... דערמיט האָט זיך געענדיגט די ערשטע זיצונג.

נאָר אַ גוואַלדיגן געלעכטער האָבן אַרויסגערופן גאָלדס שילדערונגען וועגן מעקגריידי'ס פאַרהאַנדלונגען וועגן „שלום". אין אַ לעבעדיגן דיאַלאָג־פאָרם גיט איבער ח' גאָלד דעם געשפּרעך מיט מעקגריידין, וואָס איז נעבעך „אַריינגעשלעפּט" געוואָרן אין די אידישע יוניאָנס און ווייס ניט, וואָס מ'וויל פון אים. ער איז גרייט צו העלפן, אַז שלום זאָל איינגעשטעלט ווערן, נאָר ער מוז באַלד אָפּפאָרן קיין ניו יאָרק, ווייל: — ווער ווייסט וואָס די פאָריער וועלן אויף דער פּיקעט־ליין נאָך אָפּטאָן...

— . . . ס'וואָלט אפשר יאָ געקומען צו אַ פאַרשטענדיגונג, נאָר דאָ זיינען אָנגעפּלויגן די מחבלים, די זיגמאַנס, די שיפּלאַ־קאָפּס, די גאַנצע שווארצע באַנדע און זיי האָבן ארייננגענומען דעם שמאַטעדיגן פּרעזידענט גרין אין זייערע נעגל — און אויס!

דאָ צינדט זיך אָן בען גאָלד.

ס'איז שוין ניטאָ קיין סימן פונם שפּילעוודיגן הומאָר. עס פּליסט אַ בלוטיגער שטראָם ווערטער, גליענדיגע, ברענענדיגע. זיין אָפּגעצערטער קערפּער צאַפּלט זיך אונטער דעם הייסן שטראָם:

— . . . ניטאָ קיין שלום און עס קאָן ניט זיין קיין שלום מיט די פאַררעטער און באַנדיטן, מיט די מעסער־העלדן, מיט די אונ־טערוועלט־יונגען! — אַ שווארצע כמארע הויבט זיך אויף אויף דער גאַנצער אַרבעטערשאַפט פון גאָר דער וועלט. דער הערשנדי־גער קאַפּיטאַל פּלאַנעוועט ווידער אַ בלוט־באָד. דארף מען האַלטן די אַרבעטער אין צוים, טאָר מען ניט דערלאָזן, אַז אין די יוניאָנס זאָלן שטיין אין דער שפּיץ פּראָגרעסיווע פירער, וואָס וועלן אויפ־קלערן, געבן צו פאַרשטיין, און די אַרבעטער וועלן ניט גיין פאַר־גיסן זייער בלוט פאַר די אינטערעסן פון קאַפּיטאַל! די מעטיו וואָלס, די זיגמאַנס און די גרינס — זיי דינען טריי דעם קאַפּיטאַ־ליסטישן קלאַס, פּילן אויס, ווי געהאָרכזאַמע קנעכט, זיין ווילן. מוזן מיר קעמפן געגן דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט! מיר מוזן ראַטעווען אונזערע יוניאָנס! די בלוט פון אונזערע קרבנות, וואָס ווערן צו'הרג'עט אויף די פּיקעט־ליינס, רופט אונז צום קאַמף! ראַטעוועט די יוניאָנס! ראַטעוועט די גאַנצער אַרבעטער באַוועג־גונג!... אַלע אויף דער פּיקעט־ליין!

.. . איך זיץ אין דער נאַכטיגער שטילקייט, פאַרצייכן מיינע איינדרוקן און עס הערט ניט אויף צו דונערן און צו קנאַלן אין מיינע אויערן דער אויפבראויז פון די מאַסן...

„בראָנקס סטאַדיום"

. . . צוועלף ביינאכט, מיטוואָך, 28טער אויגוסט, 1928טן יאָר.

איך פאַרצייכן דעם דאַטום, ווייל „בראָנקס סטאַדיום" איז אַ פאַרזעצונג פון „יענקי סטאַדיום" אין יאָר 1925. דאָס איז אַ ווענדפונקט אין דער געשיכטע פון מאַסנקאַמף אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

אין דעם טאָג האָט ווידער אַ כישוף־פענזל פון'ם גרויסן מייס־טער — מאַסנקאַמף — אַ פיר געטאָן איבער דעם ריזיגן פּלאַץ פון בראָנקס־סטאַדיום. און אויף דעם פעלד, וואו עס זיינען נאָך פאַרבליבן די ווייסע צייכנס פון דער נאַר־וואָס פאַרענדיגטער בייז־באָל־שפּיל, זיינען אויסגעוואַקסן טויזנטער און טויזנטער זיץ־פּלע־צער, וואָס זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ פופצן־זעכצן־טויזנט קעמפיגן אַרבעטער־עולם.

ווי אַ קאָכיגע לאַווע האָט געפלאָסן דער מענטשן־שטראָם דורך דעם באַרגיקן אַריינגאַנג אין בראָנקס־סטאַדיום.

די זעלבע קלאָוק־ און דרעסמאַכער, וואָס האָבן מיט דריי יאָר צוריק געשטורמט אין יענקי סטאַדיום, — נאָר מער באַוואַסטזי־ניגע, מער פאַרהאַרטעוועטע אין קאַמף — זיינען איצט געקומען צום פעסטן באַשלוס: אויפבויען אַ נייע יוניאָן.

אויף דער ברייטער פּלאַטפאָרמע — די זעלבע קעמפער־פירער.

עס זעען זיך צווישן זיי אויך נייע פּנים'ער, — דאָס זיינען די פאָרשטייער פון דער פופציגער קאָמיטע, פון דער טאָלעראַנץ גרופּע.

ביי דעם לאַנגן טיש פאַר דער פרעסע זיצט אויך אַ „פאָר־ווערטס"־רעפּאָרטער.

מ'וואונדערט זיך:

— וואו נעמט זיך באַ אַ מענטשן אזוי פיל חוצפה, אזא אומ־

פאַרשעמטקייט צו באַווייזן זיך צווישן מענטשן, רעפּרעזענטירנדיג אַזאַ שוואַרצן נעסטל, ווי דער „פאָרווערטס" ? ער איז אָבער ניט לאַנג געזעסן דער מענטשל, ווייל ער האָט געפילט און געזען, ווי אויגן־שפּיזן זיך אין אים אריין, וואָס זאָגן אָן ווערטער: — פען־קנעכט! ווי קומסטו אהער? ווי שעמסטו זיך ניט צו באַווייזן דיין פּרצוף צווישן אַרבעטער? !

דאָך איז אַ שאָד, וואָס דער „פאָרווערטס"־מענטשל האָט נישט געהערט, ווי לואיס היימאַן האָט אים מכבד געווען:

— . . . וואָלט מען אַ רעפּאָרטער פון דער „פריהייט" צוגע־לאָזט צו זייערן אַזאַ מיטינג? הגם אַזאַ מיטינג קאָנען זיי קיינמאָל ניט האָבן! —

...ער וואָלט דאָך אַ לעבעדיגער פון דאָרטן נישט אַוועק. און ביי די קאָמוניסטישע „הפקר־יונגען" זיצט דער פּאַרטרעטער פון דעם „פאָרווערטס" גאַנץ רואיג — ער איז זיכער, אַז מ'וועט אים דאָ גאָרניט טאָן... נו, גיי טענה מיט'ן „פאָרווערטס", ווער זיינען גענגסטער — מיר צי זיי? !

* * *

אונטער דעם צייכן פון קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, פון שאַ־פונגס־קראַפט איז דורכגעגאַנגען דער ריזיגער מאַסמיטינג אין בראָנקס סטאַדיום. בשעת אין יענקי סטאַדיום האָט מען נאָך געמוזט זיך האַלטן אָן דעם צופוילטן בנין — אָן דער „אינטער־נייש אָנאַל", וואָס איז פּאַרמיסטיגט געוואָרן פון די זיגמאַנס און שלעזינגערס — איז דאָ, אין בראָנקס סטאַדיום געווען דער לאָזונג:

— אַ נייע יוניאָן מוז געשאַפן ווערן! די אַלטע יוניאָן איז געשטאָרבן! — דאָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו פון דער לינקער פּירערשאַפט. דאָס איז אויך געווען דער וואונטש פון די צענד־ליק טויזנטער קלאָוק־ און דרעסמאַכער.

און עס זיינען פאַר'משפט געוואָרן צום אונטערגאַנג אַ גרופּע אונטערוועלט־יונגען, וואָס ווערן אויפגעהאַלטן און געשטיצט פון די שוואַרצע נעסטן פון „פאָרווערטס" און פון א. פ. אָוו ל., וואָס ציען זייער יניקה פון דער איצטיגער פאַרברעכערישער קאַפּיטאַליס־טישער אָרדנונג.

* * *

— פיין און ליידן קלערן אויף, לייטערן אויס, — האָט גע־זאָגט לואיס הײמאַן אין זיין שלום־רעדע:

— די צאַרישע הערשאַפט האָט געדויערט אזוי לאַנג, ביז דאָס גאַנצע לאַנד איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט איין באַגער, מיט איין פאַרלאַנג—

— נידער מיט דער זעלבסטהערשאַפט!

און די גאַנצע צאַרישע מאַכט מיט אַלע באַשיצער און ארויס־העלפער איז נידערגעשליידערט געוואָרן אין איין טאָג!

אויך דאָ אין דער קליין וועלטל פון די קלאָוק־און דרעסמאַכער איז געקומען דער גרויסער טאָג, עס האָט געשלאָגן די שעה:

— ארונטער מיט דער צופוילטער, קאָרופטער פאַררעטערי־שער „זיגמאַן־שלעזינגער־„פאָרווערטס“־מאַשין!

דער בראָנקס סטאַדיום האָט געעפנט א נייעם בלאַט אין דער געשיכטע פון די קעמפנדיגע נאָדל־ארבעטער.

די פּאַריער אין די פוס-טריט פון די קלאָוק- און דרעסמאַכער

אין בראָנקס סטאַדיום האָבן די רעוואָלטירנדיגע קלאָוק- און דרעסמאַכער געגומען ליגן ציגל צו ציגל — אויפצובויען א נייע אַרבעטער-פעסטונג.

איצט זיינען געקומען די קעמפנדיגע פּאַריער.

ארום און אין קופּער יוניאָן האָט זיך אָפּגעשפּיגלט זייער אַנטשלאָסנקייט, זייער גרייטקייט אוועקצולייגן דעם גרונטשטיין אויך פון זייער נייער יוניאָן.

נאָך אין בראָנקס-סטאַדיום האָט דער פירער פון די פּאַריער, בען גאָלד, געגעבן צו וויסן:

— . . . איר, חברים קלאָוק- און דרעסמאַכער, האָט דאָס גליק צו זיין די ערשטע צו ליגן דעם ווינקלשטיין פון א נייער יוניאָן, וואו די שווארצע משחיתים וועלן קיין שליטה ניט האָבן. איך בין געקומען אייך זאָגן אין דעם נאָמען פון די טויזנטער און טויזנטער קעמפנדיגע פּאַריער, אז אינגיכן וועלן מיר, פּאַריער, אויך טאָן דאָס זעלבע, וואָס איר טוט איצט — — —

* * *

. . . שוין לאַנג-לאַנג האָבן די ארומיגע גאסן, וואָס קרייצן זיך צונויף לעבן קופּער-יוניאָן, ניט געזען אזא מאסנבאַלאַגערונג.

א געדיכטע לעבעדיגע וואַנט פון מאסן האָט זיך געצויגן ארום דעם מאסיוון טונקל-גרויען מויער אין דער דערוואַרטונג, עס זאָלן זיך עפענען די אריינגאַנג-טירן.

דער זייגער האָט ערשט געוויזן א פערטל צו זעקס, און די מאסן פּאַריער זיינען שוין געווען אויפ'ן פּלאַץ.

און ווען די טירן האָבן זיך געעפנט, האָט זיך די לעבעדיגע וואַנט א ריס געטאָן און איז אריינגעשוואומען אין די אָפענע טירן.

ס'האָט געדראָט ממש מיט געפּאַר דערשטיקט צו ווערן אין דעם געדראַנג באַם אַריינגאַנג.

איך בין מיט'ן כוואַליענדיגן שטראָם אַריינגעטראָגן געוואָרן אינעווייניג אין דער לופטן, ווי מ'ווערט אַריינגעשלעפּט אין די סאָבווייס אין די „ראָש־האורס".

ס'האָט ניט געדויערט קיין פופצן מינוט און קיין ליידיג פּלאַץ, א חוץ אין די ווייטע זייטיגע ווינקלען, האָב איך שוין ניט געפונען.

בין איך אַרויף אויף דער ברייטער פּלאַטפאָרמע.

אָבער אויך דאָ איז באַלד געוואָרן איינג. געדיכטע רייען האָבן מיר פאַרשטעלט די רעדנער, וואָס האָבן גענומען אויפטרעטן אונ־טער שטורמדיגע אַפּלאָדיסמענטן.

* * *

דעם ערשטן הארמאָטן־שאָס מאַכט איינער פון די בראַווע פאָריער־קעמפּער, וואָס שטייט אין קאַמף פון דעם ערשטן טאָג.

עס דונערט זיין קול, עס צופּן די אָדערן ביי זיין האַלז, און די פּראָסטע אַרבעטער־ווערטער פאַלן ווי שווערע שטיינער, קריצן זיך איין אין די מחות.

— . . . ווי לאַנג, ווי לאַנג וועלן מיר ליידן ? אונזער בלוט גיסט זיך דאָך אין די גאַסן ! אונזערע פרויען און קינדער הונגערן ! ברידער און שוועסטער ! די שעה האָט געשלאָגן ! א נייע יוניאָן דאַרף געשאַפן ווערן ! פון די אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער ! —

און באַלד נאָכדעם האָבן גענומען אויפטרעטן פאָרשטייער פון א גרויסער צאָל פאָריער־לאָקאַלן איבער'ן גאַנצן לאַנד און פון קאַנאַדע.

ס'האָט אויסגעזען ווי א פייערלעכער קאַרניוואַל פון צענדליגער לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געקומען אויפ'ן גרויסן „יום־טוב פון אויפבוי" צו לייגן דעם פונדאַמענט פאַר א נייער פאָריער־אינטערנעישאָנאַל.

— ...דער שוואַרצער „פאָרווערטס" האָט נעכטן געשריבן, אַז „די קאָמוניסטן האָבן צונויפגעשלעפּט א קאָנפערענץ פון אַרויסגע־שפּיגענע קאָמוניסטישע באַאַמטע און פון אינשורענס־אַגענטן, וואָס פאַרטרעטן קיינעם ניט". אָט זיינען די „אינשורענס־אַגענטן" —

און דער פאַרזיצער שטעלט פאַר איינעם נאָך דעם אַנדערן די פאַרטרעטער פון די לאָקאַלן, וואָס זיינען פאַרטרויטע, אויסדער־ווײַלטע פון דער מיטגלידערשאַפט פון זייערע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס, אויך פון די נאַציאָנאַלע גרופּעס — פון די גריכן, פון די איטאַליענער, וואָס באַשעפטיגן זיך אין פאַר־טרייד.

מיט יעדן אויפטריט פון די פאָרשטייער הויבט זיך די שטי־מונג, פלאַמען אויף די מאַסן, און דו זעסט, דו פילסט, ווי עס וואַקסט די אייניגקייט, דער ווילן, די אַנטשלאָסנקייט צו בויען א נייע פעסטונג.

* * *

די הויפּט־רעדנער זיינען נאָך ניט געקומען צו זייער וואָרט און דער פאַרזיצער האָט גענומען פאָרלייענען די רעזאָלוציע וועגן אויפבויען א נייע פאַראייניגטע אינטערנייִשאָנאַל יוניאָן.

א מערקווירדיגע שטילקייט האָט געהערשט אין דעם איבערגע־פאַקטן זאַל, און יעדעס וואָרט פון דער רעזאָלוציע האָט דייטלעך אָפּגעקלונגען אין אַלע ווייטסטע ווינקלען:

— „...באַשליסן מיר, די דערווײַלטע פאָרשטייער פון די לאָ־קאַלן 1, 5, 10, 15, 88, 58, 54, 53, 25, 30, 40 און 91 — פון ברוקלין, נוארק, פילאַדעלפיע, באָסטאָן, טאָראָנטאָ, וויניפּעג... צו אָרגאַניזירן איין פאַראייניגטע פאַריער־אינטערנייִשאָנאַל יו־ניאָן..".

דער גאַנצער עולם איז אויפגעשפּרונגען פון די ערטער און די צוהיצטע לופט איז אויפגעטרייסלט געוואָרן פון א לאַנג־דויערנדיגן אַפּלאָז...

דער מאָמענט וועט אויף אייביג פאַרבלייבן אין זכרון פון די אנוועזנדיגע טויזנטער פאַר־אַרבעטער.

* * *

דאָס שפּאַנענדסטע איז ערשט געקומען, ווען ס'האָבן גענומען אויפטרעטן די הויפּט־רעדנער.

אין אַלע דורכגאַנגען צווישן און אַרום די זיץ־פּלעצער זיינען געשטאַנען ווי צוגעשמידט קאָמפּאַקטע מאַסן אַרבעטער.

טייבן שוויים האָט געגאָסן פון יעדן איינעם, נאָר קיינער

האָט זיך ניט גערירט פון אָרט און מיט א פארכאפּטן אָטעם זיך צוגעהערט צו די פייערדיגע רעדעס.

עס דערשיינען אויף דער פּלאַטפאָרמע די פאָרשטייער פון פארשיידענע גרופּעס „בעל־תשובה'ניקעס".

יעדערער פון זיי האָט א סך וואָס צו דערציילן פון „חדר", וואָס זיי האָבן ניט לאַנג פארלאָזט, נאָר די שעה איז שוין שפּעט. דאָך געלינגט זיי צו דערציילן עטלעכע טשיקאווע פאַקטן, וואָס שטעלן ארויס אין דער גאַנצער נאַקעטער העסלעכקייט די שוואַרצע „פאָרווערטס"־נעסט, די סטעצקים און מעקגריידים.

ענדלעך האָט זיך דער עולם דערוואַרט, אז גאָלד און היימאַן זאָלן זיך פאר זיי באווייזן.

און בשעת לואיס היימאַן האָט זיין איינדרוקספולע רעדע געהאַלט און בען גאָלד האָט זיין פלאַמיג וואָרט ווי א פייערדיגן קויל אין די מאַסן געוואָרפן, איז קופּער־יוניאָן פארוואנדלט געוואָרן אין א כוואַליענדיגן ים פון באגייסטערונג און אנטשלאָסנקייט:

— איין יוניאָן פון די ארבעטער און פאר די אַרבעטער!

— פאָראויס צום זיג!

* * *

דער גרונטשטיין פון דער נייער פאָריער־יוניאָן איז געלייגט געוואָרן.

זיגמאַנ׳ס מפּלה

„זיגמאַן האָט רעזיגנירט!“

די בשורה האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט צווישן אַלע אַר־בעטער, אַפילו אין די ווייטסטע געגנטן פון גרויס ניו־יאָרק.

ס׳איז געווען אַ שפּעטע פרימאָרגנדיקע שעה, ווען מ׳זעט אויף דער סאָבוויי־סטאַנציע בלויז יענע אַרבעטער, וואָס זיינען ברויטלאָז געבליבן אַ דאַנק דער זיגמאַנשטשינע.

איך וואונדער זיך: די אַרבעטער פון דער ווייטער בראָנקס זיינען כמעט אַלע „פרייהייט“־לעזער — און דאָ זע איך אַ סך פון זיי האַלטן אין די הענט אַ „כל־ישראל“־ציטונג. און מ׳זוכט עפּעס, מ׳זוכט...

— איך נעם די שמאַטע קיינמאָל ניט אין האַנט, — פאַרענטפערט זיך אַ קלאַסנבאַוואוסטזיניקע אַרבעטערין, — נאָר אַז איך האָב דערהערט, אַז דאָ איז פאַראַן די נייס וועגן זיגמאַנ׳ס רעזיגנאַציע, איז שוין כדאַי אַרויסוואַרפן דריי סענט...

מ׳קוקט אַריין אין דעם „פּייפּער“, מ׳לייענט די פרייל־עכע נייס.

צופרידענע שמייכלעך שפּרייטן זיך אויף די אַרבעטער־פּנימ־ער, חוזק און ביטול קוקן אַרויס פון די אַרבעטער־אויגן.

— אַ ווערדיקע פּרי אַראָפּ פון וועג!

— געקומען די מפּלה אויך אויף דעם קליינעם „ניקאָלאַיקע“ אונזערן! —

דער, וואָס מאַכט דעם פאַרגלייך, פאַרענטפערט זיך באַלד:

— ס׳איז ניט קיין געלונגענער פאַרגלייך — צופיל „כבוד“ פאַר אַזאַ גאָרנישט און אַ נישט, ווי מאַריסקע זיגמאַן. אָבער ענלעכעס איז פאַראַן...

— ניקאָלאַי דער צווייטער איז אויך אַראָפּגעפאַלן ווי אַ ווע־רעמדיקע פּרי פון דעם גיגאַנטישן קערפּער פון די רוסישע מיליאָניקע

האַרעפּאַשנע מאַסן, ווי זיגמאַן פון די פּלייצעס פון די צענדליגער טויזנטער קלאָוק- און דרעסמאַכער.

דער פאַרגלייך איז ריכטיג אויך אין דעם פּרט, וואָס נאָכדעם, ווי ס'איז פאַרגאָסן געוואָרן אַזוי פיל בלוט, ס'איז פאַרשאַפן געוואָרן אַזוי פיל ליידן; ווען ס'איז ניט פאַרבליבן קיין איין מענטש, וואָס זאָל מיט האַס און צאָרן ניט דערמאָנען דעם טרפה'ענעם נאָמען „ניקאָלאַי", ווי דאָ „זיגמאַן" — זיינען זיי ביידע שוין געווען טויט נאָך באַם לעבן, באַם האַלטן זיך אויף זייערע „טראָנען".

— זיגמאַן וועט שוין קיין תחית המתים ניט אויפשטיין—פּונקט ווי ניקאָלאַי דער לעצטער, — גיט צו אַ צווייטער.

דורכגעזאַפּט מיט קאָרופּציע און פאַרראַט, פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט דער אונטערוועלט, איז דער נאָמען „זיגמאַן" געוואָרן ביי די אַרבעטער דער אויסדרוק, די פאַרקערפּערונג פון הפקרות, פון אומבאַגרענעצטער הערשאַפּט ארויפגעצוואונגען מיט גוואַלד אויף גרויסע אַרבעטער־מאַסן.

* * *

אין דער דערוואַרטונג אויפן טריין, שמועסט מען זיך דער־ווייַלע דורך.

— ער איז שוין לאַנג געווען טויט, דער פאַררעטער. איצט האָט מען נאָר די נבלה אַרויסגעוואָרפן.

—עט... וואָס איז די פּעולה, אַז זיגמאַן איז פאַרטריבן! די ז י ג מ א נ ש ט ש י נ ע איז דאָך פאַרבליבן! מיט איין ווערעמדיגער פרי מער צי ווייניגער—די גאַנצע כאַליאַסטרע מיט שלעזינגער'ן אין דער שפּיץ איז דאָך נאָך באַ דער „אַרבעט".

נישקשה: זיגמאַנ'ס מפּלה איז דער אָנהויב פון זייער אַלע־מענס סוף —

—אי, וואָס עס וועט זיך היינט טאָן אין „מאַרקעט"! איר קאַנט זיך פאָרשטעלן, ווען מען וועט איבערלייענען די נייס, אַז ז י ג מ א ן איז שוין אויס, פאַריאָגט, איינגעזונקען — אַ? ! מ'וועט דאָך טאַנצן אין די גאַסן!

* * *

אַ פערטל נאָך צוועלף בין איך צוגעקומען צום „מאַרקעט"

אויף דער זיבעטער עוועניו און 36טע גאַס — זען, ווי אַזוי „מ'וועט טאַנצן אין די גאַסן".

איך האָב שוין ניט איינמאָל דאָרטן געזען געדיכטע מאַסן קלאָוק־ און דרעסמאַכער, נאָר אַזאַ מבול פון מענטשן איז פשוט שווער זיך פאָרצושטעלן.

ס'האָט געקאָכט און געזאָדן אין דער גאַנצער ליינג און ברייט פון דער 36טער גאַס.

זיגמאַנ'ס מ פּ ל ה איז די הויפּט־טעמע פון אַלע שמועסן, פון אַלע געשפּרעכן.

אין איין קרייז שטייט אין דער מיט אַ רעכטער, וואָס וויל מאַכן צו קליין־געלט די גאַנצע געשעעניש:

— אַז איר ווייסט ניט, וואָס איר רעדט, — טענה'ט ער איין מיט אַ לינקן, וואָס האַלט אין איין שיטן אים „זאַלץ אויף די וואונדן":

— ביי אייך איז רעכט, אַז זיגמאַן האָט פּ ל ו צ י ם רעזיגנירט. ביי אונז האָט ער שוין לאַנג רעזיגנירט. נאָך אויף דער

קאָנוועגשאָן אין באָסטאָן איז ער געוואָרן אויס פּרעזידענט, ווייל ער טויג שוין ניט פאר אונזער אינטערנייש אַנאַל —

— הייסט עס, שלעזינגער איז גוט? ער וועט אייך ברײנגען די ישועה?

און פון וואַנען ווייסט איר, אַז ניט?

ווערן אַלע אויפגעבראַכט.

מ'רעכנט אויס שלעזינגערס אַלע שיינע מעשים, בשעת ער איז אַמאָל געווען דער פּרעזידענט פון דער אינטערניישאָנאַל, ווי ער האָט איינגעפירט און פאַרפעסטיגט דעם גענגסטעריזם אין דער יוניאָן, ווי ער האָט פאַרראַטן די אַרבעטער.

— און פאַרוואָס איז שלעזינגער דורך דעם פענסטער אנטלאָפן פון סטייוואסענט קאַסינאָ, אין יאָר 1910—האָ? איר געדיינקט, ווי די קלאָוקמאַכער האָבן אים געוואָלט לינטשען דעמאָלסט?

— איך ווייס, איך ווייס, — טוט דער רעכטער אַ מאַך מיט דער האַנט:—שלעזינגער איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצ־טער. אין אַ יוניאָן וועלן אַלע מאָל זיין אומצופרידענע. די אַרבעטער אַליין מאַכן די יוניאָן־אַפּישלס פאַר גנבים...

דער רעכטער טוט זיך אַ זאָג די ווערטער און רוקט זיך ארויס פונ'ם קרייז. מ'באַגלייט אים מיט אַ שפּאָטישן געלעכטער.

איך קום ארויף אין אָפיס פון דער לינקער יוניאָן.

אַ פריידיגע שטימונג הערשט דאָרט.

עס פילט זיך, ווי עס הויבט אָן ברויזן אַ ניי לעבן.

פון די פענסטער, וואָס קוקן ארויס אויף דער גאַס, זעט מען ערשט ווי גרויס איז די מאַסע ארום און ארום.

די קלאָוקמאַכער האַלטן געהויבן דעם קאָפּ, ווייל מ'איז פּטור געוואָרן פון זיגמאַנען.

די פרייד איז אָבער ניט פאַרפול: ס'איז פאַרבליבן די „זיג־מאַנשטשינע"...

דורך דערנער צו בלומען־קראַנצן

. . . בלומען. . . בלומען. . . בלומען. . .

רויטע בלומען, ווי דאָס אַרבעטער־בלוט, וואָס ווערט פאַר־גאָסן אין די שלאַכטן געגן די אַרבעטער־שונאים.

דורך דערנער, דורך נויט און פּיין פון לאַנג־דויערדיקן קאַמף זיינען די קלאָוק־ און דרעסמאַכער ענדלעך געקומען מיט די ערשטע בלומען־קראַנצן צו זייער ערב יום־טוב:

— אַ נייע היים פאַר דער יוניאָן איינגעאָרדנט!

מ׳טראָגט די בלומען קראַנצן פון צענדליגער שעפּער, פון ריינק־און־פייל׳ער:

— זאָל אונזער נייע יוניאָן בליען, ווי די רויזן פון אונזער קראַנץ, וואָס מיר שיקן צו דער דערעפענונג פון נייעם אָפיס אין גאַרמענט־צענטער.

— מיר באַגריסן אונזערע נייע העדקוואָדערס אין האַרץ פון אונזערע שעפּער. לעבן זאָל די נייע שטאַרקע יוניאָן!

— ווי די בלומען, זאָל זיך צעבליען אונזער פעסטונג!

* * *

די בינע איז שוין באַדעקט מיט בלומען־קראַנצן — עס זעט אויס, ווי אַ בלומען־גאָרטן.

די פירער, די פאָרשטייער פון ריינק־און־פייל׳ער אויף דער פּלאַטפאָרמע ווערן פאַרטרונקען אין דעם בלומען־ים.

ניט קיין אויסגעפּוצטע דאַמען און קאַוואַליערן האָבן די צענ־דליגער בלומען־קראַנצן געבראַכט. ניט אויף אַ הוליאַנקע אין אַ פּריצ׳ישן פּאַלאַץ פאַר פּאַראַזיטן־פּוסטעפּאַסניקעס איז די שמחה געפּראַוועט געוואָרן: אַרבעטער און אַרבעטערינס פון די שעפּער מיט׳ן צייכן פון אַ טאָג שווערער האָרעוואַניע אויף די אויסגע־בלייכטע פּנים׳ער האָבן די בלומען־קראַנצן געטראָגן, אין אַן אַר־

בעטער־זאַל זיי געבראַכט — אין א וואָכעדיגן טאָג, און דאָך א יום־טוב'דיגן...

אין א דינסטאג, באַלד נאָך דער ארבעט, איז געקומען אזא גרויסער עולם! צענדליגער זיינען ארום די ווענט געשטאַנען און הונדערטער האָבן גאָר ניט געהאַט וואוהין אריינצוקומען — איז מען ביי דער טיר געבליבן שטיין.

די מער־פּאַרמאַטערטע האָבן געמוזט גיין אהיים — מיט א פריידיגן געדאַנק, אז ס'איז פול דער זאַל.

— דער היינטיגער יום־טוב איז בלויז אן „ערב יום־טוב!"

— זיינען געווען די ערשטע ווערטער פון דער פּלאַטפאָרמע: —

— דער שונא איז נאָך ניט אינגאַנצן באַזיגט. ס'וועט נאָך אויסקומען געגנוג ליידן ביז וואַנען מ'וועט אויסוואָרצלען די פאַר־רעטער און צעשטערער פון דער ארבעטער־באַוועגונג.

— מיר עפענען א נייעם אָפּים אין הארץ פון דעם גאַרמענט־צענטער, נענטער צו די שעפּער, צו די פאַרשקלאַפטע קלאָוק־ און דרעסמאַכער. איר, וואָס זיצט דאָ, וואָס פייערט די דערעפענונג פון די נייע העדקוואַדערס — אייך דאַרף מען ניט דערציילן, אז מיר זיינען נאָך ווייט פון דעם ענדגילטיגן זיג. עס שטייט נאָך פאַר א שווערער קאַמף. מיר דאַרפן דערגרייכן יעדן קלאָוק־ און דרעסמאַכער, וואָס זיינען פאַרשקלאַפט בא די באַלעבאַטים, אויס־געהונגערטע און פאַרשראָקענע. איר דאַרפט צו זיי ברייגנען די ידיעה, אז מיר פאַרפעסטיגן זיך, אז מיר בויען א נייע יוניאָן, וואָס וועט זיי ארויסראַטעווען פון דעם אָפּגרונט, וואוהין די פאַררעטער האָבן זיי פאַרפירט. איר דאַרפט ווערן די אָרגאַנייזערס פון אונזער נייער יוניאָן!

— . . . ניט מיט רויזן איז דער וועג צו דער נייער יוניאָן פאַרזייט. עס וועט זיך פאָדערן גרויס מי, גרויס אָנשטרענגונג, ביז מיר וועלן קאָנען פייערן דעם אמת'ן זיג, דעם אמת'ן יום־טוב — — —

— . . . צוויי וועגן ליגן פאַר אונז: איין וועג פון קאַמף, פון ליידן און פיין — נאָר ער פירט אונז צו א ליכטיגער צוקונפט. דער צווייטער וועג קאָן זיך אויסדרוכטן, אז ער איז לייכטער, נאָר

ער פירט אונז צום אָפּגרונט, צום אונטערגאַנג. אויף דעם וועג האָבן אונז געפירט די זיגמאַנס, די דובינסקיס, די האָכמאַנס! קאַ־רופּציע, פאַרראַט, פאַרשקלאַפונג — אָט דאָס האָבן מיר געהאַט—!

* * *

די רעדעס ווערן אַלע ווײַלע אונטערבראָכן פון דונערדיקע האַנט־קלאַפּערײַען, מיט וועלכע מ׳באַגעגנט די נײַע אָנקומענדיקע אַרבעטער־דעלעגאַציעס פון די שעפּער, וואָס מאַרשירן אַרײַן אין דעם איבערגעפּאַקטן זאַל מיט נײַע בלומען־קראַנצן.

די קראַנצן רעדן שטאַרקער, אײַנדרוקספולער, ווי די בעסטע רעדנער.

די רויטע רויזן זײַנען אַזוי רויט, ווי די ווערטער, וואָס טראָגן זיך שוין ווידער פון דער בינע:

— . . . ס׳איז אַ העכסט וואונדערבאַרע דערשײַנונג, ס׳איז כמעט סימבאָליש: פּונקט אין דער זעלבער צײַט, ווען מיר, אויס־געמאַטערטע פון לאַנג־דויערנדיקן קאַמף, פײַערן דאָ די דערפּעפּ־נונג פון אונזער אָפּיס אין צענטער, — איז בײַ די זיגמאַנס אויפ־געהאַנגען אַן אויפשריפט אויף זייער אָפּיס־בילדינג, וואָס זיי האָבן בײַ אונז ווי רויבער פאַרכאַפּט, — אַז דער מויער ווערט פאַרקויפט...

— . . . אַמאָל איז אין דעלענסי סטריט געווען אַ פּלאַץ, וואו מ׳פלעגט עסן הייסע בלינצעס. איז אויף דעם אַרײַנגאַנג געהאַנ־גען אַ קאַרטון, וואָס האָט געוויזן, אַז אַרײַנגיין — גייט מען אַרײַן אַהין דאַר ווי אַ שפּאָן, און אַז מ׳עסט זיך אָן מיט בלינצעס, גייט מען אַרויס ברייט און גראָב. . . בײַ די זיגמאַנס איז פּונקט פאַר־קערט: אַרײַנגעגאַנגען זײַנען זיי אין דעם אוועקגערויבטן אָפּיס ברייט ווי זיגער, און איצט זײַנען זיי אַזוי דאָרטן אויסגעדאַרט געוואָרן, אַז זיי קאָנען דורכקריכן דורך אַ שפּאַרונקעלע. . .

דער דאָזיגער פאַרגלײַך פון דעם אַלטן דזשיי קאָהן, וואָס האָט זיך אין צײַט פון קאַמף דערוואָרבן גרויס ליבע בײַ די אַרבע־טער פאַר זײַן בראַווקייט און שאַרפזיניגקייט, רופט אַרויס אַ שטו־רעמדיקן געלעכטער.

ניט נאָר מאַכן פריילעך קאָן דער אַלטער דזשיי קאָהן: באַלד הויבן אָן פליען פונקען פײַער פון זײַן מויל:

ער נאָגלט צו צום שאַנד־קלאָץ די „רעבעצן"־ציטונג, — דעם „אומפּאַרטייאישן" „טאָג" — פאַר זיין צוויי־פּנים׳דיגקייט, פאַר זיין פאַררעטערישער האַנדלונג בנוגע די קעמפנדיגע קלאָוק־ און דרעסמאַכער, און שרייט אויס:

— די איינציגע ציטונג, וואָס שטייט שטאָל און אייזן פאַר די אַרבעטער־אינטערעסן, וואָס וועט קיינמאָל ניט פאַרראַטן די אַרבעטער, וואָס שטייט שטענדיג אויף דער וואַך און שלאָגט אָפּ די אַטאַקעס פון דער שוואַרצער קאָרופּטער באַנדע, — דאָס איז אונזער „פרייהייט"!

אין דעם געשטאַלט פון דעם אַלטן דזשיי קאָהן האָט גערעדט די ניט־קאָמוניסטישע מאַסע קלאָוק־ און דרעסמאַכער.

מיט די הענט פון די עטלעכע הונדערט, וואָס האָבן זיך גע־קאָנט אריינפּרעסן אין זאַל, האָבן אַפּלאָדירט די גרויסע טויזנטער פאַרשקלאַפטע אידישע אַרבעטער.

און ריכטיג זיינען געווען די ווערטער פון לואיס היימאַן אין זיין שלום־רעדע:

— ניט אַזוי אונזער חכמה, ווי זיגמאַנ׳ס און שלעזינגערס אומגעלומפּערטע נאַרישקייטן און פאַרברעכערישע מעשים וועלן אונז ברייגנען צום זיג. אַט־די באַגייסטערונג, וואָס הערשט דאָ אויף דער פייערונג, איז דער בעסטער באַווייז, אז ס׳איז ניט ווייט די צייט, און מיר וועלן קאָנען פייערן דעם ענדגילטיגן זיג און אויפבויען אַ שטאַרקע, אָרנטלעכע יוניאָן — — —

* * *

פון אָנפאַנג האָבן די אָנפירער פון דעם „ערב־יום־טוב" אין ברייענט זאַל געהאַט בדעה נאָך דער פייערונג צוטיילן די בלומען צווישן די פאַרזאַמלטע אַרבעטער און אַרבעטערינס.

ווען די צאָל בלומען־קראַנצן האָט אָבער דערגרייכט אין די צענדליגער און יעדער קראַנץ האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט׳ן פּראַכט און גלאַנץ — איז באַשלאָסן געוואָרן:

— מאָרגן, צוועלף דעם זייגער, ווען די אַרבעטער לייגן אַוועק די אַרבעט פאַר פרישטיק, וועט מען די אַלע בלומען־קראַנצן ארויפ־

ליגן אויף אַן אויטאָמאָביל און אָפּפירן אין דעם נייעם אָפּיס: זאָלן די אַרבעטער־מאַסן האָבן אַ מעגלעכקייט צו באַטייליגן זיך אין דער בלומען־קראַנץ־פּראָצעסיע.

און אַזוי איז עס געווען.

טויזנטער אַרבעטער — אַלט און יונג, פרוי און מאַן — זיי־נען געשטאַנען אין געדיכטע קרייזן אויף די גאַסן, ווען מ׳האָט די בלומען־קראַנצן געבראַכט פון ברייענט האָל...

מחנות אַרבעטער האָבן זיך געשטופּט אין דעם אַריינגאַנג פון׳ם נייעם אָפּיס.

מיט „מזל־טוב“, מיט „אין אַ גוטער שעה“ האָט מען זיך באַ־גריסט, און אַ פריידן, אַ גרויסע פרייד האָט זיך געשפּרייט איבער אַלעמענס פּנים׳ער.

דער איינציגער געשפּרעך אין אַלע קרייזן איז וועגן דעם „ניי־עם אָפּיס“, וועגן די „בלומען־קראַנצן“:

— דאָס וואָס די לינקע קאָנען אויפטאָן מיט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר, דאַרפן די רעכטע ספּענדן אויף דאַרויף שווערע טויזנטער! ביי די לינקע נעמען ניט די יוניאָן־אָפּישלס אַזוינע משוגענע וויי־דזשעס, ווי ביי די רעכטע; דער עלטסטער און דער קלענסטער באַ־נוגנט זיך מיט וואָס ניט איז, אַבי די יוניאָן זאָל זיין אַ יוניאָן. — אָט דאָס דרינגט אַריין אין די מחות פון די גרויסע מאַסן אַרבעטער!

פּלוצים דערפיל איך, ווי אימיצער נעמט מיך אָן פון הינטן פאַר׳ן אַרבל:

— נו, אַ יאָ, די לינקע זיינען טויט, האַ?

שלעזינגער מיט זיין באַלדע זאָל זיין אַזוי לעבעדיג, ווי מ י ר זיינען טויט! — ענטפערט אים אַן עלטערער אַרבעטער, וואָס שטייט לעבן מיר.

עס וואָלט קיין וואונדער ניט זיין, ווען דאָס זאָל זאָגן אַ יונ־גער. אָבער אַזאַ אַלטער איד, מיט אַ גרויער באָרד זאָל דאָס זאָגן אַזוי שטאָלץ דעם „ מ י ר “! דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פאַר־כאַפּט שוין יונג און אַלט...

אַזוי האָט זיך גערודערט אַרום דעם נייעם אָפּיס פון די קעמ־פענדיגע קלאָוק־ און דרעסמאַכער.

ביי יעדן איינעם אין האַנט זעט זיך אַ קאַרטל. מ׳קוקט אריין און מ׳לייענט דעם קורצן אויפרוף:

„קלאָוק־ און דרעססמאַכער! מיט קרעכצן און שילטן די קאָמ־פּאַניע־יוניאָן וועלן אייערע באַדינגונגען אין די שעפּער ניט פאַר־בעסערט ווערן. אייערע באַדינגונגען קענען פאַרבעסערט ווערן, ווען מיר אַלע וועלן צוזאַמען אויפבויען אַ שטאַרקע יוניאָן. ווערט גלייך אַ מיטגליד פון דער נייער קלאָוק־ און דרעסמאַכער יוניאָן — און העלפט בויען די פעסטונג!

*　*　*

דורך דערנער זיינען די קעמפנדיגע קלאָוק־ און דרעססמאַכער געקומען צו די ערשטע בלומען־קראַנצן.

ס׳איז אָבער בלויז אַן „ערב יום־טוב“.

א פאראייניגטע ארבעטער־פעסטונג

דער באגער פון דעם באוואוסטזייניגן טייל פון דער אידישער ארבעטערשאפט — באפרייען זיך פון דער שווארצער ממשלה אין די יוניאָנס — ווערט ענדלעך פארווירקלעכט: מ'איז צוגעטראָטן בויען א פאראייניגטע ארבעטער־פעסטונג.

מ'האָט געליטן נויט און הונגער; מ'האָט געקעמפט און גע־האָפט, אז ס'וועט געלונגען ארויסצוראטעווען די אַלטע ארבעטער־אָרגאניזאציע, די יוניאָן. אָבער דער קאמף געגן די זיגמאנס און שעכטמאנס האָט געדויערט אזוי לאנג, אז ס'איז שוין ניט געבליבן וואָס צו ראטעווען: די שווארצע מחבלים האָבן די אַלטע יוניאָן חרוב געמאכט.

איז מען געקומען צום באשלוס: — אויפבויען די פעסטונג אויף־דאָס־ניי!

חדשים לאנג האָט מען זיך געגרייט צו דעם גרויסן טאָג: ליינגן דעם ווינקלשטיין.

און דער טאָג איז געקומען: בא די קלאָוק־ און דרעסמאכער — דעם 28טן דעצעמבער — און ביי די פאָריער דעם 29טן דע־צעמבער פון יאָר 1928.

פון אַלע נאָנטע און ווייטע שטעט פון די פאראייניגטע שטאטן זיינען זיך צוזאמענגעפאָרן אויסדערוויילטע פאָרשטייער פון צענ־דליגער טויזנטער נאָדל־ארבעטער.

דאָס זיינען געווען אמת'ע פארטרעטער פון דער ארבעטער־שאפט — ניט די „זיגמאנס באָיעס“, וואָס פלעגן זיך צונויפקומען אויף א קאָנווענשאָן צו לעבן א גוטן טאָג... דאָ זיינען געווען פארטראָטן ערנסטע שווערע האָרעפאשניקעס, וואָס האָבן דערוואכט צום קאמף פאר א ריינער, שטארקער יוניאָן — פאר א יוניאָן, וואָס זאָל דינען און באשיצן די ארבעטער־אינטערעסן; פאר א

פאַראייניגטער פעסטונג פון אַלע נאָדל־אַרבעטער — אונטער־
פירערשאַפט פון פּאַרטרויטע, אָרנטלעכע אַרבעטער־קעמפער!

* * *

אַרום טישן, אויסגעשטעלטע אין גלייכע רייען, זיצן די אויס־
דערווײלטע פאָרשטייער פון צענדליגער טויזנטער קלאָוק־ און דרעס־
מאַכער, וואָס האָבן אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שמוץ פון „זיג־
מאַנ'ס יוניאָן" און זיינען געקומען בויען אַ נייע אַרבעטער־פעס־
טונג.

דער פאַרזאַמלונג־פּלאַץ איז פול מיט אַ רוישיגן עולם אַרבע־
טער, וואָס איז געקומען בייוואוינען די דערעפענונג פון דער „ער־
שטער אמת'ער קאָנוועגשאָן".

לואיס היימאַן האַלט די דערעפענונגס־רעדע אויף ענגליש.

די רעפּאָרטערס פון אידישע און ענגלישע צייטונגען כאַפּן
זיך פאַר די בלייפעדערס: דער מאָמענט איז אַ היסטאָרישער...

גרונטלעך, זאַכלעך איז די רעדע פון דעם פירער, וואָס שטייט
די גאַנצע צייט אין דער שפּיץ פון דעם לאַנג־דויערדיגן קאַמף.

ער בלעטערט איבער די געשיכטע פון דער קלאָוק־ און דרעס־
מאַכער יוניאָן פאַר די לעצטע צוויי יאָר; רעכנט אויס די פאַר־
ברעכנס פון די זיגמאַנס און שלעזינגערס; דעם פאַרראַט פון
„פאָרווערטס" און זיינע אַגענטן. מיט לעבעדיגע פאַרבן מאָלט ער
די אונערטרעגלעכע לאַגע אין די שעפּער, וואו די באַדינגונגען
זיינען ערגער, ווי אין יאָר 1910, ווען ס'איז גאָר קיין יוניאָן ניט
געווען; נאָגלט צו צום שאַנד־קלאָץ די פאַרהאַסטע זעלבסטהער־
שער, וואָס ווילן מיט גוואַלד געוועלטיגן איבער די צענדליגער טוי־
זענטער אַרבעטער, — „פּונקט ווי דער אַמאָליגער רוסישער צאַר
איבער דעם רוסישן פאָלק", און פאַרשקלאַפן די אַרבעטער ביי די
באַלעבאַטים:

— . . . איצט זיינען מיר אהער געקומען צו בויען אַ נייע
יוניאָן — אַ יוניאָן פון די אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער! איין
פאַראייניגטע פעסטונג פאַר אַלע אַרבעטער פון דער נאָדל־טרייד!—

עס ברעכט אויס אַ לאַנג־דויערנדיגער אַפּלאָז.

אין דעם מאָמענט באַווייזן זיך אַרבעטער־דעלעגאַציעס מיט

בלומען קראַנצן. דער עולם הויבט זיך אויף פון די ערטער.

אין איין אויגנבליק ווערט די בינע פאַרטרונקען אין רויטע בלומען. די יום־טוב׳דיגע שטימונג שטייגט מיט יעדן נייעם בלו־מען־קראַנץ, וואָס ברייגנט א גרוס פון די שעפער, פון די רייניק־און־פיילער.

— „מיר זיינען מיט אייך“! — זאָגן די בלומען־קראַנצן.

— „לאַנג לעבן זאָל די נייע יוניאָן פון די אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער“!

* * *

אין איין און דער זעלבער צייט האָבן צוויי מעכטיגע טיילן פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט — די קלאָוק־ און דרעסמאַכער און די פאָריער — זיך דורכגעבראָכן א וועג צו א ריינער אָרנטלעכער יוניאָן, וואָס זאָל דינען די אינטערעסן פון די אַרבעטער און ניט די אינטערעסן פון פאַראַזיטן ביוראָקראַטן.

ביידע טיילן האַלטן אָפּ דערווייל באַזונדערע קאָנווענשאָנס, באַהאַנדלען די פּראָבלעמען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זייערע פאַכן. דערנאָך וועלן זיי זיך פאַראייניגן אין איין קערפּערשאַפט, אונטער איין צענטראַלער פירערשאַפט, דערווילט פון די פאַר־אייניגטע פאָרשטייער פון ביידע קאָנווענשאָנס — אין ליינקאָלן אַרענא.

„לינקאָלן ארענא“

לינקאָלן ארענא, דעצעמבער 30, 1928

אונטער דעם קעפּל וועט פארצייכנט ווערן דער הערלעכסטער קאפּיטל אין דער געשיכטע פון די „נאָדל־טרייד־יוניאָנס“ אין אמע־ריקע.

עס זיינען געווען ניט ווייניג היסטאָרישע פארזאמלונגען ביי די פּאָריער, ביי די קלאָוק־ און דרעססמאכער — אין גרעסערע פאר־זאמלונג־פּלעצער — „יענקי סטאדיום“, „בראָנקס סטאדיום“, „מע־דיסאָן סקוועער גארדן“.

אָבער דער ס ך ־ ה כ ל פון די אלע עטאפּן פון דעם הערא‏ָאישן קאמף איז „לינקאָלן ארענא“.

זונטאג דעם 30טן דעצעמבער איז געזאָגט געוואָרן דאָס לעצטע וואָרט, איז פארווירקלעכט געוואָרן דער טרוים פון די אידישע אר־בעטער פון דער נאָדל־אינדוסטריע — די „ א מ א ל ג א מ י י־ ש א ן “.

„לינקאָלן ארענא“ איז אן אלטע געביידע — אָפּגענוצט, פאר־לאָזט; איז געבויט ווי א מעדיסאָן סקוועער גארדן מיט גאלערייען ארום און ארום.

אָט די אלטע געביידע איז דעם 30טן דעצעמבער ניי געוואָרן! ניי פון דער יום־טוב׳דיגער שטימונג, וואָס האָט דאָרטן געהערשט...

צו דריי דעם זייגער האָט א פראל געטאָן דער גרויסער אר־בעטער־עולם. ס׳האָט אן אָטעם געטאָן מיט פרייד, מיט אנט־שלאָסנקייט.

אלע פּלעצער ארום דער פּלאטפאָרמע און אין דער מיט פון האל זיינען שוין געווען גוט באזעצט, ווען די געדיכטע מאסן האָבן ערשט גענומען אריינפּליסן.

. . . אלע שטופּן זיך צום צענטער. אָבער ווילנדיג ניט־ווילנ־

דיג איז מען געצוואונגען אויסצושפּרייטן זיך איבער׳ן האַל, פאַר־נעמען די ניט־באַקוועמע זיץ־פּלעצער — אַלץ ווייטער און ווייטער פון דער פּלאַטפאָרמע, ארויפקלעטערן אויף דער גאַלעריע, צו די העכסטע רייען שטולן. . .

אויפגעלעבט האָט דער אַלטער פארזאמלונג־פּלאַץ: ס׳איז שוין ניט „לינקאָלן ארענא“, ס׳איז א קליינער „מעדיסאָן סקווער גארדן“, אָנגעפּאַקט קאָפּ אויף קאָפּ.

די אָרדנונג־קאָמיטע איז אין גרויס פאַרלעגנהייט: — דאָס זיינען דאָך בלויז די קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער! באַלד דארפן צוקומען די פאַריער. זיי האַלטן אין פארענדיגן זייער קאָנווענשאָן!

— חברים! אָט דער סעקשאָן איז פאַר די פאַריער, וואָס דארפן באַלד אהער קומען.

מ׳פאָלגט, מ׳ליידיגט אָפּ דעם „סעקשאָן פאַר די פאַריער“ — זיי זיינען בילכער.

און ווען דער פאָרזיצער הויבט אָן זיין איינלייטונג־רעדע, שטרייכט אונטער דעם גרויסן היסטאָרישן באַדייט פון דעם איצ־טיגן מאָמענט, טוען זיך א טראָג דאָרטן, לעבן דעם אריינגאַנג, אַפּלאָדיסמענטן.

דער אַפּלאָז וואַקסט, שפּרייט זיך, עס דונערט שוין דער גאַנ־צער האַל.

אַלע זיינען זיכער, אַז דאָס מאַרשירן אריין די פאַריער, נאָר...

ניין, ניט די פאַריער האָבן זיך באַוויזן — דאָס איז געקומען דער הויפּט־פירער — לואיס היימאַן. . .

דער דונער פאַרשטאַרקט זיך נאָך מער, ווען ער קומט ארויף אויף דער פּלאַטפאָרמע און פאַרנעמט זיין פּלאַץ אויבנאָן.

דער פאָרזיצער זעצט פאָר זיין רעדע:

— . . . פאַר די לעצטע צוויי יאָר זיינען ביי אונז פאָרגעקומען א סך היסטאָרישע מיטינגען. די גרויסע קאַמפּן, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט געגן די פיינט אונזערע וועלן פאַרנעמען אַן אָנגעזע־ענעם פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דעם קעמפנדיגן ארבעטער־קלאַס אין אמעריקע. אָבער די היינטיגע פאַרזאַמלונג האָט גאָר א באַ־זונדערע באַדייטונג. מיר דערוואַרטן דאָ באַלד די פאַריער און עס

וועט פאַרווירקלעכט ווערן דאָס, וואָס מיר אַלע האָבן געטרוימט:
איין אמאַלגאַמירטע יוניאָן פון די פּאַריער, קלאָוקמאַכער און דרעסמאַכער — —

אין דעם מאָמענט האָט זיך ווידער אַ טראָג געטאָן א האַנט־קלאַפּעריי.

—די פּאַריער זיינען געקומען?

. . . ניין, ניט די פּאַריער זיינען דאָס געקומען, נאָר חבר אָלגין האָט זיך באַוויזן אין זאַל.

ערשט ווען דער עולם האָט צום דריטן מאָל אויפגעשטורמט מיט אַ לאַנג־דויערנדיגן אַפּלאָז, זיינען שוין דאָס טאַקע געוועזן די פּאַריער־ארבעטער מיט זייערע דעלעגאַטן פאַראויס און מיט זייער פירער, חבר גאָלד בראש.

ס'האָט זיך איבערגע'חזר'ט איינער פון די וואונדערבארסטע מאָמענטן, וואָס מיט זיי איז אַזוי רייך דער קאַמף געגן די אַרבעטער־פאַררעטער און אַרבעטער־פאַרשקלאַפער.

מיט'ן שטורם איז חבר גאָלד ארויפגעבראַכט געוואָרן אויף דער פּלאַטפאָרמע.

און דאָ האָט זיך אין אַ בילדרייכער פאָרם אָפּגעשפּיגלט די „אַמאַלגאַמיישאָן" פון די צוויי קעמפנדיגע ארמייען:

די פירער פון ביידע ניי־געבוירענע יוניאָנס, לואיס היימאַן און בען גאָלד, האָבן זיך ארומגענומען און, אַנשטאַט א האַנט־דרוק, שטאַרק צעקושט. . .

— נו, געפעלט אייך דער שדוך? — האָט זיך דער פּאָרזיצער געווענדעט צום עולם.

דאָס האָט ארויסגערופן אַ נייעם אויסברוך פון האַנט־קלאַפּע־רייען.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פייערונג פון דער „אַמאַלגאַמיישאָן".

פון דער פּלאַטפאָרמע אין לינקאָלן ארענא האָבן גערעדט: באָסטאָן, פילאַדעלפיע, שיקאַגאָ, לאָס אַנדזשעלעס, סאַן פראַנ־ציסקאָ. אין די געשטאַלטן פון די פאָרשטייער און אין זייערע פּלאַ־מיגע רעדעס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער לאַנג־דויערנדיגער קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל, געגן קאָרופּציע און פאַרראַט.

די פייערלעכע רעדעס זיינען שוין געווען אין פולן גאַנג, ווען אין זאַל האָט אריינגעמארשירט דער לינקער פליגל פון דער אמאַל־גאַמייטעד, פאָראויס מיט א גרויסן קראַנץ בלומען.

דער גאַנצער עולם האָט זיך ווידער א הויב געטאָן פון די ערטער.

אונטער דונערדיגע אַפּלאָדיסמענטן האָט זיך געצויגן א לאַנ־גע קייט ארבעטער — מענער־שניידער.

און ווען ס'איז דערגאַנגען צו זיי דער „נעקסט" צו באַגריסן די פאַראייניגונג פון די וויכטיגע צווייגן פון דער נאָדל־אינדוס־טריע, האָט זייער פאָרשטייער, חבר ליפּצין, געזאָגט:

— . . . אונזער אָרגאַניזאַציע טראָגט דעם נאָמען „אמאַלגאַ־מייטעד", נאָר קיין יוניאָן האָבן מיר נים. דער לינקער פליגל פון דער „אמאַלגאמייטעד" שטרעבט און קעמפט פאר אָנשליסן אונזער יוניאָן אָן דער אמת'ער אמאלגאמייטעד יוניאָן פון די פאָריער און קלאָוק און דרעסמאַכער! נאָר דאָס וועט פארוויר־קלעכט ווערן, ווען מיר וועלן פטור ווערן פון אונזער „זיגמאַן"!

—ביי אייך איז די צרה געווען „זיגמאַן" און איר זענט פון אים פטור געוואָרן; מיר האָבן די זעלבע צרה אונטער דעם נאָמען „הילמאַן". נאָר די צרה איז, וואָס מיר זיינען פון דער צרה נאָך ניט פטור געוואָרן. . . אָבער: מיר וועלן פון אים פטור ווערן!

דער פאָרזיצער לייענט א באַגריסונג פון דער „פרייהייט".

דער עולם באַפרידיגט זיך ניט מיט דעם: מ'פאָדערט, אז די פאָרשטייער פון דער „פרייהייט" זאָלן ארויפגיין אויף דער פּלאַט־פאָרמע.

אונטער דונערדיגע אַפּלאָדיסמענטן דערשיינען אויף דער פּלאַטפאָרמע די חברים אָלגין און מלך עפּשטיין. עס ברעכט אויס ספּאָנטאַן דער געזאַנג פונ'ם „אינטערנאַציאָנאַל". . .

דער עולם פאָדערט, אז אָלגין זאָל רעדן.

און חבר אָלגין האָט געזאָגט:

— זיצנדיג דאָ, צוזעענדיג און צוהערנדיג אַלץ, וואָס דאָ קומט פאָר, האָב איך געוואָלט מאַכן „שהחינו": צום ערשטן מאָל ביי

אזא גרינדונג־פארזאמלונג פון ארבעטער־מאַסן פעלט אוים אימי־צער... עס פעלן אוים די פאָרשטייער פון דעם געלן סאָציאַליזם! זיי, די פאַררעטער, זיצן איצט ערגעץ מיט די פעטע פאָרשטייער פון די באַלעבאַטים, פון די פאָלים, פון דער אונטערוועלט און פלאַ־נעווען פלענער, ווי אזוי צו פארניכטן אייער פאראייניגונג, ווי אזוי צו צוברעכן אייערע־אונזערע־רייען. און לאָמיר דאָ זאָגן: זיי,

די פאַררעטער, וועלן דאָס ניט דער־לעבן!!!

* * *

דער קלימאַקס פון דער פאראייניגטער קאָנווענשאָן איז געקומען ביים אויפטרעטן צום וואָרט פון ביידע פירער — בען גאָלד און לואיס היימאַן.

ווי אלע מאָל, האָט חבר גאָלד אויפגעפלאַמט דעם עולם מיט זיין שטורמדיגן וואָרט, אויסדריקנדיג דעם קאַמף־גייסט פון דער פאָריער־ארמיי, וואָס האָט אריינגעשריבן אזוי פיל גלענצנדיגע קאַ־

פּיטלען אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אויף דער אידישער אַרבע־טער־גאַס.

— . . . ווער וועט זיין דער „פּרעזידענט" פון דער אַמאַל־גאַמייטעד יוניאָן? — שטעלן זיך די פראַגע אייניגע אַרבעטער. איך קאָן אייך פאַרזיכערן, אַז ביי אונז וועט ניט זיין קיין רייסע־רייען פאַר „פּאָזיציעס", ווי דאָס קומט פאָר ביי דער רעכטער קלי־קע. מיר זיינען אַלע גלייכע סאָלדאַטן אין אונזער פאַראייניגטער אַרמיי, און מיר זיינען גרייט צו טראָגן וואַסער און האַקן האָלץ און בויען אונזער פעסטונג, וואָס פאַר אַ פּאָזיציע מיר זאָלן אין דער יוניאָן ניט פאַרנעמען — — —

מיט אַ באַזונדער קראַפט האָט אָפּגעקלונגען דער שלום־וואָרט פון לואיס היימאַן:

— ס'איז שווער צו האַלטן אַ רעדע נאָך דעם, ווי אַ גאַנצע רייע רעדנער האָבן שוין אַרומגערעדט אַלזייטיג אַלע פראַגן. דאָך וועל איך אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער... — —

אין זיינע „פּאָר ווערטער" האָט לואיס היימאַן אויף אַ מערק־ווירדיגן אופן אַרויסגעבראַכט די גאַנצע געשיכטע פון יוניאָן־ברע־ריי אויף דער אידישער אַרבעטער־גאַס מצד די קאָרופּטע יוניאָן־ביוראָקראַטן, וועלכע האָבן פאַרוואַנדלט די יוניאָנס אין באַזונ־דערע קרעמלעך, צוליב די אינטערעסן פון דעם אָדער יענעם יוניאָן־ביוראָקראַט. און אַזוי אַרום זיינען די אַמאָליגע יוניאָנס געוואָרן קאָמפּאַני־יוניאָנס, וואָס דינען די אינטערעסן פון די באַלעבאַטים און פאַרראַטן די אינטערעסן פון די אַרבעטער:

— . . . ביי היינטיגע צייטן, ווען די טעכניק אַנטוויקלט זיך מיט אַזאַ שנעלן טעמפּאָ, און מאַכט אַרבעטער ברויטלאָז, פאַרבייטנ־דיג זיי מיט מאַשינען, דאַרפן די יוניאָנס געבויט ווערן אַזוי, אַז זיי זאָלן באַשיצן די אינטערעסן פון די אַרבעטער — שטרעבן וואָס מער און מער פאַרקירצן די אַרבעט־שטונדן און פאַרגרעסערן דעם אַרבעט־לוין. אַזאַ יוניאָן גייען מיר איצט בויען. אינדוסט־ריאַליזירן די יוניאָנס — אָט דאָס איז אונזער אויפגאַבע. און מיר וועלן דאָס טאָן, ניט קוקנדיג אויף אַלע פאַרראַטן פון די אַר־בעטער־שונאים, ניט קוקנדיג אויף דעם ווידערשטאַד פון די באַלע־

באַטים, וואָס פאַראייניגן זיך מיט די ארבעטער־פאַררעטער. מיר וועלן קעמפן אזוי לאַנג, ביז דער ארבעטער־קלאַס פון גאָר דער וועלט וועט ווערן דער באַלעבאָס איבער די רייכטימער, וואָס ער שאַפט מיט זיין פראַצע, דער באַלעבאָס פון די מאַשינען, וואָס דאַר־פען דינען די אינטערעסן פון די אַרבעטער־מאַסן — דינען צו זייער באַפרייאונג. — —

* * *

די פייערונג פון דער פאַראייניגונג פוןביידע מעכטיגע יוניאָנס איז פאָרגעזעצט געוואָרן אויף דעם גרויסן פּראָלעטאַרישן באַנקעט, וואָס איז אין דעם זעלבן אָוונט געגעבן געוואָרן לכבוד די דעלעגאַטן פון ביידע קאָנווענשאָנס.

„נידל־טרייד וואָרקערס אינדאָסטריאל יוניאָן“

די ערשטע פאראייניגטע קאָנווענשאָן פון די אמאלגאמירטע דריי גרעסטע נאָדל־טרייד יוניאָנס (פאָריער, דרעס־ און קלאָוק־מאכער) האָט זיך געשלאָסן.

כמעט א וואָך צייט האָט אומערמידלעך געארבעט דער קאָלעקטיווער פראָלעטארישער געדאנק, דער שעפערישער פראָלעטארישער גייסט.

הרודעם רעזאָלוציעס וועגן אלע צאפלגדיגע לעבנס־פראגן — עקאָנאָמישע, פאָליטישע און קולטורעלע — זיינען פארפאסט געוואָרן, קאָלעקטיוו אנאליזירט און אלזייטיג באלויכטן געוואָרן, — און מיט דער פולער ערנסטקייט פון קלאסן־באוואוסטזיניגע ארבעטער גוטגעהייסן געוואָרן.

יעדער איינער פון די פיר הונדערט דעלעגאטן האָט זיך אקטיוו באטייליגט אין אלע דיסקוסיעס, האָט קלאָר באגריפן די גרויסע שוועריגקייטן, וואָס שטייען פאָר, א דאנק דעם פאראייניגטן פראָנט פון די שווארצע כחות, וואָס לויערן ארום און ארום. און מיט דער אנטשלאָסנקייט פון קעמפער האָבן זיי געלייגט א זיכערן פונדאמענט פאר זייער אמאלגאמירטער פעסטונג, וואָס טראָגט איצט דעם נאָמען — „נידל־טרייד וואָירקערס אינדאָסטריעל יוניאָן“.

*   *   *

מיר איז ניט אויסגעקומען צו זיין ביי דער ערשטער זיצונג פון ביידע קאָנווענשאָנס, דינסטאג באטאָג, 1טן יאנואר—נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך פאראייניגט אין לינקאָלן ארענא. האָב איך אָנגעוואָרן די גרויסע רעדע פון לואיס היימאן. וועגן דער רעדע האָבן אלע טריאומפירט:

— ער האָט זיך אליין איבערגעטראָפן. אזא טיפקייט, אזא

וויסנשאַפטלעכע אַלזייטיגקייט — די גרעסטע און די שטאַרקסטע רעדע איז דאָס געווען! די גאַנצע קאָנווענשאָן האָט געשטורעמט, געדונערט — — — דאָס איז איינע פון די וויכטיגסטע פּאָליטישע רעדעס, וואָס זיינען אויף דער קאָנווענשאָן ביז היינט געהאַלטן געוואָרן — —

און אַזוי פון קרייז צו קרייז, אין אַלע זייטן, אין אַלע ווינקלען — אומעטום רעדט מען וועגן לואיס היימאַנ׳ס פּאָליטישער רעדע.

וועגן דער שטורמדיגער אָוואַציע, מיט וועלכער מ׳האָט אויפגענומען חבר פּאָסטער׳ן, רעדט מען אויך אָן אַן אויפהער:

— אַז דער האָל איז ניט איינגעפאַלן פון די דונערן, בשעת חבר פּאָסטער האָט זיך באַוויזן, איז פּשוט א וואונדער...

* * *

די צווייטע זיצונג.

די זיצונג הויבט זיך אָן מיט פאַרלעזונגען פון א גאַנצער רייע רעזאָלוציעס וועגן פאַרשידענע פראַגן בנוגע דער נייער פּאַראייניגטער יוניאָן.

עס גייט־צו שנעל, האַרמאָניש, זאַכלעך.

מ׳קומט צו דער רעזאָלוציע וועגן דער נויטווענדיגקייט פון א סטרייק ביי די דרעססמאַכער.

די פּאָר רעדנער פון די דרעססמאַכער, וואָס אַפּעלירן צו דער קאָנווענשאָן גוטצוהייסן די דאָזיגע רעזאָלוציע, ווערן אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. די רעזאָלוציע — געוטגעהייסן.

מ׳רייסט איבער דאָס פאַרלעזן פון די רעזאָלוציעס און מ׳פאַרעפנטלעכט א פּעקל טעלעגראַמעס פון פאַרשידענע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס — —

פּלוצלונג שטראַלן אויף די אויגן ביים לייענער פון די טעלעגראַמעס:

— די טעלעגראַמע, וואָס איך וועל אייך באַלד פאָרלעזן, וועט אייך פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגן:

... „מאָסקאָו, דעצעמבער — —

מ׳ווייסט נאָך ניט פון וועמען די טעלעגראַמע איז, נאָר ס׳איז

גענוג דאָס וואָרט „מאָסקאָו“, אז דער עולם זאָל אויפשפרונ־גען פון די ערטער און דונערן אָן אויפהער מיט אפּלאָדיסמענטן.

און ווען דער שטורם ווערט איינגעשטילט, לייענט מען פאַר די ברודערלעכע באַגריסונג פון דעם רויטן טרייד־יוניאָן־אינטער־נאַציאָנאַל, אונטערגעשריבן „לאָזאָווסקי“.

פון דעם מאָמענט־אָן האָט אין דעם גרויסן זאַל פון ניו סטאַר קאַסינאָ געהאַלטן אין איין דונערן און בליצן.

איך האָב נאָכגעפאָלגט, וואָס פאַר אן איינדרוק עס מאַכן די לאַנג־דויערנדיגע אַפּלאָזן, דער גרויסער מאַסן־אויפברויז אויף די רעפּאָרטערס פון די קאַפּיטאַליסטישע צייטונגען, וואָס זיצן ניט ווייט פון מיר ביי דעם לאַנגן טיש פאַר דער פּרעסע.

— די לינקע מיינען ביזנעס! — זאָגט מיר איינער פון זיי מיט צופרידנקייט.

מ׳טרעט־צו צו נאָמינאַציעס פאַר פּרעזידענט פון דער נייער „נידל־טרייד־וואָרקערס אינדאָסטריעל יוניאָן“.

דער ערשטער נאָמען, וואָס טוט זיך א טראָג פון די ערטער איז —

— „היימאַן!“

באַלד טוט א קנאַל:

— גאָלד! גאָלד!

— היימאַן... גאָלד... היימאַן — — — —

מ׳שרייט ארויס נאָך א צוויי דריי נעמען.

און ווען דער פאָרזיצער ווענדט זיך צו גאָלד׳ן מיט דער פראַגע:

— נעמט איר אָן די נאָמינאַציע אייערע, חבר גאָלד?

הויבט זיך אויף חבר גאָלד און דערקלערט באַשיידן:

— צו גונסטן חבר לואיס היימאַנען זאָג איך זיך אָפּ...

צי די באַשיידנקייט פון חבר גאָלד׳ן, צי די אכטונג און אנער־קענונג צו לואיס היימאַנ׳ען (גיכער ביידע מאָמענטן צוזאַמען) האָבן מיט א נייער קראַפט אויפגעשטורמט דעם גאַנצן עולם.

— חבר לואיס היימאַן, נעמט איר אָן די נאָמינאַציע?

טוט א קנייטש מיט'ן לינקן אַקסל לואיס היימאַן און זאָגט:
— אז ס'איז מער קיינער ניט געבליבן...
דאָס איז געווען געננג...

... בשעת עס האָבן זיך געטראָגן די קולות, דאָס סוויסשטשעריי, דאָס קלאַפעריי מיט די הענט, מיט די פיס, מיט די שטולן, דאָס פאָכן מיט רויטע שאַלן, מיט רויטע טיכער אין דער לופטן, — האָב איך זיך געגומען דערמאַנען: ווען האָב איך עטוואָס ענלעכעס איבערגעלעבט?

און איך האָב זיך דערמאָנט: פונקט אַזוי איז פאָרגעקומען אין סענטראַל אָפּערא הויז ביי דער נאָמינאַציע פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי פאַר פּרעזידענט און וויים־פּרעזידענט צו די פּרע־זידענטן־וואַלן אין לאַנד.

דער דונער האָט אָנגעהאַלטן א צען־פופצן מינוט, און האָט זיך איינגעשטילט, ווען לואיס היימאַן איז אויפגעטראָטן זאָגן א פּאָר ווערטער:

— . . . עס פירט זיך, אז פּרעזידענטן באַ דער נאָמינירונג זאָגן צו אַלע גוטע זאַכן. ס'האָט נאָך קיין מאָל נישט פּאַסירט, אז א מענטש, וואָס ווערט נאָמינירט פאַר פּרעזידענט פון א לאַנד, צי פון אַן אַרבעטער־קערפּערשאַפט, זאָל דאָס נ י ט טאָן. עס טרעפט אָבער זייער זעלטן, אז א פּרעזידענט זאָל זיינע צוזאָגעכצן פאַרווירקלעכן... איך וועל אייך גאָרניט צוזאָגן, איך פאָדער אייך בלויז אויף, אז אויב איך וועל אָט די אַלע גוטע צוזאָגעכצן, וואָס מ'זאָגט צו אין אַזא מאָמענט, ניט דערפילן, זאָלט איר מיך כאַפּן פאַר'ן קאַרק און אַרויסוואַרפן — — —

די ווערטער האָבן ווידער אַריינגעבראַכט דעם עולם אין אַן עקסטאַז.

דאָס זעלבע האָט זיך איבערגע'חזר'ט, ווען מ'האָט גאָלד'ן נאָמינירט אַלס גענעראַל סעקרעטאַר פון דער נייער „נידל־טרייד וואָרקערס אינדאַסטריאַל יוניאָן". אויך דאָ זיינען נאָמינירט גע־וואָרן נאָך עטלעכע נעמען. זיי אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גונסטן פון חבר גאָלדן.

— חבר גאָלד, נעמט איר אָן די נאָמינאַציע, אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר?

ענטפערט גאָלד מיט זיין מילדן שמייכל:

— ווי זאָגט חבר לואיס היימאַן: — אַז ס'איז מער קיינער ניט געבליבן...

און ווען דער נייער שטורם האָט זיך איינגעשטילט, האָט חבר גאָלד געזאָגט:

— איך בין זיכער, אַז איר, דעלעגאַטן, אויסדערוויילטע פון צענדליגער טויזנטער פאַריער, קלאָוק־ און דרעסמאַכער, וועט ניט דאַרפן ניט מיך, ניט חבר לואיס היימאַנען כאַפּן פאַר דעם קאַרק און אַרויסשליידערן. מיר שטייען מיט אייך צוזאַמען די אַלע יאָרן פון קאַמף. מיר נעמען אָן די פּאָסטנס, ווייל מיר ווייסן, אַז עס שטייען פאַר גרויסע שוועריגקייטן, גרויסע ליידן. דאָ קען ניט זיין קיין פראַגע וועגן דזשאַבס, וועגן פּערזענלעכע אַמביציעס. דאָ איז די פראַגע — ווי אַזוי אָנפירן ווייטער דעם קאַמף געגן דער שוואַרצער קליקע און פאַרפעסטיגן די נייע יוניאָן פון די אַרבעטער און פאַר די אַרבעטער! און דערפאַר נעם איך אָן די נאָמינאַציע — —

* * *

אין דעם אָוונט האָט זיך די קאָנוועגשאָן געדאַרפט שליסן, אָבער אויפ'ן טאָג־אָרדענונג זיינען נאָך געשטאַנען עטלעכע וויכטיגע פראַגן, וואָס אויסשעפּן זיי איז געווען אומעגלעך, ווייל די שעה איז שוין געווען אַ שפּעטע.

האָט מען די שלום־זיצונג איבערגעטראָגן אויף מיטוואָך.

צוועלף שעה נאַכאַנאַנד אָן אַן איבערייס איז אָנגעגאַנגען די שלום־זיצונג.

דאָ איז שוין פאַרענדיגט געוואָרן די קאָנסטרואירונג פון דער הויפּט־קערפּערשאַפט און מ'האָט געלייזט אַ וויכטיגע פראַגע פון גרויס פּאָליטישער באַדייטונג: — די פאַרבינדונג פון דער נייער יוניאָן מיט דעם רויטן טרייד־אינטערנאַציאָנאַל.

ביי דער פראַגע האָט זיך אַנטוויקלט אַ פלאַמיגע דיסקוסיע און דאָ האָבן די נאָדל־אַרבעטער אַרויסגעוויזן פונדאַמענטאַלע פּאָליטישע רייפקייט.

בלויז א קליינע גרופּע — א פיר־פינף מענטשן, וואָס האָבן זיך ארויסגעראַטעוועט פון זיגמאַן־שלעזינגערס זומפּ, נאָר נאָך ניט אָפּגעטרייסלט פון זיך דעם שטויב, דעם שימל פון דער רעאַקציאָנערער וועלט־אנשויאונג, זיינען געווען די יעניגע, וואָס האָבן געוואָלט „פארהיטן" דאָס נאָר וואָס „געבוירענע קינד" פון אזא „געוואגטן שריט"...

פיר שעה נאָכאַנאַנד איז אָנגעגאַנגען די דיסקוסיע.

ס'האָט נאָך ניט פּאַסירט אין דער געשיכטע פון קאָנווענשאָנס, אַז אזא גרויסע צאָל דעלעגאטן זאָלן זיך באַטייליגן אזוי אקטיוו אין דיסקוסיעס, אין ארויסזאָגן זייערע מיינונגען, פארטיידיגן זייערע שטאַנדפּונקטן.

ביי דער אָפּשטימונג פון דער פראַגע — איינשטעלן ברידערלעכע פארבינדונגען מיט'ן רויטן טרייד־אינטערנאציאָנאַל — האָבן די דעלעגאטן ארויסגעוויזן זייער פּאָליטישע אויסגעהאַלטנקייט:

— א יוניאָן, וואָס ווערט געבויט אויפן באַזיס פון קלאַסנקאַמף, מוז אנערקענען דעם רויטן אינטערנאציאָנאַל!

דאָס איז געווען דער באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן.

סיגנאַל צו באַנייטן קאַמף

די נייע אינדוסטריעלע נאָדל־טרייד יוניאָן האָט געגעבן דעם סיגנאַל צו באַנייטן קאַמף פון די טויזנטער דרעסמאַכער — אין איינקלאַנג מיט'ן באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן איבער דער פראַגע.

דאָס איז געווען דעם 6טן פעברואַר, 1929, 10 אזייגער אין דערפרי.

* * *

. . . שטיל איז געווען אין דעם געגנט פון די דרעס־שעפּער פאַר דער באַשטימטער פרימאָרגנדיגער שעה.

בלויז א פאַרגרעסערטע צאָל פּאָליסלייט, באַוואָפנטע מיט שווערע קורצע קלאָבס, האָבן זיך געזען אויף די ראָגן און לעבן די אריינגאַנג־טירן פון די דרעס־שעפּער.

פּונקט צו דער מינוט, ווען דער זייגער האָט געשלאָגן צען, איז פּלוצלינג רוישיק געוואָרן ארום און ארום.

פון די ארויסגאַנגען האָבן גענומען שטראָמען גרופּעס־ווייז ארבעטער, מערסטנס פרויען ארבעטערינס, וואָס זיינען באַשעפ־טיגט אין דער דרעס־אינדוסטריע.

די פּאָליסלייט שטייען שוין אויף דער וואַך. זייערע פּלעקלעך באַוועגן זיך האַסטיגער. מיט שטעכיגע אויגן פּאָלגן זיי נאָך דעם שטראָם ארבעטער.

ווען אימיצער פון די מאַרשירנדיגע פאַרהאַלט דעם טראָט, ווייל זאָגן א פּאָר ווערטער אימיצן — הויבן אָן די „בלויע רעק" שרייען מיט רוגזה:

— טייק א וואָק! גאָו א העד! —

איך לאָז זיך מיט'ן מאַרש איבער דער 7טער עוועניו.

עס פליט א וואָגן מיט גיינגסטערס.

— סקעבס! סקעבס! גיינגסטערס!

— בו... בו...

איינער פון די סקעב־אגענטן פון שלעזינגער'ס קאָמפּאַני־יו־ניאָן קומט־צו צום פּאָליסמאַן און טוט אים אַ שעפּטשע אין אויער, אָנווייזנדיג אויף אַן ארבעטער, וואָס האָט העכער פון אַלעמען אויסגעשריען דעם „בו־בו".

אָט דאָס צוטוליען זיך צום פּאָליסמאַן, דאָס ארײַנשעפּטשען אים אין אויער ער זאָל דעם אַרבעטער מכבד זיין מיט'ן קלאָב, איז געווען דער בעסטער אויסדרוק פון דער אונטערוועלט, וואָס באַלע־באַטעוועט אין שלעזינגערס „סקעב־קרעמל".

* * *

פון אַלע גאַסן פון גאַרמענט־צענטער שטראָמען מחנות סטריי־קערס.

די פירער זיינען אויך צווישן די מאַרשירנדיגע: זיי פירן אָן מיט'ן פאַרקער פון די סטרייקנדיגע מאַסן.

— צו וועבסטער האָל! — צו מאַנהעטן לייסעאום! — צו אוירווינג פּלאַזא!

אין פלוג ווערן פאָרמירט ספּעציעלע סטרייק־קאָמיטעס, וואָס

דאַרפֿן גיין אַרונטערנעמען די פֿאַרבליבענע איינצלנע אַרבעטער.
ווי אויסגעפּרובירטע סאָלדאַטן זיינען די סטרייקער: אַ וואונק, אַ באַפֿעל — און אַ גרופּע פֿון פֿינף, פֿון זעקס מאַרשירט שוין צו יענעם שאַפֿ, וואו די מער אָפּגעשטאַנענע, די מער טעראָריזירטע האָבן ניט געהאַט דעם מוט אַרונטערצוגיין צוגלייך מיט אַלעמען.
פֿון מינוט צו מינוט ווערט רוישיגער, לעבעדיגער.
ווען ניט דער באַפֿעל „גייט אַרונטער אין אָרדנונג", „מאַר־שירט ווי אַ דיסציפּלינירטע אַרמיי", וואָלט אַ כאָר־געזאַנג אויס־געבראָכן און הורא־אויסגעשרייען וואָלטן זיך אין דער לופֿטן גע־טראָגן.
מ'מאַרשירט אין אַ לאַנגער קייט צו די אָנגעוויזענע פֿאַר־זאַמלונג־פּלעצער.

* * *

איך אייל זיך צו צו די פֿאַרזאַמלונג־פּלעצער, וואו די סטריי־קערס האַלטן אָפּ זייערע ערשטע מיטינגען.
געפּאַקט זיינען די האַלס, וואָס געפֿינען זיך נאָענט איינס לעבן דעם אַנדערן.
— וויפֿיל שעפּער זיינען שוין אַרונטער?
— דאָס איז דערווייל שווער צו זאָגן, אָבער די צאָל סטרייקנ־דיגע איז אַ צען־טויזנט געוויס, אויב ניט מער!
אָט די שטייפֿע זיכערקייט, אַז דער אָנהויב איז אַ גלענצנדער, פֿילט אָן די אַרבעטער־הערצער מיט פֿרייד, מיט גלויבן אין דעם זיגרייכן אויסגאַנג פֿון דעם גרויסן קאַמף, וואָס די נייע אינדוס־טריעלע יוניאָן האָט אויפֿגעהויבן געגן די באַלעבאַטים־עקספּלואַ־טאַטאָרס.
איך באַזוך אַלע פֿאַרזאַמלונג־פּלעצער. אומעטום איז אַ קאָ־כיגער געווירבל, אַ קאַמפּסלוסטיגע שטימונג.
ניט ווי סטרייקער, וואָס זיינען ערשט אַרויס אין קאַמף, נאָר ווי זיגער, וואָס האָבן שוין דעם קאַמף געוואונען, זעען אויס די מאַסן.
עס פֿינקלען אויגן, עס פֿלאַמען פּנים'ער, עס אָטעמט מיט אַנטשלאָסנקייט.
אין אַלע דורכגאַנגען, אַרום און אַרום דער בינע — געדיכטע

קאָמפּאַקטע מאַסן.

אויף דער בינע זעען זיך די הויפּט־פירער. די פאָטאָגראַף־אַפּאַ־ראַטן אַרבעטן.

* * *

רעדעס — קורצע, ברענענדיגע, ווי האַרמאַטן־שאָסן.

יעדער זאַץ, יעדער אויסדרוק צינדט אָן דעם גאַנצן עולם, — און עס צעשאַלט זיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דער דונער פון הענט־קלאַפּערייען:

— . . . היינט, דעם 6טן פעברואַר פון יאָר 1929 הויבט איר אָן, חברים אַרבעטער און אַרבעטערינס, אַ נייעם קאַפּיטל.

— . . . אויף אייך דרעסמאַכער איז אויסגעפאַלן די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און דער גרויסער כבוד צו זיין די ערשטע אויף דעם פייער־ליין געגן די אונטערדריקער פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אונטער דער פירערשאַפט פון דער פאַראייניגטער נאָדל־טרייד יוניאָן!

— . . . וואָס האָט געמיינט דער סקעב־איידזשענט פון די באַ־סעס, מר. שלעזינגער, ווען ער האָט געזאָגט אין זיין סטייטמענט: „דער קאָמישאָנער פון דעם פּאָליס דעפּאַרטמענט איז, אַ דאַנק גאָט, נאָך ניט קיין קאָמוניסט...

— דאָס איז געווען אַ וואונק צו דער פּאָליס, צו דעם אינדאָס־טריאַל סקוואַד, צו די באָסעס, אַז ער, שלעזינגער, לייגט גרויס האָ־פענונג אויף דער הילף פון אַלע שוואַרצע כחות.

— . . . אויב איר ווילט געווינען אייער גערעכטן קאַמף, אויב איר ווילט איינשטעלן פעסטע יוניאָן־באַדינגונגען, פאַרפעסטיגן צוריק די פערציג־שעה'דיגע וואָך, האָבן ברויט פאַר אייערע ווייב און קינדער, — וועט איר פאָרזעצן דעם קאַמף אַזוי גלענצנד, ווי איר האָט אים אָנגעהויבן! — —

— . . . קאַמף, קאַמף, קאַמף ביז דעם ענדגילטיגן זיג! — אָט דאָס איז אונזער ענטפער!

. . . אַזוי האָט געדונערט אין אַלע פאַרזאַמלונג־פּלעצער דעם 6טן פעברואַר 1929.

„מאנטאג“ אין צייט פון סטרייק

פון אלע טעג פון א גאנץ וואָך איז מאנטאג דער שטורמ־דיגסטער טאָג אויפ'ן שלאכטפעלד פון די קעמפנדיגע ארבעטער. מיט דעם טאָג הויבט זיך אָן די ארבעטס־וואָך. צעפלאקערט זיך דער קאמף־גייסט פון די סטרייקנדיגע נאָך שטארקער.

אויך די באלעבאטים, און די גענגסטער, און די פאָליציי פאראייניגן זיך נאָך מער אין א מאנטאג...

פארשטייט זיך, אז די שמירה פון פאָליסלייט, אינדאָסטריאל סקוואָד, גאָרילאס, וואָס פעלן ניט אוים יעדן טאָג אויף דער פיקעט־ליין, ווערט אין דעם מאנטאגדיגן פרימאָרגן פארצווייפאכט, פארדרייפאכט.

ס'איז שוין דער צווייטער גרויסער מאנטאג פון דעם אלגע־מיינעם דרעסמאכער סטרייק.

דאָס ערשטע, וואָס מיר איז געקומען אנטקעגן, ווען איך בין צוגעקומען צו דער פיקעט־ליין, זיינען געווען רייטנדיגע פאָליס־לייט.

איך האָב זיך צוגעאיילט צו דער 37־טער גאס, פון וואנען עס האָבן זיך געטראָגן קאמף־אויסרופן, געזאנג און „טשירס פאר די סטרייקערס“.

אַ דאנק די פראכט־וועגענער, די צענדליגער אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן פארבאריקאדירט די גאנצע גאס, האָט מען ניט געקאנט זען וואו ס'געפינען זיך די זינגענדיגע־שטורמנדיגע סטרייקערס. אָבער ס'איז באלד קלאָר געוואָרן: זיי זיינען פארפאקט אין א ברייטן האָל — מענער און פרויען, עטלעכע צענדליג אין צאָל.

א מחנה פאָליסלייט האָט זיי באוואכט און געהאלטן אין פאנ־נאנדערטרייבן די געדיכטע גרופעס ארבעטער ארום דעם פלאץ, ארויסכאפנדיג פון צווישן זיי נייע קרבנות.

מיט יעדן צוקומענדיגן אַרעסטירטן שטייגט די קעמפערישע שטימונג:

— דזשוין די יוניאָן! הוריי!

— טו — פאָר — סיקס — עיט — הום דו ווי אפּרישיעיט

— די סטרייקערס! די סטרייקערס! — — —

עס טראָגן זיך קלינגענדיגע מיידלשע שטימען און ציען צו אַלץ גרעסערע און גרעסערע מאַסן פאַרבייגייענדיגע.

אויף דער צווייטער זייט פון דער זעלבער גאַס שטייט פאַר־צאַמט נאָך אַ גרופּע סטרייקערס, — אַ קלענערע, בלויז מענער.

איך דערוויס זיך, אַז זיי שטייען שוין לאַנג און מען פירט זיי ניט אין פּאָליציי־צירקל.

— פאַרוואָס האַלט מען דאָ אַזוי לאַנג?

— עס פעלן אויס פּאַטרול־וואָגנס...

— מ'האָט שוין פיר וואָגנס אָפּגעפירט — — —

עס טוט פּלוצים אַ קנאַל אַ פיל־שטימיגער הורא פון דער ערשטער גרויסער גרופּע „אַרעסטאַנטן“. דאָס איז צוגעקומען אַ פאַרמאַכטער שוואַרצער וואָגן מיט אַן אויפשריפט: „פּאָלים־דע־פּאַרטמענט“.

מ'יאָגט שוין אַריין אין וואָגן די אַרעסטירטע.

דער וואָגן ווערט פול און עס בלייבן אויסן אַ פיר־פינף הויכע געזונטע אַרבעטער. די פּאָליסלייט ווילן אָבער אויך זיי אַריינ־פּאַקן אינעווייניג. צוויי פּאָליסלייט טוען זיך אַ הויב־אויף אויפ'ן טראָט־ברעטל און נעמען שטופּן די לעצטע רייען אינעווייניג. עס דערטראָגט זיך אַ קוויטשעריי, אַ געשריי פון די צונויפגעדריקטע אינווייניק.

וואָס העכער עס האָבן זיך געטראָגן די קולות פון אינעווייניג, אַלץ אכזריות'דיגער זיינען געוואָרן די פּאָליסלייט. מיט גראָבע זידל־ווערטער האָבן זיי געשטופּט די פאָדערשטע אויף די הינטער־שטע און געפּרעסט, ווי מ'פּרעסט אַריין שמאַטעס אין אַ זאַק..

די צונויפגעדריקטע האָבן גענומען מיט די קולאַקעס קלאַפּן אין די ווענטלעך פונ'ם שוואַרצן וואָגן. אָבער די פּאָליסלייט האָבן זייער אַרבעט ניט אָפּגעשטעלט: אַריינגעשטופּט נאָך אַ צוויי־דריי,

די איבעריגע זיינען געבליבן שטעקן אויפ'ן טראָט־ברעטל. צוויי פּאָליסלייט האָבן זיך אָנגעהאנגען פון הינטן און דער וואָגן האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט.

אַ פיל־שטימיגער „בו־בו" האָט זיך געטראָגן נאָכ'ן שווארצן פּאטרול־וואָגן...

בשעת דאָ איז אָנגעגאנגען דער געיעג פון די פּאָליסלייט, איז אויף דער 35טער גאַס, צווישן דער 7טער און 9טער עוועניו, פאָר־געקומען א מערדערלעכער אָנפאַל אויף די סטרייקערס.

א כאַפּטע פּאָליסלייט האָבן זיך א וואָרף געטאָן אויף די פּי־קעטס און גענומען האקן מיט די קלאָבס אויף רעכטס און אויף לינקס איבער די קעפּ. איינעם א סטרייקער האָט מען דעם קאָפּ צע־שפּאָלטן, די אַנדערע זיינען אָפּגעקומען מיט הארטע סטורכאטשעס אין די זייטן.

* * *

פון 7 ביז האלב נאָך צען האָבן די פּאָליסלייט געהאלטן אין איין אונטערברעכן די מארשירנדיגע פּיקעטס.

ס'איז שוין געווען ארום ניין דעם זייגער, ווען אויפ'ן ראָג פון דער 37טער גאַס האָט זיך באַוויזן אן אָפּטיילונג פון יונגע קינדער אין דער עלטער פון 12־15 יאָר. דאָס זיינען געווען קינ־דער פון סטרייקנדיגע פּאָטערס און מוטערס, פון ברידער און שוועסטער דרעסמאכער.

די פּאָליציי האָט זיך א יאָג געטאָן נאָך די קינדער, ארויס־געכאַפּט א צען־פופצן און אריינגעפּאקט אין א טעמפּן ווינקל. האָט אויסגעבראָכן א שטורמדיגער פּראָטעסט פון די קינדער. זייע־ערע געשרייען האָבן אויפגערודערט דעם גאנצן געגנט ארום. די פּאָליסלייט האָבן געמוזט באפרייען די פארהאלטענע קינדער. מיט הורא־אויסגעשרייען האָבן די יונגע קעמפער, מערסטנס פּיאָנערן, אָנגעשלאָסן זיך אן דעם אלגעמיינעם מארש, און נאָך שטאַרקער האָט זיך געטראָגן זייער געזאַנג:

— . . . ווי... אר... די בילדערס.... ווי בילד... די פיוטשור...

אן אומשולדיגער קרבן

פון א מערדערלעכער גענגסטער־האנט, פון א גערונגענעם שלעגער פון דער רעכטער קליקע איז געפאלן אן אומשולדיגער קרבן.

אין איינעם א פרימארגן, ווען דער אָדימער דזשעק דזשייקאָב האָט זיך צוגעאיילט צו זיין שאפּ, וואָס איז ניט געווען אין סטרייק, ווייל דער באלעבאָס האָט באלד נאָכגעגעבן אלע פאָדערונגען פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן, — האָבן אים פּשוט׳ע גזלנים אוועקגעלייגט אַ צעבלוטיגטן, אַ באוואוסטלאָזן, לעבן אריינגאנגטיר פון שאפּ: דעם שארבן האָבן זיי אים דורכגעלעכערט, דעם פּנים צושניטן — — —

דער ברוטאלער אָנפאל האָט ארויסגערופן א גרימצאָרן אין די ארבעטער־קרייזן.

* * *

איך בין געגאנגען געוואָר ווערן דעם נייעם קרבן פון שלעזינגער־דובינסקי׳ס טעראָר אין בעלוויו האָספּיטאל.

צוקומענדיג צו יענעם ווייטן טייל פון דעם רחובות׳דיגן שפּיטאל, וואו עס מאטערט זיך אין גסיסה דער צוקאלעטשעטער ארבעטער, האָב איך דערזען אויף אַ באנק אין דעם שפּיטאל־צימער א פרוי. זי איז געזעסן פארבראָכן די הענט, דעם קאָפּ פארוואָרפן אָן אַ זייט, די אויגן צוגעמאכט. . .

אריינקומענדיג האָב איך דערזען א צווייטע פרויען־געשטאלט: אַ יונגיקע, א דארינקע, מיט קינדערשע שטריכן, און אויגן אזוינע טרויעריגע, טרויעריגע. . .

זי איז געזעסן אויפ׳ן צווייטן ברעג באנק, איינגענורעט אין טיפער אנגסט.

די באַגלייטערין מיינע, אַן אַקטיווע טוערין פון דער אינ־דוסטריעלער יוניאָן, וואָס האַלט אָן די פאַרבינדונג מיט׳ן שפּי־טאַל, איז גלייך צו איר צוגעגאַנגען און מוטערלעך זיך געווענדעט צו איר:

—דעם מאַן אייערן איז בעסער, אַ יאָ? מיר האָבן געהאַט אַ טעלעפאָן פון דעם דאָקטאָר. ס׳איז דאָ אַ האָפענונג, אַז ער וועט לעבן בלייבן... זייט רואיג מיין טייערע! די אינדוסטריעלע יוניאָן טוט אַלעס מעגלעכעס ארויסצוראַטעווען אים פון טויט —

דאָ האָט זיך אַ צאַפּל־געטאָן די עלטערע פרוי, אויפגעעפנט ברייט די אויגן, אין וועלכע עס זיינען געשטאַנען פאַרגליווערטע טרערן.

— איר האָט זיך באַלד דערוואוסט פון דעם אומגליק? — האָב איך געפרעגט די יונגע פרוי.

— איך בין ניט געווען אין שטאָט... אויף אַ פאַרם בין איך געווען מיט ביידע קינדערלעך — —

— ווי אַלט זיינען די קינדער?

— דריי מיט אַ האַלבן יאָר און צוויי יאָר.

די נוירס האָט אונז אריינגעפירט אין שפּיטאָל־צימער, וואו דער חולה איז געלעגן.

פון הינטער אַ ווייסן צודעק האָט ארויסגעסטאַרטשעט אַ שוואַרצע קאָפּ האָר, אַ געשוואָלענער פּנים מיט רויט־שוואַרצע פלעקן ארום דעם נאָז, ארום די אויערן.

לאַנגזאַם, קוים באַמערקבאַר באַוועגט זיך דער צודעק ביי דער ברוסט — אַ סימן, אַז ער אָטעמט.

די אויגן זיינען צוגעמאַכט. אויפ׳ן קישן אַן אייז־פּענכער:

— דעם ערשטן טאָג האָט ער זיך שרעקלעך געוואָרפן, געריסן זיך פון בעט. מ׳האָט אים געמוזט צובינדן. איצט ליגט ער שוין שטיל —

איך בויג זיך צו צוקאָפּנס פון דעם חולה און דערזע די שוואַר־צע פּאַסן ארום די אויערן...

ער האָט אויפגעעפנט די אויגן.

פאַרגלעזערט איז דער בליק זיינער. ער קוקט, נאָר ער זעט

ניט, פאַרשטייט ניט, וואָס עס טוט זיך ארום אים.

— דו דערקענסט מיך ?... פרעגט ביי אים די עלטערע פרוי (זיין מוטער איז דאָס געווען).

זי האָט זיך צערטלעך צו אים צוגעבויגן.

ער האָט א לייכטן שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ אויף יאָ און ווידער פאַרמאַכט די אויגן...

די נוירס האָט אונז געמאַכט אויפמערקזאַם, אז מ׳זאָל אים לאָזן צו רו.

מיר זיינען אַלע ארוים צוריק אין קאָרידאָר.

— איין־און־איינציגער איז ער ביי מיר... — האָט די מוטער גענומען פאר אונז וויינען:

— א גוטע נשמה האָט ער, א גוטער זון. מיין מאַן איז אַ קראַנקער, ער קען שוין איצט ניט אַרבעטן ביים וואַרשטאַט.. . איז דער זון אונזער ברויט־געבער. דער אומגליק האָט מיך געטראָפן פּונקט אין דער צייט, ווען איך בין געווען צוגעשמידט צום קראַנקן בעטל פון מיין אייניקל, דער עלטערער טאָכטערס א קליין קינד. די טאָכטער איז געלעגן אין קימפּעט אין האָספּיטאַל און דאָ איז דאָס עלטערע קינד פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, געקראָגן פיבער — 105 גראַד. שטיי איך אזוי לעבן בעטל און ווייס ניט, וואָס צו טאָן — דאָ קומט מען צולויפן און מ׳זאָגט מיר אָן די וויסטע בשורה, אז דזשעק׳ן האָט מען גע׳הרג׳עט...

גרויסע טראָפּנס טרערן קייקלען זיך פון אירע אַלטע אויגן. נאָר זי האַלט זיי איין, שטיקט זיי אין זיך — — — —

* * *

דער קאַפּיטאַליסטישער געריכט וועט די אמת׳ע פאַרברעכער אויפ׳ן באַשולדיגונג־באַנק ניט אוועקזעצן : די שלעזינגערס, די דו־בינסקיס, וואָס האָבן די מערדער געדונגען, וועלן ניט זיין גע׳משפּט.

דער אמת׳ער משפּט איבער זיי דאַרף ערשט קומען.

דאָס וועט זיין דער משפּט פון דעם זיגערישן אַרבעטער־קלאַס !

די מערדער און זייערע באַשיצער

ווען ס'האָט באַדאַרפט פאָרקומען דער ערשטער פאַרהער וועגן דעם מאָרד־אָנפאַל פון שלעזינגערס מעסער־שטעכער, האָט דער „פיד־לאַיערל" — א קליינטשנקער, א שוואַרצינקער — געפאָדערט פון ריכטער, אז מ'זאָל זיינע פיינע „קליענטן", די פאַרהאַלטענע מערדער, ארויסלאָזן אויף בייל.

דער ריכטער, וואָס איז אין יענעם פרימאָרגן געזעסן אויפ'ן הויכן שטול, האָט ביי זיין בעסטען ווילן די פאָדערונג ניט געקענט נאָכגעבן: צו פריש איז געווען די גזלה, צו צאַפּלדיג איז נאָך גע ווען דאָס פאַרגאָסענע בלוט...

האָט מען די צוויי מעסער־שטעכער צוריק פאַרשפּאַרט אין טורמע, און דעם פאַרהער אָפּגעלייגט אויף אנדערהאַלבן וואָכן, מיט דער אויסזיכט, אז צו יענער צייט וועט געשען א נס און דער טויט־לעך־פאַרוואונדעטער ארבעטער וועט קומען צו זיך, וועט קענען אויסריידן א וואָרט...

אין יענעם פרימאָרגן בין איך געקומען אין געריכט אביסל שפּעטלעך און האָב די פאַרברעכער ניט געזען — מ'האָט זיי שוין געהאַט ארויסגעפירט פון געריכט־זאַל צוריק אין טורמע.

צום צווייטן מאָל בין איך א פערטל צו צען אין דער פרי שוין געווען אין געריכט־זאַל.

דער פאָרשטייער פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן זאָגט צו מיר:

— עפּעס איז דאָ ניט גלאַט... מיר דוכט, אז מ'האָט די מערדער שוין ארויסגעלאָזט אויף ערבות...

— קאָן דאָס זיין?

— איך וועל באַלד אויסגעפינען —

און ער האָט זיך געלאָזט גיין צום ארויסגאנג. איך נאָך אים.

אויף דער גאַס, ניט ווייט פון דער אריינגאנגט־טיר פון גע־ריכט איז געשטאַנען דער טרויעריג־באוואוסטער שלעזינגער׳ס הויפּט־לאַיער.

אויסגעפּוצט אין „עסיג און אין האָניג“, איז ער געשטאַנען צעשפּרייט די פּיס — אַ זאַטער, אַ גלאַנציגער, אַ צופרידענער. אַ טייוולשער שמייכעלע האָט זיך געשלענגלט אויף זיינע ליפּן.

לעבן אים האָט ארומגעטאַנצט זיין „פּיד־לאַיערל“, אריינגע־קוקט דעם האַר זיינעם אין די אויגן פון אונטן ארויף און מיט הינטישער חניפה אריינגעשמייכלט אין זיין זאַטן פּנים.

דער פאַרשטייער פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן, חבר גאָלד־מאַן, איז צוגעגאַנגען צו זיי.

איך בין געבליבן שטיין ביי דער גלעזערנער טיר פון׳ם ארויס־גאַנג.

ער האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט זיי מיט אַ פּאָר ווערטער און באַלד זיך געלאָזט גיין צוריק אין געריכט־זאַל.

— יאָ... אזוי איז עס: מ׳האָט די באנדיטן שוין ארויסגע־לאָזט אויף ביילּ. די מארקאָוויטשעס*) האָבן פאַרלאָפן דעם וועג, געפּועל׳ט ביים דזשאַדזש, אז מ׳זאָל די גענגסטער ארויסלאָזן אויף דער פריי — צו 7500 דאָלאר פאַר יעדן איינעם.

מיר זיינען אריין אין געריכט־זאַל.

— אָן... אָן זיצן זיי! — האָט ער מיר אָנגעוויזן.

אויף דער לעצטער באַנק זיינען געזעסן צוויי פאַרשוינען.

איך האָב באַלד פאַרנומען אַ פּלאַץ לעבן זיי.

דער געדאַנק, אז דאָס זיצן צוויי געדונגענע מערדער, וואָס האָבן פאַרגאָסן אומשולדיגע ארבעטער־בלוט, האָט פאַרשפּיצט מיין בליק און געהער. איך האָב בגנבה נאָכגעשפּירט יעדע זייער באַ־וועגונג.

איינער מיט גרויסע שווארצע קעלבענע אויגן, באַראַמט מיט דיקע שווארצע ברעמען. די אויגן קוקן צעשראָקן. דער טונקע־

---

*) דער נאָמען פון אַדוואָקאַט.

לער פּנים איז באַדעקט מיט א מאַטאָווער בלאַסקייט. די קינבאַקן באַוועגן זיך נערוועז, ווי ער וואָלט קייען מיט אַ פאַרמאַכטן מויל עפּעס א האַרטע זאַך...

דער צווייטער האָט געמאַכט א שווערן איינדרוק פון אַ דע־גענעראַט: דאָס פּנים גרוי, ווי פון ליים אויסגעקנאָטן; די אויגן איינגעהילט און צונויפגעקאַרטשעטע הייטלעך, ניט צו זען די שוואַרצאַפּלען — בלויז צוויי שמאָלע שפּאַלטלעך, און ער קוקט ניט — נאָר שנאָרכעט די לופט, שנאָרכעט, ווי א חיה... דער קאָפּ פאַרוואַקסן מיט א קוטשמע שוואַרצע האָר, וואָס דערגרייכן ביז די ברעמען. דער גאַנצער הויקערדיגער גוף האַלט זיך אין איין באַוועגן, אין איין וואַרפן, אין איין אויפשוידערן, ווי א געפאַנ־גענע חיה, וואָס איז אַרויסגעלאָזן געוואָרן פון הינטער די גראַטעס און איז נאָך ניט זיכער, אַז זי איז באמת פריי...

ער האָט געשנאָרכעט די לופט, געדרייט מיט די צעקרימטע אַקסלען, געטאַפּט זיין שניפּסל, געדרייט זיין העלע הוט, עטלעכע מאָל זי אָנגעמאָסטן — קאַנטיג, ערשט איינגעהאַנדלט פאַר די פאַר־בלוטיגטע געלט... (בייביידן זיינען די הוטן ניי, פון מילך־העלן קאָליר, ווי ביי זייער באַשיצער דעם לאַיערל).

אין דעם מילך־העלן קאָליר פון זייערע הוטן האָט זיך גע־שפּירט די פריש־פאַרגאָסענע רויטע אַרבעטער־בלוט...

באַלד איז אין געריכט־זאַל אַריינגעקומען שלעזינגערס לאַיער.

ער איז געבליבן שטיין אין הינטערגרונט, ביי די פענצטער כלומר'שט א זייטיגער מענטש, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט צו דעם פאַרהער וועגן די באַנדיטן... אין דער אמת'ן אָבער איז ער געווען דער הויפּט־פאַרטיידיגער פון די גזלנים; ער ציט די שטריקלעך הינטער די קוליסן — און לויט זיינע אינסטרוקציעס האַנדלט דער שוואַרצינקער פיד־לאַיערל, וואָס איז איצט ווידער שוין געוועזן לעבן אים, אַריינגעשמייכלט אונטערטעניג אין זיין צופרידענעם גלאַטן פּנים.

דערמונטערט זיינען געוואָרן די באַנדיטן, ווען זיי האָבן דער־זען די באַשיצער זייערע פון שלעזינגער'ס „יוניאָן".

דער מער־דעגענערירטער שלעגער האָט אַ שנאָרכע געטאָן מיט

זייגע אויגן־הייטלעך, א טאַפּ געטאָן דעם נייעם שניפּסל ביי זיין חבר און א מורמל געטאָן:

— דים איז עי גוד וואָן... הע? סאָם טאַי... הע־הע...*)

אויף זיין ליימענעם פּנים האָט זיך געשפּרייט א שמייכל פון א אידיאָט.

דאָ האָט דער געריכט־קלוירק א קלאַפּ געטאָן אין טיש:

— אָל סטענד אַפּ! די קאָורט איז קאמינג!*)

אלע האָבן זיך א הויב־געטאָן פון די ערטער.

דער טרעגער פון קאַפּיטאַליסטישער גערעכטיגקייט — א הויכער, אן אָדערדיגער, פאַרהילט אין א לאַנגן שווארצן מאַנטל — האָט זיך באַוויזן פון א זייטיגער טיר און איז ארויף אויף זיין הויכן שטול.

אלע האָבן זיך צוריק אוועקגעזעצט.

* * *

פאַרגליווערט זיינען געזעסן די יונגע באַנדיטן די גאַנצע צייט — ביז מען האָט, ענדלעך, אויסגערופן זייערע כשר'ע נעמען...

איך בין באַלד נאָך זיי אריין הינטער די פּאָרענטשעס, נעגטער צו די „קדשי קדשים" פון דער קאַפּיטאַליסטישער גערעכטיגקייט. פאַר'ן ריכטער זיינען געשטאַנען אין איין גלייכער ריי: די אָנגעקלאָגטע מיט'ן שווארצן לאָיערל, זייער פאַרטיידיגער, און דער יונגער בלאָנדער לאָיער פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן.

איך בין צוגעקומען גראד אין דעם מאָמענט, ווען דער לאָיער פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן האָט געמאַכט זיין דערקלערונג צו דעם ריכטער וועגן דער אומגעזעצלעכקייט פון ארויסלאָזן אויף בייל פאַרברעכער, וואָס האָבן גע'הרג'עט אן אומשולדיגן מענטשן:

— דער קרבן דזשעק דזשייקאָבס שוועבט נאָך צווישן לעבן און טויט. מ'ווייסט ניט, צי ער וועט לעבן בלייבן, — איז ווי אַזוי קאָן מען די פאַרברעכער ארויסלאָזן אויף בייל?

---

*) דאָס איז א גוטער האַלזטוך... שוין איין מאָל א גוטער...

**) שטייט אלע אויף! דער געריכט קומט!

אין דעם נאָמען פון גערעכטיגקייט פאָדערט דער לאָיער, אַז מ'זאָל די אָנגעקלאָגטע האַלטן אין טורמע.

פאַלט אים אריין אין די רייד דער שווארצינקער „פיד־לאָ־יערל“:

— ס'איז ניט ריכטיג, יור האָנאָר! דער קראַנקער פילט זיך א סך בעסער. קיין שום געפאַר פאַר זיין לעבן איז ניטאָ. מיר זיינען געווען אין האָספּיטאַל, האָבן גערעדט מיט די דאָקטוירים, געזען דעם קראַנקן. ער איז אָלרייט, יור האָנאָר!

שלאָגט אים איבער דער לאָיער פון דער אינדוסטריעלער יו־ניאָן, ברענגט באַווייזן, אַז דער צו'הרג'עטער ארבעטער איז נאָך אַלץ אין אַ באַוואוסטלאָזן צושטאַנד, אַז זיין לעבן הענגט אויף אַ האָר, און די אָנגעקלאָגטע שלעגער מוזן געהאַלטן ווערן פאַר־שפּאַרט —

— איך קאָן דאָך אָבער ניט ענדערן דעם באַשלוס פון אַ הע־כערער אינסטאַנץ, — זאָגט קאַלטבלוטיג דער ריכטער:

— ס'איז ניט אין מיין פּאַוער...

אין דעם האָט געשטעקט דער טיִוולשער שפּיצל פון די מאַר־קאָוויטשעס: פאַרלויפן דעם וועג, דורך אַ הינטער־טיר דערגרייכן אַ העכערע אינסטאַנץ און ארויסשטעלן אַ צונג דער גאַנצער כלומר'־שטיגער „גערעכטיגקייט“...

* * *

אויך דאָס מאָל איז דער פאַרהער אָפּגעלייגט געוואָרן צוליב דער זעלבער סיבה: מ'קאָן נאָך ניט ארויסקריגן קיין וואָרט פון דעם קרבן, וואָס ראַנגלט זיך צווישן לעבן און טויט...

אין איין אויגנבליק זיינען פארשוואונדן די יונגע פאַרברע־כער פון געריכט־זאַל.

די ארבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין געריכט, זיינען צוזאַמען מיט מיר געבליבן שטיין פון דערווייטן, באַטראַכטנדיג די כאַליאַסטרע ארבעטער־שונאים.

איינער אַן ארבעטער האָט זיך ניט געקענט קאָנטראָלירן און האָט מיט אַ ציין־קריצעריי ארויסגעברומט:

— בעסטיעס!

אויפ׳ן קרייץ פון צוויי וועגן

דער צוויי־יאָריגער גערַאנגל פון די טויזנטער פּאַריער־אַרבע־טער, וואָס האָבן מיט זייער קאַמפּלוסט און אַנטשלאָסנקייט, מיט זייער קלאַסנבאַוואוסטזיין געוויזן אַ מוסטער פון אָרגאַניזירטקייט, איז געקומען צום קלימאַקס.

די אַרבעטער־פאַררעטער, די פאַרהאַסטע יוניאָן־ביוראָקראַטן, אין איינגן בונד מיט די באַלעבאַטים־עקספּלואַטאַטאָרס און זייער לייב־אָרגאַן, דער „פאָרווערטס", האָבן זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן דעם לעצטן פאַרזוך איינגאַנצן צו פאַרניכטן די געוועזענע פעסטונג פון די צען־טויזנט שווערע האָרעפּאַשניקעס־פּאַריער.

אויפ׳ן קרייץ פון צוויי וועגן שטייען איצט די אויסגעמאַטערטע אַרבעטער פון דער פּאַריער־יוניאָן: איין וועג פאָדערט אייזערנעם ווילן, גרייטקייט אויף נייע קרבנות, קאַמף — דאָס איז אַ גענעראַל סטרייק, אַלס ענטפער אויף דער לעצטער פאַרשווערונג פון די שוואַרצע כחות.

דער צווייטער וועג—דערניידערונג, צושפּליטערונג, פאַרשקלאַ־פונג: אויפגעבן דעם קאַמף און ליגן אונטער׳ן קנאָפּל פון די באַ־לעבאַטים און קאָרופּטע יוניאָן ביוראָקראַטן.

אָט די צוויי וועגן האָבן ווי פייערדיגע פאַסן געשוועבט פאַר דער גרויסער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן.

אין יעדער פּאָר טיף־איינגעפאַלענע אויגן, אין יעדן אויסגעמאַ־טערטן געשטאַלט פון דער גרויסער אַרבעטער־מאַסע האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער טיפער טרויער, דער ביטערער צאָרן געגן די פאַררעטער, וואָס האָבן רואינירט זייערע אַרבעטער־היימען און גע־מען אָן אַלע נידערטרעכטיגע מיטלען, כדי צו איינגאַנצן אָפּווישן יעדן שפּור פון זייער אָרגאַניזאַציע, דערשטיקן דעם פרייען גייסט, מאַכן צו נישט אַלע קרבנות, וואָס זיינען פאַר די צוויי יאָר צייט קאַמף געבראַכט געוואָרן.

ווער עס האָט נאָכגעפאָלגט אַלע עטאַפּן פון דעם העראָאישן קאַמף, וואָס די פּאָריער־אַרבעטער האָבן אָנגעפירט; ווער עס האָט בייגעוואוינט די שטורמדיגע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס אויף די גאַסן, די בלוטיגע צוזאַמענשטויסונגען מיט גענגסטער און פּאָליס אויף די פּיקעט־ליינס; ווער ס'האָט געזען, ווי עס האָט געפלאַקערט די גאַנצע צייט פון קאַמף דער „ברענענדיגער דאָרן־קוסט", — דער האָט אויף דער לעצטער פאַרזאַמלונג פון די פּאָריער געקאָנט זיך איבערצייגן, אַז דער צושטאַנד פון די לעצטע חדשים איז געווען בלויז אַ צייטווייליגער שטילשטאַנד פאַר אַ נייעם שטורם.

דער אָנזאָג וועגן דעם שטורם האָט זיך געפילט אין די דונערדיגע הענט־קלאַפּערייען, מיט וועלכע עס זיינען באַגעגנט געוואָרן די פירער, וואָס האָבן זיך דערוואָרבן דעם צוטרוי, די ליבע פון די טויזנטער אַרבעטער; וואָס שטייען אויס צוגלייך מיט די ריינק־און־פּיילער אַלע ברענענדיגע ליידן, הונגער און נויט.

דער אָנזאָג האָט אויך אַרויסגעשריען פון די שטורמדיגע רעדעס, פול מיט האַס און צאָרן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון דער פּלאַטפאָרמע:

— . . . ברידער און שוועסטער! צו דער נידעריגסטער שטופּע פון שקלאַפעריי זיינען מיר געקומען. . . וואו איז אונזער געוועזענער שטאָלץ, וואו איז אונזער געוועזענע גבורה?! ניטאָ קיין גרעניץ צו דער עקספּלואַטאַציע! מיר ליגן איינגעלייגט אין די שעפּער, טאָרן ניט אויפהויבן דעם קאָפּ, טאָרן ניט לאָזן הערן אונזער פּראָטעסט! דער באָס איז געוואָרן אונזער „יוניאָן־אָרגאַנייזער". ער ה י י ס ט אונז באַלאַנגען צו דער סקעב־קרעמל פון די פאַררעטער. . .

— ערשט היינט האָט מיר דער באָס אין שאַפּ געהייסן „שווייגן", ווען איך האָב גענומען זיך דורכשמועסן מיט די אַרבעטער — איר ווייסט דאָך, ס'איז איצט סלאָו, קאָן מען אַ שמועס טאָן. איך האָב געמוזט פאַרקוועטשן מיינע ליפּן און די בלוטן האָבן אין מיר געזאָדן. . . ווען האָט דער באָס געהאַט אַזאַ מאַכט איבער אונז?. . . ברידער און שוועסטער! פון אונז הייגנט איצט אָפּ: זאָלן מיר זיך לאָזן טרעטן מיט די פיס, אָדער אַרויסגיין אין

א באַנייטן קאַמף געגן דער שוואַרצער באַנדע! לאָמיר אַלע ווי בראַווע סאָלדאַטן שטיין אַרום אונזער דזשאָינט באַארד, אַקסל צו אַקסל אין אונזערע טרענטשעס און צעשמעטערן די פאַרשווערונג, וואָס די באַלעבאַטים מיט דער סקעב־קרעמל פּלאַנעווען צו טאָן! —

מיט די לעצטע כחות שרייט אַרויס דער פאַרהאַרטעוועטער אַרבעטער־קעמפער דעם צאָרן זיינעם.

אַזוי שרייט אַ מענטש, ווען מ'שניידט זיין לייב, ווען מ'רייסט אָן אָפענע וואונד...

* * *

צווישן דעם עולם זיצט אונזער גאַסט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, דוד בערגלסאָן. ער, דער קינסטלער, וואָס שעפּט זיין שעפערישע קראַפט אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן, האָט אויסגענוצט די ערשטע געלעגנהייט זיך צו באַהעפטן מיט'ן קאַמף־גייסט פון דער ניו־יאָרקער אידישער אַרבעטערשאַפט.

איך פאָלג נאָך, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס מאַכט אויף אים דער „בראַווער סאָלדאַט" פון די אַרבעטער־„טרענטשעס". איך זע, ווי ער שלינגט אים מיט זיינע ברייט־צעעפנטע אויגן, זאַפּט איין אין זיך דעם שטורם פון זיינע האַרטע, שטיינערנע ווערטער. באַלד טוט ער אַ וואָרף זיין בליק אויף רעכטס, אויף לינקס, אַרום און אַרום, כאַפּט אויף אַרבעטער־פּנים'ער, וואָס אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ גרימצאָרן.

עס רעדט שוין אַ צווייטער, אַ דריטער. יעדע רעדע — פלאַם־פייער, וואָס וועקט און רופט:

— פאַראייניגט אייך, ברידער און שוועסטער! די שוואַרצע מאַכט האָט זיך שוין לאַנג פאַראייניגט. פאַרלירט ניט די מוט! טראָגט פאַנאַנדער דעם רוף:

— גענעראַל סטרייק!

פּלוצלינג שטורמט אויף דער איבערגעלאָדענער קופּער־יוניאָן מיט לאַנג־דויערנדיגע אַפּלאָדיסמענטן. דאָס האָבן זיך באַוויזן די פירער: לואיס היימאַן פון די קלאָוקמאַכער און דער שטורם־פויגל פון די פאָריער, בען גאָלד.

דער גאַסט, דוד בערגלסאָן, ציט אויס די האַלז, מעסט מיט

זיין קינסטלערישן אויג דעם צאַפּלדיגן מענטשן־מאַטעריאַל און טוט שטיל אַ זאָג צו מיר:

— אַט דאָס איז ליטעראַטור!

* * *

ס'האָט זיך איבערגע'חזר'ט איינע פון די גלענצענדסטע קאַפּיטלען, וואָס זיינען שוין ניט איין מאָל אריינגעשריבן געוואָרן מיט פייערדיגע אותיות אין דער געשיכטע פון קלאַסנקאַמף.

ווידער האָט אַ פּלאַם געטאָן דער „דאָרן־קוסט" און זיינע פונקען האָבן ארומגעכאַפּט די גרויסע מאַסע אַרבעטער:

— מיר האָבן געוואוסט, אַז ס'וועט אזוי זיין. מיר האָבן אייך געוואָרנט, אַז אויב איר וועט ניט שטיין שטאָל און אייזן, וועט זיך ניט לאָזן פאַרפירן, וועלן מיר קאָנען באַזיגן די שונאים פונ'ם אַרבעטער־קלאַס! איצט איז געקומען דער מאָמענט, אַז נאָר אַ באַנייטער קאַמף אויף לעבן און טויט וועט ארויסראַטעווען אונז פון שקלאַפעריי. געגן אונז שטייען די באַלעבאַטים, די פאַררעטער, די פאָלים, די דזשאַדזשעס. זיי האָבן זיך פאַראייניגט אין איין בונד, כדי צו צעשמעטערן אונזערע רייען, נאָך מער דערנידעריגן דעם אַרבעטער, נאָך מער פאַרשקלאַפן. אונז שטייט פאָר אַ שווערער קאַמף, ס'וועלן זיך פאָדערן נייע קרבנות. זענט איר גרייט דעם קאַמף אויפצונעמען? צוויי וועגן ליגן פאַר אונז: אַ וועג פון קאַמף און אַ וועג פון פאַרשקלאַפונג! קלייבט אויס. איר ווייסט, אַז מיר, די פירער, וועלן איינשטעלן אונזער לעבן, אָפּגעבן אונזער בלוט! מיר וועלן דעם קאַמף אָנפירן מיט דער גאַנצער איבערגעבנקייט, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן ביז איצט. זאָגט אייער וואָרט, באַווייזט אייער אַנטשלאָסנקייט. דער קאַמף וועט זיין אַ שווערער! דער קאַמף וועט זיין אַ ביטערער! אָבער פאַרבלייבן שקלאַפן אויפ'ן גאַנצן לעבן איז נאָך שווערער, נאָך ביטערער! מיר קאָנען אויסקלייבן נאָר איין וועג — דעם וועג פון קאַמף, קאַמף, קאַמף אויף לעבן און טויט. און מיר וועלן זיגן — —

דער אַוואַנגאַרד פון דער קעמפנדיגער פאַריער־יוניאָן האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון באַנייטן קאַמף.

„מאָביליזאַציע!“

דאָס איז דער מאַגישער וואָרט, וואָס האָט ארומגעכאַפּט די טויזנטער דערצאָרנטע פּאָריער־אַרבעטער.

די פירער פון דער אינדוסטריעלער נאָדל־טריידס יוניאָן האָבן אַליין זיך ניט גערעכט אויף אזא קעמפערישער שטימונג, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שטייגן פון מינוט צו מינוט אויף דער קאָנפרענץ פון שאַפּ־פאַרטרעטער.

ארום עלף אזייגער אינדערפרי זיינען שוין אַלע דעלעגאַטן־טישלעך, אויסגעשטעלטע אין מיט׳ן זאַל און באַדעקטע מיט רויטס, געווען באַזעצט מיט שאַפּ־דעלעגאַטן: יונגע און אַלטע, פרויען און מיידלעך, אידן, גריכן, איטאַליענער, נעגערן, רוסן, אוקראַינער. ביי דער אריינגאַנג־טיר ארום א טישל זיצט א קאָמיטע, וואָס נעמט צו ביי די אריינקומענדע זייערע דעלעגאַטן־קאַרטלעך.

אין פּשוט׳ע ווערטער, קלאָר און איינפאַך ברענגט דער פאָרזיצער ארויס דעם שוידערלעכן צושטאַנד אין דעם פאָר־טרייד; די פאַרשקלאַפונג אין די שעפּער; די חוצפה פון די באַלעבאַטים און דעם פאַרראַט פון די סטעצקים און מעקגריידים:

— זייער פאַרראַט האָט געבראַכט דערצו, אז אפילו די פאַרפירטע, די אזוי־גערופענע „רעדזשיסטרירטע“, האָבן רעוואָלטירט און אָנגעשלאָסן זיך אין דעם קאַמף, וואָס די אינדוסטריעלע נאָדל־טרייד יוניאָן פירט אָן.

די קאָנפערענץ איז באַרופן איינצושטעלן דעם נויטיגן אַפּאַראַט פאַר דעם קומענדיגן אומפאַרמיידלעכן גענעראַל סטרייק, וואָס איז דער איינציגער אויסוועג אין דעם איצטיגן מאָמענט.

שנעל און זאַכלעך ווערן אָפּגעטאָן אַלע נויטיגע פאָרמאַליטעטן.

מ׳צעטראָגט צווישן די דעלעגאַטן פרישע עקזעמפּלאַרן פון

דעם פּולן באַריכט וועגן דער אַרבעט, וואָס דער פּאָר־דעפּאַרט־מענט פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן האָט שוין אויפגעטאָן.

און ווען מ׳לייענט פאַר פון דער פּלאַטפאָרמע דעם באַריכט, קוקן אַלע אַריין אין די בלויע העפטן. מ׳פאָלגט נאָך וואָרט ביי וואָרט און ווען ס׳קומט צום אַריבערגיין אויף אַ צווייטן בלעטל, טוט זיך אַ טראָג אַן אַלגעמיינער אויפפּלאַטער פון בלעטלעך — קורץ, אָפּגעהאַקט, ווי איין האַנט וואָלט עס געטאָן...

דער באַריכט איז אַ לאַנגער צעטל פון אומדערטרעגלעכע ליידן פון טויזנטער און טויזנטער פּאָריער־אַרבעטער, וואָס ווערן שווידערלעך עקספּלואַטירט, געוואָרפן פון די שעפער, באַרויבט אין אַלע זייערע אויסגעקעמפטע לעבנס־באַדינגונגען. דער הונ־גער, די פאַרשקלאַפונג האָט שוין דערגרייכט ביז׳ן העכסטן גראַד און עס שטייט איצט די פראַגע:

— קאַמף אָדער הונגער־טויט!

פון באַריכט ווערט אויך קלאָר, וואָס פאַר אַן אָנגעשטרענגטע אַרבעט עס ווערט אָנגעפירט פון דער נייער יוניאָן צו קומען צו הילף די מער געפּלאָגטע, די מער ליידנדע. עס זיינען פאַררע־גיסטרירט די אַלע, וואָס גייען אַרום חדשים לאַנג אָן אַרבעט; ס׳ווערט געזאַמלט הילף ביי די אַרבעטנדיגע פאַר די אַרבעטסלאָזע. מ׳האָט געעפנט אַ פרייע קיך, וואו די אַרבעטסלאָזע קענען קריגן אומזיסט אַ טעפּל קאַווע, אַ טעלער זופּ און פילן זיך אין אַן איי־גענער חבר׳שער סביבה; ס׳איז אויך אָנגעפירט געוואָרן אַן אינ־טענסיווע אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבעט צווישן געוויסע טיילן פון דער פּאָר־אינדוסטריע, כדי אָפּצושלאָגן די עקספּלואַטאַרישע אַפּע־טיטן פון די פּאָר־מאַנופעקטשורערס.

אין איינקלאַנג מיט׳ן באַשלוס פון דער פּאָריער־קאָנווענשאָן, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיט עטלעכע חדשים צוריק, זיינען געמאַכט געוואָרן אַלע פּאָרבערייטונגען פאַר אַ גענעראַל־סטרייק, וואָס איז דער איינציגער מיטל געגן די באַלעבאַטים.

די הפקרות, וואָס די סקעב־אַגענטן פון דער סטעצקי־און מעק־גריידי קרעמל האָבן געשאַפן, קענען מער ניט אָנגיין און ס׳מוזן איינ־געשטעלט ווערן צוריק די אַרבעט־באַדינגונגען, וואָס זיינען אויס־

געקעמפּט געוואָרן אין יאָר 1926 — —

פון טאָוול צו טאָוול ווערט אויסגעהערט דער באַריכט מיט דער טיפער אויפמערקזאַמקייט פון מענטשן, וואָס טראָגן אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר טויזנטער און טויזנטער אַר־בעטער, ווען זיי פאַרטרעטן דאָ.

* * *

ארום איינם דעם זייגער ווערט דער זאַל באַלאַגערט פון גרוי־סע מאַסן אַרבעטער־געסט.

זיי שטייען שוין אין געדיכטע קרייזן אַרום די זיצפּלעצער, וואָס זיינען אויסגעטיילט פאַר געסט, נאָר זיינען שוין געדיכט באַזעצט.

עס הויבן אָן אַרויסטרעטן פאָרשטייער פון באַזונדערע טיילן פון דער פאָר־אַרמיי מיט פאַרפאַסטע רעזאָלוציעס: די גריכן, די רוסן, די אוקראַאינער, די איטאַליענער, די „רעגיסטרירטע פאַריערס“, די פּרויען־פאַריערקעס, די אַרבעטסלאָזע פאַריער, די יונגע פאָר־יער, די אַלטע פאַריער. יעדע גרופּע טרעט אַרויס מיט אַ פעסטן באַשלוס, אַז מ'איז גרייט ביים ערשטן רוף צו גיין אין קאַמף.

דער פאָרשטייער פון די נעגערן־פאַריער טראָגט אַריין זייער רעזאָלוציע: — זיי, די נעגערן, זיינען גרייט צום קאַמף.

אַ גוואַלדיגן ענטוזיאַזם רופט אַרויס די רעזאָלוציע פון די רוסן און אוקראַאינער. די רעזאָלוציע איז געשריבן אויף דער מע־לאָדיש־קלינגנדיגער אוקראַאינער שפּראַך. דער פאָרשטייער־אוק־ראַאינער, אַ ריז אין וואוקס, אַ פלאַם־פייער אין קאַמף־גייסט — שטורעמט אויף די גרויסע פאַרזאַמלונג מיט זיין דונערדיגן קול.

חבר גאָלד, וואָס האָט געהאַט פריער איבערגעזעצט אויף ענגליש די קורצע רעדע פון דעם רוסישן דעלעגאַט (און איבערגע־זעצט מייסטערהאַפט!), זאָגט זיך אָפּ „איבערצופירן“ אָט די וואונ־דערבאַרע, עכט־פּראָלעטאַרישע רעזאָלוציע פון די אוקראַאינצעס:

— ס'מוז איבערזעצט ווערן וואָרט ביי וואָרט, מיט דעם זעלבן קעמפערישן גייסט, ווי ס'איז אויסגעדריקט אין דער רעזאָלוציע! איך נעם זיך ניט אונטער אָט דאָ אויף שנעל איבערצוזעצן אַזא קאַמף־דאָקומענט! זאָלן זיך אַרויסרופן די, וואָס קענען גוט ביי־

דע שפּראַכן און אַריינגיין אין אַ באַזונדערן צימער און צושטעלן דער קאָנפערענץ אַ שריפטלעכע איבערזעצונג פון דער רעזאָלוציע—

אַ גרופּע פון פינף־זעקס אַרבעטער־דעלעגאַטן, צוזאַמען מיט'ן אוקראַינער, גייען אַוועק אין אַ באַזונדערן צימער — איבערזעצן די רעזאָלוציע פון אוקראַיניש אויף ענגליש.

* * *

נאָכ'ן איבעררייס.

אויף דער פּלאַטפאָרמע שטייט אַ דאַרע פרוי, אַ יונגער אַר־בעטער און אַ מיידעלע פון אַ יאָר פופצן — פאָרשטייער פון די סטרייקנדיגע וועבער אין גאַסטאָניאַ.

— . . . אויב עס פעלט אייך אויס אנטשלאָסנקייט אין דעם קאַמף, וואָס אייך שטייט פאָר; אויב איר ווילט קריגן נאָך מער מוט, מער קאַמפּסלוסט, איז טוט אַ קוק ווי אַזוי עס קעמפן אונ־זערע טעקסטילער אין דער סאַוט! די נידערטרעכטיגע עקספּלואַטאָ־טאָרס, די טעקסטיל־באַראָנען, ווענדן אָן אַלע באַרבאַרישע מיטלען צוצוברעכן אונזער קאַמף־גייסט. אָבער די פאַרשקלאַפונג האָט דערגרייכט אַזוינע אונערטרעגלעכע פאָרמען, אַז קיינע פאַרפאָלגונ־גען וועלן ניט אָפּשטעלן אונזער קאַמף, וועלן ניט צוברעכן אונ־זערע רייען! מיר הונגערן! אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט! די פאַררעטערישע יוניאָן־ברעכער צוזאַמען מיט די טעקסטיל־באַ־ראָנען האָפן, אַז דער הונגער וועט דעמאָראַליזירן די וועבער פון דער סאַוט. זיי באַטן אונז אָן הילף, ווילן געבן שטיקלעך ברויט פאַר די הונגעריגע פאַמיליעס. אָבער די הונגעריגע סטרייקערס שליידערן אָפּ פון זיך מיט פאַראַכטונג די הילף פון די פאַררעטער און אונטערדריקער: זייער הילף איז פּויזן! מיר ווילן הילף פון אַרבעטער! מיר וועלן יאָ נעמען דאָס שטיקל ברויט נאָר פון אַרבעטער־הענט! — — — איר, פאָריער־אַרבעטער, שטייט אַליין פאַר אַ קאַמף. איך וויל אייך פאַרזיכערן, אַז מיר, טעקסטיל־אַר־בעטער, וועלן זיין די ערשטע, וואָס וועלן זיין מיט אייך אין אייער קאַמף. העלפט אונז אַרויס, וויפיל איר קענט אין אונזער קאַמף! אייער הילף וועט אונז זיין דאָפּלט טייער: דאָס וועט ניט נאָר איינ־שטילן דעם הונגער, נאָר אויך צוגעבן מער מוט, מער קאַמפּס־לוסט

די צענדליגער טויזנטער וועבער, וואָס האָבן איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשלאָסן: אָראָפּוואַרפן פון זיך דעם יאָך פון די עקספּלואַטאַטאָרס און איינשטעלן יוניאָן־באַדינגונגען פאַר די טעקסטילער איבער גאָר דעם לאַנד! מיר, די סאַוט־אַרבעטער, וועלן זיך פאַראייניקן מיט אייך, נאָרד־אַרבעטער, אין איין מעכטיגער אַרמיי, — און אין געשלאָסענע רייען וועלן מיר גיין פאָראויס צו אונזער ענדגילטיגער באַפרייאונג פון דעם קאַפּיטאַליסטישן יאָך!

די פלאַמיגע ווערטער האָבן אַריינגעדרונגען אין די הערצער, אין די מחות פון די פאַריער־אַרבעטער, וואָס מאָביליזירן זיך אַליין צום קאַמף, — און מ׳האָט גענומען טראָגן פון אַלע זייטן דאַלאַרדיגע אַסיגנאַציעס.

חבר גאָלד אַנאָנסירט די געזאַמלטע סומע און טיילט מיט:

— אַן אַרבעטערין האָט אָפּגעגעבן פאַר די הונגעריגע טעקסטילער איר זייגערל, ווייל זי האָט ניט קיין געלט. עס פעלט אויס צו אַ הונדערטער נאָך 17 דאַלאַר. אויב די פאַרזאַמלונג וועט צולייגן די 17 דאַלאַר, וועלן מיר אָפּגעבן דעם זייגערל צוריק דער אַרבעטערין, — זי זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט קומען אין דער צייט אויף דער... פּיקעט־ליין —

אין איינע פינף מינוט ווערן צונויפגעזאַמלט 18 דאַלאַר.

מ׳רופט די אַרבעטערין צו צו דער פּלאַטפאָרמע — נעמען איר זייגערל.

אונטער אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן קומט צו די אָרימע אַרבעטערין צום טיש — —

* * *

אָט דאָס איז געווען דער גייסט אויף דער שאַפּ־דעלעגאַטן קאָנפערענץ פון די פאַריער־אַרבעטער.

לויט׳ן באַשלוס פון דער קאָנפערענץ, זיינען אַלע דעלעגאַטן אַריין אין דער „דזשענעראַל פּיקעטינג קאָמיטע“, וואָס וועט אָנפירן מיט דעם קומענדיגן גענעראַל־סטרייק.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען אַלע רעקאָמענדאַציעס פון דעם פאַר־דעפּאַרטמענט פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן:

1) אָרגאַניזירן א הונדערט־קאָמיטע פון אַקטיווע אַרבעטער צו מאָביליזירן אַלע פּאַריער־אַרבעטער צום סטרייק;

2) אָנפירן שאַפּ־און־גאַסן מיטינגען;

3) רופן א קאָנפערענץ פון אַלע לינקע און פּראָגרעסיווע יוניאָנס, פון ברידערלעכע אָרגאַניזאַציעס — צו שאַפן דעם אַפּאַראַט פון שטיצע אין דעם קומענדיגן גענעראַל סטרייק.

וואָס זיינען די פאָדערונגען, וועלכע די פּאַר־אַרבעטער שטעלן איצט ארויס און פאר וועלכע דער קאַמף ווערט אויפגענומען?

1) א פערציג־שעה'דיגע ארבעט־וואָך (פינף טעג ארבעטן און צוויי טעג רוען).

2) א העכערונג פון דעם מינימום סקייל־ווייזשעס.

3) גלייכע צוטיילונג פון ארבעט.

4) אָפּשאַפן סעקשאָן־ארבעט.

5) א פאָנד פאר ארבעטסלאָזע פון די באַלעבאַטים אונטער דעם קאָנטראָל פון דער יוניאָן.

* * *

דער קאַמף ווערט אָנגעפירט ביז היינט־צו־טאָג.

מיט נייעם מוט אויף נייע וועגן!

שוין לאנג־לאנג האָט דער קופּער־יוניאָן ניט געזען אין זיינע ד׳ אמות אזא שטורעמדיגן מיטינג.

דער שטורם האָט געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער.

די גרויסע רעוואָלוציאָנערע מיטגלידערשאַפט איז געקומען אויף׳ן רוף פון דעם רויטן אינדוסטריעלן צענטער — פון דער טרייד יוניאָן יוניטי ליג — אָפּגעבן א דין וחשבון פאַר די לעצטע צוויי־דריי יאָר, אנערקענען די באַגאַנגענע טעות׳ן פון דער געוועזענער פירערשאַפט, דורכאַנאַליזירן די מעטאָדן פון דער אַר־בעט און אָנצייכענען נייע וועגן, אָנווענדן באמת־רעוואָלוציאָנערע מיטלען, כדי אויסצושפּרייטן, פאַרטיפן און פאַרפעסטיגן די אינ־דוסטריעלע יוניאָן.

* * *

דער אַרבעטער־עולם איז פּאָליטיש אויסגעוואַקסן, רייפער גע־וואָרן, — פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין קאַמפּן.

ניטאָ די אַמאָליגע אויבערפלעכלעכע באַציאונג.

עס פילט זיך אַ שטייפקייט, א רעוואָלוציאָנערע באַוואוסטזיי־ניגקייט.

אויך די פירער, די זעלבע — היימאַן, גאָלד, באָרוכאָוויטש, פּאָטאַש. די פירנדיגע ריינק־און־פייל־ער—דזש. קאָהן, קעסלער און אַנדערע. און דאָך ניט די זעלבע: די נייע אויפגאַבן, די נייע ווענדונג פון קלאַסנקאַמף האָט אויך אויף זיי אַרויפגעלייגט א באַזונדערן שטעמפּל: די ווערטער געוואויגן, גע־מאָסטן, טיף דורכגעטראַכט.

די לייכטזיניגקייט, די רעוואָלוציאָנערע פראַזעאָלאָגיע איז פאַר־בליבן בלויז ביי די יעניגע, וואָס האָבן גאָרניט געלערנט פון דער פאַרגאַנגענהייט, וואָס זיינען פאַרבליבן די זעלבע דאָן־קיכאָטן,

וואס א דאנק זיי איז פארקריפּלט געוואָרן די אמת׳ע רעוואָלוציאָ־נערע ליניע, פארטויששט געוואָרן די פּראַקטישע אויפגאבן. דאָס זיינען די אזוי־גערופענע „לאָוועסטאָניסטן״ — פארביטערטע, פאר־עקשנ׳טע.

אזא קלאָרע און פארשטענדלעכע זאך, ווי אנערקענען די גע־מאכטע טעות׳ן, אויסגלייכן די ליניע, וואס איז פאר די לעצטע צוויי־דריי יאָר אין טומעל און רעש אויסגעקרימט געוואָרן!

יעדער אויפריכטיגער רעוואָלוציאָנעריש־געשטימטער ארבעטער — שוין אָפּגערעדט פון א באוואוסטזיניגן, אויפריכטיגן קאָמוניסט — טרעט צו צו אזא „איבערראשאצונג פון ווערטן״ ווירדיג, געלאסן, מיט דער פולער ערנסטקייט, ווייל דאָ האנדלט זיך ניט וועגן פּער־זענלעכע אמביציעס, ניט וועגן „קלייזלדיגע אינטערעסן״.

אזוי האָבן צוגעטראָטן צום אנאליז פון דעם פארגאנגענעם פּעריאָד די אויפריכטיגע פירער — סיי די קאָמוניסטן און סיי די ניט־קאָמוניסטן, נאָר איבערגעגעבענע דער ארבעטער־זאך יוניאָן־טוער.

אין דער שיין פון דער ווירדיגער, טיף־ערנסטער באציאונג צו די פּראָבלעמען, וואס שטייען פאר דער אינדוסטריעלער יוניאָן ביי היינט צו טאָג, האָט זיך באזונדערס בולט ארויסגעוויזן די פּאָ־ליטיקאנסטווע, די קלייזלדיגע טעמפּקייט פון די „לאָוועסטאָניסטן״.

אומעטום, וואו זיי האָבן נאָר א מעגלעכקייט א פיגוריר צו טאָן, טרעטן זיי ארוים מיט שוים אויף די ליפּן, טראָגן אריין א סם׳דיגן טשאד און ווערן אויסגעשפּאָט און אויסגעלאכט פון דעם ברייטן פארזאמלטן עולם.

גאנץ טרעפלעך האָט זיי לואיס היימאן געענטפערט:

— אומזיסט ציט איר מיך פאר׳ן צונג. איר האָפט, אז איך וועל בארעכטיגן אייער האנדלונג — — איך בין ניט קיין קאָמוניסט און זיין דער אורטיילער, וואסער קאָמוניזם — לאָוו־סטאָנ׳ס צי פאָסטער׳ס — איז דער ריכטיגער בין איך ניט בארופן. איך קאן נאָר זאָגן, אז לאָוועסטאָנ׳ען האָב איך קיין מאָל ניט געטרויט, ווען ער איז נאָך געווען דער גרויסער קנאקער; וועל איך דאָך איצט אודאי פאר אים זיך ניט גיין איינשטעלן. אָבער

צוהערנדיג זיך צו זימערמאַנ׳ס ווערטער דאָ, קומט אויס, אַז כּל זמן ער, זימערמאַן, איז געווען אין דער פירערשאַפט, איז אַלץ געווען גוט, די אינדוסטריעלע יוניאָן איז געוואַקסן, די באַוועגונג איז געגאַנגען באַרג־אַרויף... און ווי נאָר ער איז אַרויסגעפאַלן פון דער פירערשאַפט — איז אויס, אַלץ גייט באַרג אַראָפּ... אַזוי טענה׳ן אַלע „געוועזענע״, אָנהויבנדיג פון טראָצקי׳ן. ווען איר לייענט טראָצקי׳ס בוך „מיין לעבן״, ווערט אייך פּשוט דערווידער די באַרימעריי זיינע — „ער און ער און ער״! ס׳קומט אויס, אַז ווען ניט ער, וואָלט די גאַנצע אָקטאָבער־רעוואָלוציע ניט פאָרגעקומען, אַז לענין איז געווען בלויז אַ צוגאָב צו אים, צו טראָצקין, אַזוי זיך אַ מענטשל, וואָס האָט איינגאַנצן ניט געוואָלט די רעוואָלוציע...

(אַן אויפריים פון שטורעמדיגן געלעכטער).

— . . . זימערמאַן קאָן גאָרניט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז בשעת ער איז געשטאַנען אין דער פירערשאַפט פון אונזער יוניאָן, זיינען באַגאַנגען געוואָרן טעות׳ן. דער אומגליק פון די אַזוי־גערופענע „לאָוועסטאָניסטן״ איז, וואָס זייער באַציאונג צו אונזער אינדוסטריעלער יוניאָן איז אַ שמאָל־קליינלדיגע: ניט די יוניאָן אַלס אַזעלכע אינטערעסירט זיי, נאָר אויף וויפיל זיי וועלן קאָנען אַרופצווינגען זייער קליינלדיגע הערשאַפט אויף דער יוניאָן. איך זאָג קליינלדיגע, ווייל מ׳קאָן דאָך זיי ניט אָנרופן קיין פּאַרטיי... וואָלטן זיי, די „לאָוועסטאָניסטן״, געווען ערנסטע יוניאָן־טוער, וואָלטן זיי היינט דאָ ניט געמאַכט קיין חשבונות מיט זייערע געגנער — מ׳קאָן אויסזוכן אַ פּאַסיגערן מאָמענט. אָבער ניט די אינטערעסן פון דער יוניאָן זיינען זיי אויסן, די „לאָוועסטאָניסטן״. זיי האָבן זיך געשטעלט אַלס אַן אויפגאַבע באַקעמפן אַלץ, וואָס קומט ניט פון זייער קלייזל. מעג עס זיין וויכטיג און נויטיג פאַר דעם וואוקס פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן, וועלן זיי מיט אַלע מיטלען צושטערן, ווי באַלד עס קומט ניט פון זיי... און דערפאַר זאָג איך, אַז איר, לאָוועסטאָניסטן, טוט אַ שעדלעכע, צושטערנדיגע אַרבעט. אויב איך קאָן נאָך איצט ניט איינשטימען מיט דער כאַראַקטעריסטיק, וואָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אייך שוין געגעבן — אַז איר זיינט פּאַררעטער, רענעגאַטן, — איז אָבער אייער האַנדלונג

אזא, אז איר וועט זיך מוזן דערקייקלען און ווערן דאָס, וואָס מ׳זאָגט שוין אויף אייך איצט — — —

* * *

א מערקווירדיגע, רעוואָלוציאָנערע שטימונג האָט געהערשט די גאַנצע צייט אין דעם איבערגעפאַקטן קופּער־יוניאָן.

דער געזונטער אינסטינקט פון די מאַסן האָט גוט אָפּגעשאַצט, ווער עס זיינען די אמת׳ע פריינט פון דער רעוואָלוציאָנערער יוניאָן־באַוועגונג און ווער זיינען די אמת׳ע שונאים.

אין דעם זין איז דער גרויסער קופּער־יוניאָן מיטינג געווען דאָפּעלט קאָנסטרוקטיוו: מ׳האָט מיט רוישיגע אַפּלאָדיסמענטן אויפגענומען די פּראַקטישע פּלענער פון דער פירערשאַפט צו פאַר־פעסטיגן די אינדוסטריעלע יוניאָן, און חוץ דעם האָט מען איין מאָל פאַר אַלע מאָל געגעבן צו דערפילן די עטלעכע לאָווסטאָניסטן, אז זייערע באַמיאונגען צו שטערן דער אַרבעט איז אומזיסט, אז זיי האָבן ניט קיין שום איינפלוס אויף דער מיטגלידערשאַפט. פאַר זיי שטייט איצט די פראגע: אָדער אונטערוואַרפן זיך דעם ווילן פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט און ווערן איבערגע־געבענע נאָכפאָלגער פון דער פאַרטרויטער פירערשאַפט פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן, — אָדער אוועקקייקלען זיך ווייטער אהין, וואו זייער פאַרברעכערישע אַרבעט געגן די אינטערעסן פון דער קעמפערישער אינדוסטריעלער יוניאָן וועט אויפגענומען ווערען מיט צושפּרייט אָרעמס...

* * *

די אינדוסטריעלע יוניאָן איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף נייע וועגן.

די אינדוסטריעלע נאָדל-טרייד יוניאָן — א רויטער אַוואַנגאַרד

די צווייטע קאָנווענשאָן פון דער נייער ארבעטער־פעסטונג!

. . . טאָג און נאכט האָט געפיבערט דער רעוואָלוציאָנערער געדאנק, דער פּראָלעטארישער באוואוסטזיין, דער קעמפערישער גייסט.

די לופט איז געווען אָנגעגילט סיי פון דער שטיקנדיגער היץ און סיי פון די פייערדיגע רעדעס.

די אינדוסטריעלע נאָדל־טרייד־יוניאָן האָט זיך אויף איר צווייטער קאָנווענשאָן דערהויבן צו דער מדרגה פון א רויטן אוואַנ־גארד:

— אוים וואקלניש!

—אוים צעשוואומענקייט!

ארומגערינגלט מיט בלוטיגע שונאים פון אויסווייניג און מיט פאר׳עקשנ׳טע צושטערער פון אינווייניג, איז די אינדוסטריעלע נאָדל־טרייד יוניאָן געקומען אויף דער קאָנווענשאָן און געזאָגט איר פעסטן רעוואָלוציאָנערן וואָרט:

— קאמף געגן די שונאים פון אויסנווייניג!

—ארונטער מיט די צושטערער פון אינווייניג!

— פאָראוים מיט׳ן רויטן טרייד־אינטערנאציאָנאל ביז דעם ענדגילטיגן זיג פון דעם אלוועלטלעכן פּראָלעטאריאַט!

* * *

. . . ווי נעבעכדיג האָבן אויסגעזען די אנדערהאלבן צענ־דליג אויסגעגליטשטע, פארפירטע לאָוסטאָנס־נאָכשלעפער אין דער רויטער שיין פון דעם פארהאַר׳טעוועטן קעמפערישן אוואנגארד פון ריינק־און־פיילער!

יעדע ארויסטרעטונג זייערע, יעדעס וואָרט, וואָס איז געקומען

פון דעם קליין קלייזל פון רעכטס, האָט געאָטעמט מיט „קאָמפּאַ־ני־יוניאַניזם“, מיט צוריקקער צו דער קאָרופּטער מאַשין פון דער זיגמאַנשטשינע, שלעזינגערשטשינע, הילמאַנשטשינע — פאַרשטייט זיך, פאַרנעפּלט מיט רעוואָלוציאָנערער פראַזעלאָגיע.

צוזעענדיג זייערע האַנדלונגען אויף דער קאָנווענשאָן, האָט מען ערשט געקאַנט באַגרייפן, ווי אַזוי מענטשן, וואָס גליטשן זיך פּאָליטיש אויס, זינקען אַלץ טיפער און טיפער אין אָפּגרונט פון רעאַקציע.

מיט וואָס פאַר אַ שטורם באַגגענט דער איבערגעפילטער ניו־סטאַר קאַסינאָ די פייערדיגע שמיץ, וואָס ריינק־און־פייל־דעלע־גאַטן טיילן איין די עטלעכע לאָווסטאָניסטן:

— . . . איר האָט די חוצפה ארויסצוגיין דאָ און זאָגן, אַז די מיטגלידערשאַפט פון דער אינדוסטריעלער יוניאָן צוקריכט, אַז די ארבעטער זיינען געגן דער ריכטונג פון דער פירערשאַפט! נו? און וואָס זאָגט אייך אָט די קאָנווענשאָן! הא? איר האָט אויגן, — טאָ קוקט און זעט — — —

— . . . איך בין ניט קיין קאָמוניסט, — זאָגט אַ צווייטער שווערער ארבעטער־דעלעגאַט: — ניט ווייל איך וויל ניט זיין קיין קאָמוניסט — איך וויל נאָר ניט זיין אַזאַ קאָמוניסט, ווי זי־מערמאַן און גראָס! ניין, אַזאַ קאָמוניסט וויל איך ניט זיין... איך פריי מיך אָבער, וואָס אונזער אינדוסטריעלע יוניאָן גייט האַנט אין האַנט מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי! ווייל די קאָמוניס־טישע פּאַרטיי איז — פון די אַרבעטער, פאַר די אַרבעטער און מיט די אַרבעטער! זי שליידערט ארויס יעדן איינעם, וואָס הויבט אָן זיך צו וואַקלען, וואָס הויבט אָן קערעווען אויף צוריק — —

אונזער אינדוסטריעלע יוניאָן וועט גיין פאָראויס מיט דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערשאַפט פון גאָר דער וועלט ביז מ'וועט באַזיגן דעם הויפּט־שונא — דעם אַלוועלטלעכן קאַפּיטאַל!

אין זאַל הערשט אַן אָנגעשטריינגטע שטימונג.

אַלע אויסגעפּרובירטע פירער אויף זייערע פּאָסטנס.

לואיס היימאַן, אַלס פאָרזיצער, האַלט אַ שטריינגע אָרדנונג, לאָזט ניט, אַז עס זאָלן זיך אויפרעגן די געמיטער.

אן אומפארגעסלעכע בילד איז געווען ביי דעם אויסדערוויילן די „דזשענעראַל עקזעקוטיוו באַארד“.

די לאַוסטאַניסטן האָבן אויך דאָ דעמאָנסטרירט זייער ביטערע עקשנות. האָבן זיי געכאַפּט א מיאוסן אַפּשניט: אַלע זייערע קאַנדידאַטן, וואָס זיי האָבן ארויסגעשטעלט, זיינען פון דער קאָנווענשאָן אַפּגעוואָרפן געוואָרן.

דורכגעגאַנגען אין דזשאָינט באַארד איז דער גאַנצער צעטל קאַנדידאַטן, וואָס די קאָנווענשאָן קאָמיטע האָט צוגעשטעלט.

* * *

אויסגעשמידט ווי פון איין שטיק אייזן שטייט איצט די אינדוסטריעלע נאָדל־טרייד יוניאָן.

גרויסע קאַמפן שטייען פאָר.

די אויסגעהונגערטע קלאָוק־ און דרעסמאַכער, די דערצאָרנטע פאָריער־ארבעטער ברויזן שוין ווידער אויף.

עס לאָזן זיך הערן די ערשטע דונערן פון דעם באַנייטן קאמף — — —

אָפּגערייניגט פון מיסט און שטויב, פון „אָפּגעפאַלענע בלעטלעך“, וועט דער יונגער בוים — די „אינדוסטריעלע נאָדל־ארבעטער יוניאָן“ זיין א מוסטער פון א קעמפערישן רויטן אוואנגארד אין דער גרויסער משפחה פון דעם אלוועלטלעכן פּראָלעטאריאט!

ענגלישע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס זיינען אריין

אין דעם זאַמלבוך

א.

אָווערטיים — איבערשטונדן

אָרדער — באַפעל

אַסאָסיאיישאָן — אַסאָסיאַציע

איסט־בראָדוויי — אַ נאָמען פון אַ גאַס אין ניו־יאָרק

אַמבולאַנס — שפּיטאָל־וואָגן

אינטערנעישאָנאַל — נאָמען פון דאַמען־שניידער פאַראיין

אמפּליפייערס — עלעקטרישע הויך־רעדער

אינטערנעישאָנאַל־אָפיס — הויפּט־קאַנטאָר פון יוניאָן

אינדאָסטריעל־סקוואַד — אינדוסטריעלער פּאָליציי־סקאַדראָן

אָפיס — קאַנטאָר

איי לייק יו — דו געפעלסט מיר

אַמאַלגאַמיישאָן — פאַראייניגונג, פאַרשמעלצונג

איינפּיקסן — איינראָדענען

אָרגאַניזיישאָן־דרייוו — אָרגאַניזירונג־קאַמפּאַניע

אָלרייט — אַלץ גוט, אין בעסטער אָרדנונג

איי בעט יו — איך וועט זיך מיט דיר

אַפּסטעירז — אין דער הויך, אויבן

איי עם לוקינג פאָר יו — איך זוך דיך

אַגרימענט — אָפּמאַך

אַמערקאַן פעדעריישאָן אָוו לייבאָר — אַמעריקאַנער פעדעראַציע פון אַרבעט

אינשורענס־פאָנד — פאַרזיכערונג־פאָנד

ב

באָס — באַלעבאָס

בלענקעט — קאָלדרע

„בלויע רעק" — פּאָליציאַנטן

בלאָף — שווינדל, ליגן

בילדינג — געביידע

בענעפיט — הילף־אָפּצאָלונג

באָיעס — חברה

באָנדס — ווערט־פּאַפּירן

בייל — עורבות

ברענטש — צווייג, אָפּטיילונג

ביזנעס — געשעפט

ביזי — פאַרהאַוועט, פאַרשמייעט, פאַרנומען

באָיעס — יונגען, חברה־לייט

בלאָק — הייזער־קוואַרטאַל

בלעקדזשעק — אן אייזערנע הענטשיקע

ג

גוד־בוי — א וואוילער יונג

גאַרמענט־צענטער — צענטער פון דאַמען־שניידער

גאָו־אַהעד — גיי ווייטער, טראָג זיך אָפּ

גענגסטער — כוליגאַנעס, געדונגענע שלעגער

געטרייעט — באַמיט זיך, געטאָן אלץ וואָס מעגלעך

גוד סטאָף — גוטר מאַטעריאַל

גוד־לאָק — אַ גליקלעכע שעה

געספוילט די ביזנעס — קאַליע־געמאַכט ס׳געשעפט...

געטשאַלענדזשט — אויפגעפאָדערט

ד

דזשאָב — שטעלע, ארבעט

דזשיזוס — יעזוס

דזשייל — טורמע

דזשאָדזש — ריכטער

דזשענעראַל־סטרייק קאָמיטע — הויפט־סטרייק־קאָמיטע

דזשאָינט באָארד — פאראייניגטע הויפט־קערפערשאפט

דיוס — מיטגליד־אָפּצאָל

דזשאָינט דעפענעס־קאָמיטע — פאראייניגטער שוץ־קאָמיטעט

דאָצאָל — דאָס אלץ

דרייווער — פורמאן

דזשאָסטיס אָוו אמעריקא — אַמעריקאַנער גערעכטיגקייט

דיסטריקט־אטאָרני — פּראָקוראָר

דאָנט וואָרי — זאָרג זיך ניט.

ה

האָס — פערד

האָל — זאָל, פארזאמלונג־פּלאַץ, קאָרידאָר

האָט־דאָגס — „הייסע הינטלעך“ (דינע וואורשטלעך)

העדקוואָטערס — הויפט־קאַווארטיר

ו

וואָט די העל — וואָס פאַר אַ רוח!

וואָט איז די מעטער? — וואָס איז געשען?

וויסלען — פייפן

וואָרקינג־קאַרד — אן אַרבעט־קאַרטל, יוניאָן־קאַרטל

וואָק אַלאָן — גיי זיך, טראָג זיך אָפּ, שטעל פיס..

פראָספּעריטי — אויפבלי אין ווירטשאַפט
ווי אַר די בילדערס, ווי בילד די פּיוטשור — מיר זיינען די בוער, מיר בויען די צוקונפט
ווייזשעס — שכירות, ארבעט־לוין

ט

טעקס — שטייער
טריין — צוג, אייזנבאַן
טייבל — טיש
טשיקענס — עופות, הינער
טוילעט — אָפּטרעט
טייק עי וואָק — כאַפּ א שפּאַציר
טרי טשירס — דריי אויסרופן, דרייפאַכער „הורא“
טו — פאָר — סיקס — אייט — צוויי, פיר, זעקס, אכט
הום ווי דו אפּרישיאייט — וועמען מיר גיב ־אָפּ כבוד

י

יור האָנאָר — אייער עקסצעלענס
יוניאָן — פראָפאַראיין, ארבעטער־פאַרבאַנד
יוניאָנן־קאָנדישאָנס — יוניאָן־באַדינגונגען

ל

לאָנג־איילאנד — אן אנזל לעבן ניו־יאָרק
לייבאָר־ביוראָקראַטן — רעאַקציאָנערע הערשער אין די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס
ליוו מי אַלאָן — לאָז מיך צורו, טשעפּע מיך ניט...
ליפלעט — פּראָקלאַמאַציע, פלוג־בלעטל

מ

מאָסט גאָו — מוז גיין, פאַרטריבן ווערן
מוניציפּאַל־בילדינג — שטאָטישע געבוידע
מיינד יור אָון ביזנעס — ניט דיין עסק, האָב אין זינען דיינע אייגענע געשעפטן
מעמבערס — מיטגלידער
מילינערי — דאמען־הוט פאַך
מופן — אַריבערקלייבן זיך, זיך אָפּטראָגן

נ

נעווער־מיינד — זאָל דיר ניט ארן, ניטאָ וואָס צו טראַכטן...
נעקסט — ריי
נעווער — קיינמאָל
נאָ רום — ניטאָ קיין פּלאַץ

ס

סטריט — גאַס

סקעב — סטרייק־ברעכער

סינק — וואַש־טאָפּ

סעטלען — אויסגלייכן, שליכטן א סכסוך, אָפּמאַכן

סטרייקינג־קאַרד — סטרייק־צעטל

סאָנאָוואָ... — א זידל־וואָרט

סינג־סינג — טורמע, קאַטאָרגע

סאָלידאַריטי פאַר עווער — אייביגע סאָלדאַרטעט

סאַרדזשענט — פּאָלציי־עלטסטער

סעטלמענט — אָפּמאַך, שליכטונג

סטאַמפּעדזש — איינטאָגיגער סטרייק

סיט־דאַון — זעץ זיך אוועק!

סיין — שילד

ספּענדן — אויסגעבן, פאַרטאַכלעווען, פאַרשווענדן

סקעב־איידזשענט — סטרייק־ברעכער אַגענט

סאַוט — דרום

סענדוויטשעס — פּוטערברויטן

סוט — אנצוג

סאַבוויי — אונטערערדישע אייזנבאַן

ע

עווענױ — ברייטע גאַס

עקספּענסעס — אויסגאַבן, הוצאות

עלעקשאַן — וואלן

פּ

פּאָליס־קאַרט — פּאָליציי־אישער רעפּאָרטער־בילעט

פּוירניטשור — מעבל

פּוים — פּנים

פּיקעט־ליין — סטרייק־פּלאַץ

פּאַרמאַן — עלטסער אין פאַבריק

פּלאַטפאָרמע — טריבונע, עסטראַדע, בינע

פּייפּער — פּאַפּיר, צייטונג

פּאַר־מאַנופעקטשורער — פאַבריקאַנטן פון פוטערוואַרג

פּאַר־דיסטריקט — דער צענטער פון די פעלץ־ארבעטער

פּריזאָן — טורמע

פּאַוער — מאַכט

פּאַריער־טרייד — פוטער־אינדוסטריע

פּאַריער — פוטערוואַרג־אַרבעטער

פּריים־אפּ — בלבול, פאַרשווערונג

פראָפּערטי — אייגנטום

פּראָספּעריטי — אויפבלי אין דער ווירטשאַפט

פּריזאָנערס — ארעסטאַנטן

פּראָטעקטיוו שו וואָרקערס יוניאָן — די אָרגאַניזאַציע פון פּראָגרעסיווע שוך־ארבעטער

פּייק — שווינדל

פּאַקעט — קעשענע

פאָר־מאַרקעט — פוטער־ארבעטער צענטער

פאָר־דיסטריקט — פוטער־אַרבעטער געגנט

פליין — פראָסט

פּויזן — סם, גיפט

ק

קאמפּליינט — קלאָגע

קאָנסיל — ראַט

קאָמאַן — קום

קאָרנער — ראָג, ווינקל

קרעדענשל — מאַנדאַט

קעש — מזומן, מזומנים

קאָמפּליינטס — קלאָגן

קוני־איילאנד — באַרימטער פארוויילונג־פּלאַץ

קאָנטראַקטאָרס — קלענערע עקספּלואַטאַטאָרס

קאָוט — מאַנטל

קאָורט — געריכט־הויז

ר

רעגעלע — געוויינלעכע, שטענדיגע

ריעל־עסטייטניק — אייגענטימער פון הייזער און באָדן

ראָש־אָור — אַ רוישיג שעה, ווען ס׳פאָרן מאַסן מענטשן

רומס — צימערן

ראַשען אַמעריקאַן אינדאַסטריעל קאָרפּאָריישאָן — רוסיש־אמעריקאַנישע אינדוסטריעלע געזעלשאַפט

רעדזשסטריישאָן — רעגיסטראַציע, פאַררעגיסטרירונג

ריינק־און־פייל — מאַסאָווער אַרבעטער

רעאָרגאַניזיישאָן — רעאָרגאַניזירן, איבערבויען

ש

שעריף — איספּראַווניק

טשפּ־טשערלייט — פאַרשטייער פון שעפער

שערהאָלדער — אַקציאָנער, האַלטער פון אַקציעס

שערס — אַקציעס